STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04672

DI SHO FUN BEYNASHMOSHES

Y. Finer

Permanent preservation of this book was made possible
by Bruce Gerber & Valarie Botta
in memory of
Mitchell Leon Gerber

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[illegible]

י. פֿינער
פּאַריז

[illegible]

י. פינער / די שעה פון בין-השמשות

י. פּינער

די שעה פון בין־השמשות

דערציילונג פון די אָקופּאַציע־יאָרן

פאַרלאַג פּאַריז

1951

דאָס נייע אין דער דערציילונג „די שעה פון בין־השמשות” פון י. פינער איז אומבאַדינגט דער פראַנצויזישער מאַניר פון אָרט־דערציילן, די פראַנצויזישע לייכטקייט און געשיקלעכקייט, די נאַטירלעכקייט פון דיאַלאָג. און דאָך איז עס דורך און דורך יידיש. אויב אין אונדזערע אַלטע יידישע צענטערן זיינען מיר, אַפילו הינטערבאַוווסטזיניק, אָפטמאָל געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון די גרויסע רוסישע און פוילישע מייסטער, פון סלאַווישן טעמפעראַמענט, איז עס נאַטירלעך, אַז דאָ, אין פראַנקרייך, ווו מיר האָבן אין משך פון די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר פונדעסטוועגן באַוויזן איבערצופלאַנצן אַ ביסל יידישע ליטעראַטור־טראַדיציע, אַז מיר זאָלן זיך באַאיינפלוסן פון דער ליטעראַטור און פונעם פאָלק, צווישן וועלכן מיר לעבן.

„איינפלוס” מוז דאָ אָבער אויך פאַרשטאַנען ווערן ווי אַקטיוו מיטלעבן, סיי פאַר דער מלחמה, און דער עיקר אין די יאָרן פון קאַמף און שווידערלעכער אָקופּאַציע, מיטן פראַנצויזישן פאָלק, מיט דער העלדישער פראַנצויזישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, ווו אַזוי פיל יידן און יידישע אימיגרירטע האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן, זיינען מוטיק געגאַנגען צום עקזעקוציע־סלופּ פאַר אַ פריי, דעמאָקראַטיש פראַנקרייך.

ב. שלעווין

פּאַריז, אַפּריל 1951.

מיין שוועסטער גיטל מאַכאַראָווסקי
און שוועגערין רבקה קאדענסקי,
אומגעקומען אויף דעפּאָרטאַציע —
זייער הייליקן אָנדענק ווידמע איך
דאָס בוך.

קאפיטל 1.

אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן

כ׳בין אַוועק אָפּשטאַטן דעם לעצטן באַזוך ביי מיין מומען, נאָכדעם ווי די מלחמה האָט זיך געהאַט אַריינגעריסן אין מיין משפחה.

איין זון אירער האָט פון פריער נאָך געדינט אין דער רעגולערער אַרמיי, איצט איז דער צווייטער זון, וואָס האָט אָנגעהערט צום ערשטן רעזערוו, אויך גערופן געוואָרן. ער איז געווען דער איינציקער חיונה־געבער אין שטוב. איך האָב געטראָפן מיין מומען אַ פאַרווייגטע און אַ פאַרחושכטע.

— מיר ליגט נאָך — האָט זי געקלאָגט — גוט אין די ביינער די ערשטע מלחמה. גיי האָב קינדער, האָדעווע זיי אויס, מאַך זיי פאַר לייט און דערנאָך קומט עפּעס אַ שוואַרץ־יאָר און רייסט זיי דיר אַוועק...

איך האָב פונדעסטוועגן געפונען פאַר נויטיק שטיל אַ זאָג צו געבן, אַז די מלחמה איז נישט ווי די אַנדערע, אַז ס׳איז אַ מלחמת־מצוה, איבערהויפּט פאַר אונדז, יידן. וואָרום דער דייטשער פאַשיזם וויל אונדז אַלעמען אָפּמעקן פון דער ערד און אָט האָבן מיר אַ געלעגנהייט זיך נוקם צו זיין.

זי האָט טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אָבער זי איז קענטיק פאַרנומען געווען מיט אירע אייגענע געדאַנקען. זי האָט זיך אַלץ נישט געקענט באַרואיקן. איך האָב זיך געזעגנט מיט מיין מומען און מיט מיין שוועסטערקינד. מיך האָט עפּעס פאַרדריקט ביים האַרצן.

דעם זעלבן אָונט האָב איך זיי נאָך איין מאָל געזען, אויפן וואָקזאַל. ס׳איז דאָרט געווען שוואַרץ פון מענטשן: מאַמעס, פרויען, שוועסטערן, קינדער. די מענער האָבן זיך געוויצלט, זיי האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל גלייך, ווי זיי וואָלטן גאָר געווען צופרידן. מיין קוזינס פרוי האָט שטיל געוויינט. זי האָט געגלעט דעם רוקזאַק און אין איר צווייטער האַנט איז געלעגן דאָס הענטל פון איר טעכטערל. און מער איז גאָרנישט געשען, ביז דער פול־באַלאָדענער צוג האָט לאַנגזאַם גערירט פון אָרט.

מיר פאָרן צום פראָנט. אונדזער פריוואַט־לעבן איז שוין אַזוי גוט ווי ליקווידירט. מיינע קופּע־שכנים כאַפּן אַלע ווילע אַ טרונק וויין פון זייערע פלעשער און ס׳איז זיי ווויל אויף דער נשמה. איינער אַ רויט־האָריקער, דערציילט עפּעס אַ מעשה פון אַ „מעק״ (אַ ווױלער יונג), וועל־כער האָט געהאַט אַ פאַרדרייעניש מיט קאָקאַאין און דערנאָך — מיט דער פּאָליציי; אָבער ער האָט זיך קונציק אַרויסגעדרייט. ער גופא האָט קיין שותפות מיטן דאָזיקן „מעק״ נישט געהאַט, ער האָט גאָר אַנדערע געשעפטן, אָבער אַ קליינער חלק פון פאַרדינסטל וואָלט יאָ אויסגעפאַלן אויף זיין חשבון, ווען ער דאַרף נישט לויפן צושטעלן זיך. די מלחמה וועט סיי־ווי לאַנג נישט דויערן, ער וועט זיך אינגיכן אומקערן און זאָל זי נישט מיינען, די שוואַרצע חצופה, אַז איצט וועט זי שוין קענען מאַכן וואָס זי וועט וועלן און גאָר אפשר טיילן אירע „פאַרדינסטן״ מיטן איינאויגיקן, מיט ראָזשען, אַז די נכפּה זאָל אים כאַפּן...

ער איז שוין געווען גוט שיכור און האָט מער גערעדט צו זיך אַליין. די איבעריקע האָבן שוין גאָרנישט רעאַגירט, זיי האָבן כמעט אַלע געכראָפּעט. דערנאָך איז ער אויך איינגעשלאָפן. איך איינער בין פאַרבליבן וואַך. בין איך אַרויס אין קאָרידאָר, אָבער דער דורכגאַנג איז געווען פאַרשטאָפּט. מענטשן האָבן זיך אין שלאָף געוויגט אויף זייערע וואַליזעס. אַרום פאַרטאָג האָט מען אונדזער צוג אַראָפּגעפירט אויף עפּעס אַ זייטיקער ליניע. דאָרטן זיינען מיר שוין פאַרבליבן ביז שפּעט אין טאָג אַריין.

אין שטעטל, ווו מען האָט אונדז אַוועקגעפירט, זיינען געווען קאַזאַר־מעס און אויסגעזען האָט דאָרט ווי אויף אַ יאַריד. ס׳האָט געשווירבלט מיט מענטשן פון אַלע עקן פראַנקרייך. אונדזער פּאַריזער טראַנספּאָרט האָט מען אָפּגעשיקט אין דער קאַזאַרמע 211. ס׳איז גאָרנישט געווען צוגעגרייט אונדז אויפצונעמען און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפעניש, אַ יאָגעניש און אַ פרעגעניש. רעדלעך שטייען און חקרענען זיך, אַנדערע ליגן אויסגע־צויגן אויף סנאָפּעס שטרוי און כראָפּען געשמאַק. איינער שטייט און רייסט

מיט רוגזה אַ חלה, אַ צווייטער שפּייט פאַר־זיך און קוקט אומבאַוועגלעך אויף איין פּונקט.

עס באַווייזן זיך צוויי אָפיצירן און באַפעלן יעדער זאָל צוגרייטן זיין מיליטעריש ביכל. עס פאָרמירן זיך ביסלעכווייז רייען און אַלע באַוועגן זיך אין דער ריכטונג פון די לאַנגע טישן, וווּ מען פאַרטיילט נומערן. לינקס ווערט פאַרטיילט דער נומער 605, ביים טיש רעכטס — נומער 606. וואָס פאַראַ נומער איז מער מזלדיק? ווער קען זיך אויס אין דעם „אַלכימישן" צוזאַמענשטעל פון נומערן? איך באַשליס צו האַלטן זיך לינקס, זאָל זיין וואָס עס וויל! אָבער אין דער לעצטער מינוט ווער איך, ווי פון עפּעס אַן אינערלעכן כוח, אַריינגעשטופּט אין דער רעכטער ריי.

שטיי איך אַזוי מיטן נומער 606 אין דער האַנט, אויסגעמישט צווישן טויזנטער. קומט צולויפן אַן אונטער־אָפיציר און הייסט אונדז גיין אין דער ריכטונג פון שעכט־הויז. אַ ביטערער שמייכל הענגט אויף אַלעמענס פּנימער: צום שעכט־הויז גייען מיר! מיר ווערן איינגעקוואַרטירט אין די בוידעמער פון שעכט־הויז, אין שכנות מיט חזירים, אָקסן און שעפּסן.

נאָך דעם זעלבן אָוונט האָבן מיר געקראָגן אונדזערע אוניפאָרמען. די אינטענדאַנטור האָט זיך קנאַפּ־וואָס גערעכנט מיט דער נאַטירלעכער לענג און ברייט פון איטלעכן. אַ קליינוווקסיקער האָט באַקומען הויזן פון אַ ריז, און אַ ריז — אַ פּאָר הויזן פון אַ קליין מענטשל. די ביקס אָבער איז יעדערן געווען צו דער מאָס. צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך געהאַלטן אַ ביקס אין דער האַנט. איך האָב קיין רעגולערן מיליטער־דינסט קיינמאָל נישט דורכגעמאַכט. כ'האָב געפּרוווט אויפקלערן אַן אָפיציר מיין ספּעציעלן פאַל. האָט ער מיך אויסגעהערט אומגעדולדיק און אַ הויב געטון מיט די פּלייצעס:

— נישט מיין עסק! איר זייט אַ סאָלדאַט און אַ סאָלדאַט מוז וויסן ווי אַזוי אומצוגיין זיך מיט אַ ביקס. קיין איבעריקע קשיות דאַרף מען נישט פרעגן. ס'איז קלאָר, אַ ביקס האָט מען, כדי צו שיסן.

אויף די בוידעמער פון שעכט־הויז זיינען מיר אַלע אַוועקגעפאַלן מיד און אויסגעשעפּט. באַלד זיינען געקומען די שטשורעס זיך באַקענען מיט אונדז. זיי זיינען געשפּרונגען איבער קעפּ און איבער פּנימער. כ'האָב מורא געהאַט איינצושלאָפן, כאָטש די אויגן האָבן זיך מיד געקלעפּט.

אינדערפרי האָבן זיך די זון־שטראַלן אַריינגעריסן דורך די שפּאַלטן פון דאַך. ס'איז די ערשטע רגע שווער געווען צו דערמאָנען זיך וואָס פאַראַ קאָמיש טעאַטער־שטיק מיר האָבן דאָ אַלע אָפּגעשפּילט. כ'ווייס

נישט פאַרוואָס איך האָב אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. אַ סך סאָל־דאַטן האָבן מיר נאָכגעטאָן, אַנדערע האָבן זיך געבייזערט, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קריגעריי, אַ זידלעריי, אָבער דאָס אַלץ נישט מער ווי אין שפּאַס. „הינטישער זון!" — האָט איינער געשריגן און דער צווייטער איז אים מכבד געווען מיטן טיטל: „טערקישער קאָפּ", אַ דריטער האָט געהאַלטן, אַז „ס׳איז שוין צייט צו פאַרמאַכן דעם פּיסק". אַזוי זיינען געמאַכט געוואָרן די ערשטע באַקאַנטשאַפטן. מען האָט פאַרצערט די רעשטלעך עסנוואַרג, געזידלט די מיליטערישע קיך פאַר דער שוואַרצער „קאַווע־יויך" און וואַסערדיקן ווײַן. אין דער אמתן איז דאָס עסן אין דער קיך געווען גאָרנישט שלעכט צוגעגרייט, אָבער קיינער האָט נישט געוואָגט עובר צו זיין אויפן אַלטן סאָלדאַטישן מנהג צו קריטיקירן די קאַזאַרמע־קיך. קיינער האָט, אגב, אויך נישט גענומען ערנסט זיינע אייגענע פאַרוואורפן.

אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה האָט מען בכלל גאָרנישט גענור־מען ערנסט. יעדער איינער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז מען שפּילט טעאַטער — מיר אַליין זיינען די אַקטיאָרן, דער עולם־גולם און אַלץ אַרום איז — דעקאָראַציע. אין יעדן איינעם ראַנגלען זיך צוויי מענטשן: איינער געפינט זיך אויפן בוידעם צווישן די שטשורעס, לאַכט פון אַלץ, באַרימט זיך, זידלט אַלעמען; און דער צווייטער, שטילער, פאַרחלומטער „איך" איז — אַן אומבאַשטימטע קנויל פון זכרונות, דערמאָנונגען, ווו אַלץ איז זיס און טוט וויי.

פּלוצלונג האָט זיך אַריינגעשניטן אין אונדזער זיסן חלומען אַן אַליאַרם־סיגנאַל: „אויפשטיין! נעמט זיך צו די גאַז־מאַסקעס!". אַ טומל, אַ גע־שריי, אַ בהלה. אַן אונטער־אָפיציר שרייט: „צוגיכישע זין! רירט אייך שוין! אַנישט וועט איר דאָ אַלע באַלד דערשטיקט ווערן, ווי די וואַנצן!".

באַלד לאָזן זיך אַלע לויפן אין דער ריכטונג פון וועלדל, מיר הערן דאָס רוישן פון אַעראָפּלאַן־מאָטאָרן איבער אונדז. מיט די גאַז־מאַסקעס אויף זיך, האָבן אַלע אויסגעזען ווי העלפאַנטן אויף צוויי פיס. מען איז געקראָכן צווישן די ביימלעך, געלאַכט און געזידלט די פלי־מאַשינען.

דעם אַנדערן טאָג זיינען מיר איינגעטיילט געוואָרן אין סעקציעס, צו פופציק מאַן אין אַ סעקציע. נאָכמיטאָג האָט מען אונדז אויסגעטיילט „פעלד־קליידונג" און — צום פראָנט! אָבער איידער מיר האָבן זיך גע־לאָזן אין וועג אַריין, איז אונדז נאָך אויסגעקומען מיטצומאַכן אַ מין געזעג־נונגס־פּאַראַד. אויף דער אימפּראָוויזירטער סצענע איז געשטאַנען דער

קאַלאָנעל, אין מיטן פון אַ וואַלד רעגימענט־פענער, און האָט געהאַלטן אַ דרשה אין סקאַרבאַוון מיליטערישן נוסח. מיר זיינען די גאַנצע צייט גע־שטאַנען שטייף, זיך נישט גערירט פון אָרט. זיינע רייד האָט כמעט קיינער נישט געהערט, ווייל יעדער איז פאַרטאָן געווען אין זיינע אייגענע טראַכטענישן. דערנאָך האָט דער אָרקעסטער אויפגעשפּילט די מאַרסע־ליעזע.

מיין מאַמע מיט דבורהלען זיינען צום לעצטן מאָל געקומען מיך גע־זעגענען. זיי זיינען געשטאַנען אויפן פעלד, הינטער די טויערן פון דער קאַזאַרמע, און געפּאַכעט מיט די טיכלעך, ווי אויף אַ וואָקזאַל,ביים אָפּ־גיין פון צוג. דעם באַיאָנעט אויף דער ביקס, די אייזערנע קאַסקע אויפן קאָפּ, בין איך געשטאַנען אין דער ריי. דאָס האַרץ האָט זיך שטאַרק גע־וואָרפן אין מיר. עס האָט זיך געריסן אַהין, צו מיינע אייגענע, ווייט פון דעם גאַנצן פּלאָנטער פון דער „וועלט־געשיכטע". אין דעם מאָמענט האָט די גאַנצע „וועלט־געשיכטע" אויסגעזען צו זיין אַ צו שווערע משא פאַר מיינע פּלייצעס. מיך האָט באַנג געצויגן צוריק צו מיין קינדהייט, צו יע־נעם בלויען הימל, צו יענער גרינער ערד. טשעקאָווע, ווי דער ווייטער עבר פון אַ מענטש קען אַמאָל אין איין סעקונדע אַזוי בולט צוריק אויפ־געלעבט ווערן. אמת, די פאַרבן זיינען שוין אַביסל אָפּגעמעקט, אָבער דאָך באַגלייטן זיי דיך און לאָזן נישט צורו. איך האָב פּלוצלונג ווידער זיך באַגעגנט מיטן בוים אין מיין זיידנס גאָרטן, מיט די פויגעלעך, וואָס האָבן געקרייזט אין דער לופט, מיטן היימישן סקריפּ פון אַ טיר, מיטן קאָר־טאָפּל־פעלד, מיטן ווידער־קול פונעם ברונעם אין מיין זיידנס הויף. און אויף וואָס פאַראַ לשון רעדט דער אַלטער זייגער? ס'איז די שפּראַך פון צייט־חלל. יאָ, עס האָט מיך צוריק פאַרטראָגן צו די גרינע לאָנקעס פון מיין קינדהייט. אַ קליינע זון האָט געלויכטן אין יעדן טוי־טראָפּן. מאַמע־לעך! וואָס פאַראַ כישופדיקע וועלט דאָס איז געווען! דאָס קעלבעלע לויפט אַרום: האָפּ־האָפּ! אַזאַ מין אויסגעלאַסן קעלבעלע!...

אזוי האָט איין סעקונדע נאָך אויסגעזען די וועלט, וואָס האָט אומגע־ריכט זיך אַ טראַג געטון פאַרביי מיר, ווען איך בין געשטאַנען אַרום־גערינגלט מיט די טענער פון דער מאַרסעליעזע. אויך די מאַרסעליעזע האָט געהערט צו מיין גילדערנעם „אַמאָל". אויף אָט די טענער האָב איך שפּעטער אויסגעכאָוועט אַ וואונדערלעכע וועלט. צוזאַמען מיטן „אינטער־נאַציאָנאַל", האָט זי מיך געלערנט דענקען און פילן. און איצט הער איך זי דאָ, אויף אַ מושטיר־פּלאַץ, די טענער זיינען די זעלביקע, אָבער

פאַרוואָס זיינען זיי מיר אַצינד פרעמד? זי איז נישט די זעלביקע, ווי אין אונדזערע אַרבעטער־לאָקאַלן, אויף די מיטינגען, אויף די פאָלקס־פראָנט־דעמאָנסטראַציעס. זי איז געוואָרן אַ געזעגנונגס־מאַרש.

— זייט געזונט, מיינע ליבע און טייערע! — האָב איך צוגערופן מיין מאַמען און דבורהלען.

אָט די עטלעכע ווערטער האָבן מיך נאָך פאַרבונדן מיטן עבר.

קאַפּיטל 2.

„די קאַמישע מלחמה"

אַנגעהויבן האָט זיך עס דערמיט, וואָס איך האָב פאַרטאָג, צוגלייך מיט אַלע זעלנער פון אונדזער רעגימענט, זיך געלאָזן גיין אין טאַקט־טריט צום צוג.

פון ביידע זייטן וועג זיינען געשטאַנען צוויי רייען סאָלדאַטן און האָבן אונדז אָפּגעגעבן מיליטערישן כבוד, ווייל מיר האָבן די ערשטע אָפּמאַרשירט צום פראָנט. איינס־צוויי, איינס־צוויי קלאַפּן אונדזערע סאָלדאַטישע שריט אויפן ברוק. פון אַלע פענצטער באַגלייט מען אונדז מיט די בליקן. קיין איין זשעסט פון באַגייסטערונג. פון צייט צו צייט נאָר וואַרפט אונדז אַ מיידל צו אַ פּאָר בלומען, אָדער אַ האַנט־קוש, זי פאַרשעמט זיך אָבער באַלד און ווערט נעלם.

דערנאָך ווערן מיר אָנגעלאָדנט אין די וואַגאָנען „צו אַכט פערד און פערציק מאַן". דרייסיק וואַגאָנען פאַרמאָגט דער צוג. אונדזער נסיעה האָט געדויערט פיר טעג מיט פיר נעכט. מיר האָבן שיעור נישט פאַרלוירן דעם חשבון. ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט, האָבן מיר אָנגעצייגט וועג דורך די זייטיקע ליניעס. אַ גאַנצן מעת־לעת איז אונדזער צוג שטיין־געבליבן ערגעץ אויף אַן אָפּגעלעגענעם פלאַנט.

דערווייל האָבן מיר די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט שטעט און שטעטלעך, מיט דערפער און פעלדער, און מיר — די סאָלדאַטן — צווישן זיך אַליין. מיר חוזקן פון שלימזלדיקן לאַקאָמאָטיוו, וואָס אַלע רגע פאַרפעלט אים אָטעם און ער קרעכצט. אין צוג האָבן מיר אויך באַוויזן איינצושאַפן זיך אַן אייגענע אינסטיטוציע: אַ „פּרעסע־אַגענץ", אָדער „קאַטשקע". עס האָבן זיך געשאָטן כלערליי „נייעסן", איינע אויסטערלישער פון דער צווייטער. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט זי אונדז איינמאָל מודיע געווען, אַז מיר פאָרן דירעקט קיין פוילן, כדי אָפּצונעמען ביי די דייטשן דאַנציק. ווי

אַזוי פאָרן, דורך וואָנען פאָרן ? — דאָס האָט זי פאַרגעסן מיטצוטיילן. אָבי מען האָט זיך שוין באַצייטנס אומגעקוקט אין די וואַגאָנען, ווער עס קען רעדן פויליש.

סוף כל סוף זיינען מיר אָנגעקומען אויף אָן אָרט, אין אַ פוסטער פערמע, נישט ווייט פון דער מאַזשינאָ־ליניע. אונדזער פּיאָנערן־רעגימענט האָט דאָ באַדאַרפט צוגרייטן קאַזעמאַטן און פאַרפעסטיקונג־ליניעס. איינ־קוואַרטירט זיינען מיר געווען אין די שייערן און שטאַלן. מיר האָבן אויסגערוימט דאָס מיסט און גענומען זיך באַזאָרגן שטרוי פאַר אַ גע־לעגער. ס'האָט אויסגעזען אין דער פערמע, ווי מען וואָלט פונאַנדער־געריירט אַ מוראַשניק : אַלע לויפן אַריין און אַרויס, מען שלעפּט ציגל, כדי אַרומצומויערן די גאַלעגערס, מען רייסט טשוועקעס פון די ווענט. אין דעם גאַנצן טומל זיינען עטלעכע — און איך אויך בתוכם — געבליבן אָן שטרוי. אַ גליק, וואָס איך האָב נושא־חן געווען אין די אויגן פון מיינעביידע שכנים. זיי האָבן מיר אָפּגעגעבן אַ קליין ביסל שטרוי און האָבן מיר נאָך אַפילו געהאָלפן מאַכן דאָס בעט. איך האָב זיך גענומען גוט איינלעבן אין מיין נייער סביבה.

איינער האָט געהייסן פּיער ווילי און דער צווייטער — זשאָן טיראָ. מיר האָבן זיך אַזוי גוט איינגעלעבט, אַז מען האָט אונדז אינגיכן אַ נאָמען געגעבן „דער דריילינג"; און אַזוי ווי מיר האָבן זיך אַלע דריי גענומען פאַרלאָזן בערדלעך, האָבן מיר שוין געהייסן „די דריי מושקעטערן". פאַר־לאָזן זיך אַ רונד בערדל איז אין די ערשטע מלחמה־טעג געוואָרן כמעט אַ מנהג אין אַ סך רעגימענטן. נאָך אַ פּופּציק־יאָריקן שלאָף, האָט די מאָדע פון סוף 19־טן יאָרהונדערט זיך ווידער אויפגעכאַפּט ביי די פראַנט־סאָל־דאַטן. ס'איז געווען אַ מין הענג־בריק צווישן אַ ציווילער, זאָרגלאָזער באַ־העמען־חברה און אַ פאַרהאַרטעוועטער מלחמה־חברותא.

קוקן מיר זיך אַזוי אָן איינער דעם אַנדערן, באַטראַכטן אונדזערע רונד־פאַרשווירענע בערדלעך און מיר שמייכלען. וויבאַלד מיר זיינען שוין יאָ אַזוי ענלעך איינער צום אַנדערן, איז גוט מיר זאָלן זיך צוזאָגן, אַז טאָמער איינער פון אונדז פאַלט, זאָל דער אַנדערער מודיע זיין דער פאַמיליע און זאָל איבערגעבן די לעצטע ווונטשן פון געפאַלענעם. מיר האָבן זיך געביטן מיט די אַדרעסן פון אונדזערע פאַמיליעס און יעדערנס אומעטיקער שמייכל איז נאָך שטילער געוואָרן.

דערווייל איז אין קורצן געקומען אַ באַפעל, אַז יעדער סאָלדאָט מוז, צוליב היגיענישע טעמים, ווידער אָנהויבן צו גאָלן זיך ווי געהעריק. איז

געוואָרן אַ יאָמער, אַ געשריי: די אָפיצירן מעגן אַלץ און מיר גאָרנישט? עס איז אַפילו פאַרפאַסט געוואָרן אַ פאַמפלעט אין פערזן וועגן דער דאָזיקער „גזירה״.

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז אַלע קלאַסן און שיכטן זאָלן זיין פאַרטרעטן אין אונדזער סעקציע. אָט איז דער סקולפטאָר פּאָריע, דער מוזיקער פאָמיע, דער סינעאַסט מאַרסעל קאַרנע און דער פּראָפעסיאָנעלער גנב זשילבערט. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן אויך געהאַט אַ פאָרשטייער פון דער אַלפאָנסן־בראַנזשע, אַ געוויסער מאָנטעני, וואָס פלעגט טענהן, אַז דער אַרטיקל, מיט וועלכן ער האַנדלט, וועט פאַר דער צייט, וואָס ער געפינט זיך דאָ, אַביסל קאַליע ווערן. ס'איז נישט פון די אַרטיקלען — האָט ער געזאָגט, — וואָס קענען געשטעלט ווערן אין אַן אייז־קעלער. אויך אַ גלח האָט זיך ביי אונדז אָפגעפונען, אַ פישער פון ברעטאַן, אַ פּרינץ פון בורגאָן און ווער נישט? מיט די צוויי פראַנצויזישע יידן בין איך געווען אַביסל פונדערווייטנס. זיי האָבן מיר ביי יעדער געלעגנהייט געגעבן אָנצוהערן זייער אַנדערשקייט. דער גלח איז געווען אַן ערנסטער מענטש און האָט אויסגעמיטן געזעלשאַפט. ער פלעגט זיך אָפזונדערן אין אַ ווינקעלע און פאַרטיפן זיך אין זיין קליינעם שוואַרצן געבעט־בוך.

דערווייל אַרבעטן מיר אין די קאַזעמאַטן. מיר באַפעסטיקן זיי, מיר שלעפן זאַמד, ציגל, שטיינער, מיר גראָבן, מיר ווילן פאַרקריכן וואָס טיפער אין דער ערד. מיר גראָבן די ערד און אין האַרצן גראָבט אַ וואָרעם: ווער זיינען מיר, אייגנטלעך? וואָס טוען מיר דאָ? עפעס קלעפט זיך נישט. די גאַנצע מלחמה איז געוואָרן לאַנגווייליק, קיינער האָט זי נישט גענומען ערנסט. ס'איז געווען, ווי מען האָט זי גערופן, „די קאָמישע מלחמה״.

צייטנווייז האָבן מיר פונדעסטוועגן דערשפירט דעם ריכטיקן טעם פון מלחמה. יענע נאַכט, אַ שטייגער, ווען אַ ליכט־סיגנאַל פון אַ טאַשן־לעמפל האָט אונדז פלוצים געבראַכט דעם באַפעל, מיר זאָלן אין משך פון צען מינוט זיין גרייט אָפצופאָרן צום אַפעל. אַ ריי לאַסט־אויטאָמאָבילן האָבן אונדז געבראַכט אויפן אָרט, ווו דער אַפעל איז פאָרגעקומען. דערווייל ווייסט נאָך קיינער גאָרנישט. די אָפיצירן לויפן אַרום, ציילן, קאָנטראָלירן, רעגן זיך אויף איבער אַ קלייניקייט. אפשר מאַכן זיי זיך נאָר וויכטיק, כדי נישט אויסצוזאָגן באַצייטנס די סאָלדאַטן? דאָס געהער שוין מסתמא צום מיליטערישן צערעמאָניאַל.

אָט באַווייזט זיך דער קאַפיטאַן און דערקלערט, אַז מיר האָבן דורכצופירן אַ וויכטיקע אַרבעט. מיר דאַרפן אויסלאָדן עטלעכע וואַגאָנען גראַ־

נאַטן. בעתן אויסלאָדן טאָרן מיר נישט רעדן, נישט רויכערן, מיר וועלן זיך געפינען אין דער סאַמע פאָדערשטער ליניע פון פראָנט.

די דאָזיקע אָפּעראַציע איז דורכגעגאַנגען גלאַט און ווידער זיינען מיר אַריינגעפאַלן אין געוויינלעכן לאַנגווייל. אַ גאַנצן טאָג אַרום די קאַזע־מאַטן, אין אָוונט שפּילט מען אין קאָרטן, מען שרייבט בריוו אַהיים, אָדער מען לייענט איבער צום צענטן מאָל אַ בריוו. דער וויצן־אַרסענאַל האָט זיך שוין פון לאַנג אויסגעשעפּט. אויף דער נשמה איז פּוסט.

איינער דעם אַנדערן האָט אָנגעהויבן דערעסן צו ווערן. וויפל מאָל האָט עס געהאַלטן ביי אַ געשלעג איבער נאַרישקייטן. „באַנדע אידיאָטן!" — האָט איינער געשריגן און דער צווייטער האָט געענטפערט: „אַן אידיאָט איז דער, וואָס שרייט". און אַ דריטער האָט גלייך צוגעפּסקנט: „אויף דעם איז דאָ נאָר איין עצה: אָנרייבן אַ מאָרדע". צום סוף האָט מען קיינ־מאָל נישט געוווּסט פון וואָס די קריגעריי האָט זיך אָנגעהויבן. מען איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען בורטשענדיק, אַז „ס'וועט גלאַט נישט אָפּגיין"...

ווער קען וויסן מיט וואָס ס'וואָלט זיך אויסגעלאָזן, ווען עס קומט נישט באַלד אַן ענדערונג. דער באַפעל איז געקומען, מיר זאָלן פאַרנע־מען אַ פּאָזיציע ניינציק קילאָמעטער ווייט פון דער פערמע. דריי טעג האָט געדויערט אונדזער מאַרשרוט צופוס, מיט דער לאַסט אויף זיך.

אין דעם וואַלד לעבן סאַאַרבריקען האָבן מיר ווידער געבויט קאַזע־מאַטן. די ערשטע נאַכט זיינען מיר געשלאָפן אונטערן פרייען הימל. אין משך פון אַכט טעג האָבן מיר זיך אַפילו נישט אַרומגעוואַשן, ווייל דאָס ביסל וואַסער, וואָס מען פלעגט פון ערגעץ ברענגען צופירן אַהער, האָט קוים געקלעקט פאַר די קיכן.

נאָך גוט, וואָס מיר זיינען שנעל אַוועק פון דאָרט. אונדזער ניי־ע פּאָזיציע איז געווען אין אַ שטעטל, וווּ עס איז שוין, זעט אויס, געווען דער פראָנט גופא. קיין איין לעבעדיקן ציווילן נפש איז נישט געווען צו זען. די טירן אין אַלע הייזער זיינען געווען אויפגעריסן. מיר, די „דריי מושקעטערן", און נאָך עטלעכע פון אונדזער סעקציע, האָבן זיך באַזעצט אין אַ פאַרלאָזן הויז. אויפן טיש זיינען נאָך געשטאַנען די טעלער און די וויין־גלעזער. אויף דער קיך האָבן זיך נאָך געקאָכט די טעפּלעך. דער קינדער־פּאַרק איז געשטאַנען אין עס־צימער און צאַצקעס האָבן זיך גע־וואַלגערט אונטער די פיס. מיר האָבן זיך געזעצט צום טיש און געגעסן פון אַ מאָלצייט, וואָס איז נישט פאַר אונדזערטוועגן צוגעגרייט געוואָרן.

נישט אַלע סאָלדאַטן פון אונדזער סעקציע האָבן זיך געלאָזט פאַר־

דאַרבן די שטימונג. אדרבא, מען האָט געלאַכט, זיך געווערטלט און גע־לאָזן זיך ווילגיין מיט יענעמס האָב־און־גוטס. דעם אַנדערן טאָג האָט דער אָפיציר צוויסן געגעבן, אַז די קיך האָט אויסגעשעפּט איר גאַנצן פּראָוויאַנט און ביז וואָס־ווען, מוזן מיר זיך אַליין אַרויסהעלפן. די סאָל־דאַטן האָבן זיך גלייך אַ לאָז געגעבן ראַבירן און שלעפּן פון די הייזער, פון די קאַמאָדן און פון די שרענקען — נישט נאָר עסנוואַרג, נאָר אויך וועש, זאַכן, בילדער און אַפילו צירונג. די חלוקה איז, פאַרשטייט זיך, צוגעגאַנגען, נישט אָן קריגערייַ און געשלעגן. קיין בעסערן מיטל ווי אַזוי צו דעמאָראַליזירן די סאָלדאַטן, האָט מען גאָרנישט געקענט צוטראַכטן. די מלחמה, וואָס מיר האָבן געפירט, איז געווען נישט נאָר קאָמיש, נאָר זי האָט צעמישט די יוצרות אין די סאָלדאַטישע מוחות: מען האָט נישט געוווסט, צי מען איז ביי זיך אין לאַנד, אָדער אין אַן אָקופּירטן געביט. אַלע האָבן זיך אָנגעשיכורט, די אונטער־אָפיצירן, די עטלעכע אָפיצירן, אַלע זיינע געווען שיכור, ווי לוט.

איין אונטער־אָפיציר האָט זיך פּלוצים פאַרגלוסט צו שיסן אויף אַ ציג, וואָס האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט אין הויף. אַ צווייטער האָט אַרויס־געריסן פון אים דעם רעוואָלווער. צווישן זיי איז פאָרגעקומען אַזאַ מין קאָמישער דיאַלאָג:

— ווער איז דאָ די ציג, איך, אָדער דו?

— האָסט נישט וואָס צו שיסן אויף דער אָרעמער ציג. זי האָט דיר קיין שלעכטס נישט געטון.

— זי האָט מיר קיין שלעכטס נישט געטון, זאָגסטו? פונוואַנען ווייסטו דאָס?

— מיר פירן נישט קיין מלחמה מיט ציגן. וואָלט די ציג געווען אַ „באָש" (דייטש), איז אדרבא. איין קויל וואָלט פאַר איר וויניק געווען...

דערוויל האָבן זיך נאָך אַנדערע אַריינגעמישט.

— ער איז גערעכט! — האָט זיך איינער געקאָכט.

— ער איז נישט גערעכט! — האָט אַ צווייטער געשריען.

— נאָכוואָס דיסקוטירן איבער זאַכן, וואָס נאָר דער טייוול אַליין ווייסט — האָט איינער געפּרווט מאַכן שלום — לאָמיר פרעגן די ציג גופא. ווי זי וועט פּסקענען, אַזוי וועט זיין.

דער דאָזיקער פאָרשלאָג האָט ביי אַלעמען אויסגענומען און מען האָט זיך אַ לאָז געטון צו דער ציג, וואָס איז דערשראָקן־תמעוואַטע געשטאַנען אין אַ ווינקעלע פון הויף. דערזען אַזויפיל סאָלדאַטן זי אַרומרינגלען, האָט

זי געפונען אַ שפּאַרע און האָט זיך אָפּגעטראָגן. אַלע האָבן זיך פונאַנדער־געלאַכט און מען האָט זיך דערזען מיט איינמאָל מאַדנע־קאָמיש.

דערפאַר האָט מען נישט געשאַנעוועט קיין קעלבער, נישט קיין קי און נישט קיין אָקסן. מען האָט געשאָכטן די בהמות פאַר רחמנות־וועגן, ווי די קינד־לייט האָבן דערקלערט, די אָרעמע באַשעפעניש זאָלן נישט אַריינפאַלן צו די דייטשן. ווייל געטראָגן האָבן זיך שוין קלאַנגען, אַז מען וועט זיך מעגלעך צוריקציען פון די פאָדערשטע ליניעס, כאָטש די שלאַכט האָט זיך נאָך גאָרנישט געהאָט אַפילו אָנגעהויבן.

זונטיק האָבן מיר געהאַלטן וואַך אויפן קליינעם וואָקזאַל, כדי צו קאָנטראָלירן די אורלויב־שיינען. דער וואָקזאַל איז געווען פול מיט פרויען און קינדער. זיי זיינען געקומען זיך זען מיט זייערע סאָלדאַטן. אָט שטייט איינער, אַן עלטערער, אַרומגערינגלט פון זיינע דריי קינדער. הילפלאָז קוקן זיינע פייכטע אויגן, זיינע ליפּן ציטערן. אַלע ווײַלע כאַפּט ער אַן אַנדער קינד אויף די אָרעמס, קושט עס אין די אויגן, אין די בעקלעך און שטעלט עס צוריק אַוועק אויף דר׳ערד. די פרוי שטייט אין אַ זייט אַ פאַרוויינטע, ווי פאַרשטיינערט. אָט שטייט אַ יונגער סאָלדאַט און שושקעט זיך מיט זיין פרוי, אָדער געליבטע. ווי צוויי טויבן טוליען זיי זיך איינער צום צווייטן.

איך טראַכט פון מיין דבורהלען, איך טראַכט פון מיין אָרעמער, אַלטער מאַמען. ווו זיינען זיי אַצינד ? וואָס לעבן זיי איבער ?

מיט אַ נאַכט שפּעטער שיקט מען אַ גרופּע פון אונדזער סעקציע אויף וואַך ביי די „זשואַיע" (די פריילעכע). דאָס איז אַ באַטאַליאָן, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרמשפּעטע, קאַטאָרזשניקעס. זיי באַגעגענען אונדז מיט אויסגעשרייען :

— הינטישע זין ! פּרובירט נאָר נעמען זיך צו אייערע ביקסן. מיר ווילן נאָר גיין זוכן אַביסל ווײַן און מיר קומען באַלד צוריק !

— נאָט אייך ווײַן ! — האָב איך זיי דערלאַנגט מיין בלעכן פלעשל.

דער דאָזיקער זשעסט האָט זיי גערירט. זיי האָבן מער נישט געפּאַדערט, מיר זאָלן זיי דורכלאָזן.

פּיער ווילִיע, וואָס איז געווען צוזאַמען מיט מיר אויף דער וואַך, איז איבאָוונט צוגעקומען צו מיר. אַזאַ האָב איך אים נאָך נישט געזען. איך האָב געפילט, אַז ער וויל זיך עפּעס אַראָפּרעדן פאַר מיר. מאַרסעל, הייסט זי, זיין ליבע. איר ליבע איז ווי אַ זינגענדיקער קוואַל. מאַדנע, פּריער האָט אים גאָרנישט אָנגעהויבן צו אַרן, וואָס זי האָט אַ מאַן, אַ היים, אַן אַפּ־

געזונדערט לעבן. אָבער איצט פאַרדריסט עס אים, וואָס דער מאַן איז דאָרט שטענדיק לעבן איר און וואָס ער וואַלגערט זיך דאָ אויפן פראָנט.

דעריבער באַשווערט ער מיך; אַזוי ווי איך דאַרף די טעג פאָרן אויף אורלויב קיין פאַריז, זאָל איך אָפּשטאַטן אַ באַזוך זיין מאַרסעלן און איך זאָל איר דערציילן — וואָס, אייגנטלעך, זאָל איך איר דערציילן ? — אַז ער לעבט, פּיער ווילליע... געוויס לעבט ער... קיין קויל קען אויף אים קיין שליטה נישט האָבן, כל־זמן ער וועט זי נישט זען נאָך איין מאָל, כל־זמן ער וועט איר נישט זאָגן אַלץ, וואָס ער טראַכט. איבערגעבן וואָס ער טראַכט קאָן ער נאָר אַליין, אפילו אָנשרייבן קען מען עס נישט.

און אַזוי ווי ער האָט מיר דערציילט פון זיין מאַרסעלן, האָב איך אויך גענומען טראַכטן פון מיין מאַרסעלן. פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט נישט גע־הייסן מאַרסעל, נישט זשאַנעט, נישט אָדעט, נאָר — דבורהלע. אָבער מיין ליבע צו איר איז אויך געווען אַ גרויסע, אַ שיינע, אַ ליכטיקע...

קאַפּיטל 3.

פּאַריז, פּאַריז...

פאָר איך, הייסט עס, אויף אַ פּאָר טעג קיין פּאַריז.

אין צוג געפינען זיך נאָך אורלויבער. אַלע זיינען זיי פריילעך. עס קלאַפּט אין מיר דאָס האַרץ. איך בין שוין אומגעדולדיק. מאַנטיק, דינסטיק, מיטוואָך... — צייל איך די טעג, די פרייע טעג, ווייט פון דעם פראָנט־קאַשמאַר.

אין אַלע וואַגאָנען האָט מען געזונגען. איך האָב אויך מיטגעזונגען, נישט קיין סאָלדאַטן־לידער, נאָר היימישע, אַמאָליקע ניגונים. זייער ריטם האָט זיך אַריינגעפלאָכטן אין דעם פראַנצויזישן געזאַנג פון וויין־קעלערן און פון יענער בלאָנדער מיידל, לעבן וועלכער „ס'איז גוט צו שלאָפן". מיר איז ווויל אויף דער נשמה — נישטאָ וואָס צו זאָגן. איך פאָר אַהיים. מאָנטיק, דינסטיק, מיטוואָך... און נאָכדעם... צו וואָס טראַכטן, וואָס נאָכדעם וועט זיין? דבורהלע, מיין ליבע, טייערע דבורהלע! און מאַרסעל? יאָ, מאַרסעלן טאָר איך אויך נישט פאַרגעסן, פּיער ווילּיעס מאַרסעל! קיינער רעדט נישט אַזוי שיין וועגן ליבע, ווי ער.

פּאַריז! די שטאָט לעבט ווידער מיט אַלע אירע פּיבערן. מאַמעלעך, ווייבל ריטם די שטאָט פאַרמאַגט. אַבי מיר האָבן געמיינט, ליגנדיק אויפן פראָנט, אַז די שטאָט איז אויסגעלאָשן געוואָרן. עס טראָגן זיך המונים איבער די גאַסן. אַלע קאַפעען זיינען פול־באַזעצט — אַ ריזן־ראַפּסאָדיע אין שוואַרץ און אין בלוי.

אמת, די גאַסן זיינען אַביסל פאַרטונקלט. אָט איז נומער 37. דאָ וווינט דער און דער. אַהער גיי איך טאַקע. די פענצטער זיינען פאַרהאָנגען. איידער וואָס, לאָמיר אויספירן מיין שליחות ביי מאַרסעלן.

— גוטן אָוונט אייך, מאַרסעל. איך קום פון פראָנט. פּיער ווילּיע האָט

מיר צו אייך געשיקט. איך בין זיינער אַ חבר. אַפּט שטייען מיר ביידע אויף דער וואַך.

גיך, זייער גיך, האָב איך דאָס אַלץ אַרויסגעזאָגט, כמעט אין איין אָטעם. איך האָב גאַנץ גוט איינגעזען דעם אומזין, די לעכערלעכקייט פון מיינע רייד. איך האָב אָבער בשום־אופן נישט געקענט צוטראַכטן אַ פּאָר קלוגערע זאַצן אין דעם מאָמענט.

אויף אַ ברעג פּאָטעל בין איך געזעסן אין מאַרסעלס מאַלער־אַטעליע און געדרייט מיין סאָלדאַטישע קעפּקע אין די הענט. איך בין זיך אַליין פאַרגעקומען זייער קאָמיש. געוויס בין איך פון מאַרסעלס שיינקייט פאַר־בלענדט געוואָרן. איך האָב אַלץ נישט געקענט היימיש ווערן מיט די סיר־רעאַליסטישע בילדער, וואָס זיינען געווען צעהאָנגען אויף די ווענט, מיט די אַלע אויסטערלישע פּנימער, וואָס שטייען ווי נישט אויף זייער אָרט. גאַנץ באַזונדער איז מיר די גרימאַסע פון אַ פּאָר קוואַדראַט־אויגן אין אַ גרינעם פּאָרטרעט, נישט געפעלן. ניין ! דאָס איז נישט דאָס ריכטיקע וואָרט. איך האָב דעם בליק נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין.

מאַרסעל האָט, זעט אויס, מיין מינע אויפגעכאַפּט און האָט זיך אָפּגעד־רופן :

— דאָס איז מיין אויטאָפּאָרטרעט. איך האָב אים מיט אַ וואָך צו־ריק פאַרענדיקט.

— מיט אַ וואָך צוריק ? — האָב איך זיך געוווּנדערט און אַ שמייכל האָט אויסגעקרומט מיין פּנים.

— וואָס זעט מען אויפן פּראָנט ? — האָט זי מיך פּלוצים אויפסניי איבערראַשט מיט נאָך אַ פראַגע.

איך האָב שטאַרק חשק געהאַט אַ שריי צו טון, אַז אַ פראָנט איז נישט קיין אויסשטעלונג, נישט קיין מוזיי, נישט קיין ראַפּסאָדיע אין שוואַרץ און אין בלוי, ווו מען פרעסט און מען זויפט און מען „מאַכט ליבע״, ווי די פראַנצויזן זאָגן. אַ פראָנט איז : טויט, בלאָטע, קבר און דער עיקר — בענקשאַפט.

— דער פראָנט ?... די ריכטיקע מלחמה האָט זיך נאָך נישט אָנגעה־הויבן — האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון מיינע ליפּן — און פּיער ווילי לאָזט אייך זאָגן, אַז ער טראַכט זייער פיל וועגן אייך.

— איך ווייס ! איך האָב אים נעכטן געשריבן אַ לענגערן בריוו.

— אין אַ בריוו לאָזט זיך נישט אַלץ זאָגן. אַפילו אין אַ לאַנגן בריוו.

מיר זיינען נאָך אַ ווײַלע געזעסן. איין גלעזל קאָניאַק, נאָך אַ גלעזל קאָניאַק. אַלע רייד האָבן זיך גיך אויסגעשעפּט. ווען איך בין דערנאָך אַרונטער די טרעפּ, האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך האָב נאָך עפּעס פאַרגעסן זייער וויכטיקס איבערצוגעבן פון פראַנט, פון פּיערן. אפשר האָב איך אויך באַדאַרפט דערציילן די מעשה מיט דער ציג, וואָס איז געוואָרן אונדזער פּעטיש. פאַראַן אויפן פראַנט אַווירקלעכקייט, וואָס איז טיף רעאַל און שטייגט אַריבער אַלע פאַנטאַזיעס פון די סיר־רעאַליסטן. איך כאַפּ זיך, אַז איך בין אויפגערעגט. עפּעס גראָבט אין מיר.

ווי שנעל די זיבן טעג זיינען אַריבערגעלאָפן. אַן אומעטיקער צוג האָט מיך צוריקגעפירט. איך ווייס נישט פאַרוואָס — ווי צום לעצטן מאָל האָב איך געקוקט אויף פאַריז, אויף דעם ים מענטשן, וואָס האָט אין די עטלעכע חדשים אָנגעפילט די שטאָט. אַזויפיל מענטשן, נאָך מער ווי פריער.

אין רעגימענט האָט מען זיך געגרייט צום ווייַנאַכט־יום־טוב. אין דעם פאַרלאָזענעם בנין פון דער דאָרף־פאַרוואַלטונג האָט מען רעפּעטירט עפּעס אַ טעאַטער־שטיק, מען טאַנצט, מען זינגט. אין אָוונט זיינען די פיר לאַנגע טישן איבערגעדעקט. אַ ברעטאַנישער פישער שפּילט אויף אַ האַנט־האַרמאָניקע, ווייטע, מיט ים־און־בענקשאַפט־אָנגעלאָדענע מאָטיוון. און אָט נעמען זיך שיטן די טאָאַסטן. דער קאָלאָנעל ווינטשט אונדז איבער־אַיאָר צו פאַרברענגען יעדער ביי זיך אין הויז, מיט זיינע אייגענע.

אויף דער ווייבלעכער מין האָט נישט געפעלט. עטלעכע סאָלדאַטן האָבן זיך פאַרשטעלט און זיינען אונדז מזכה מיט אַ באַלעט אַ לאַ „פאָלי בערזשער". איך האָב זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקעלע, צוזאַמען מיט פּיער ווילי און — צום ווײַפלטן מאָל — געמוזט איבערדערציילן אים מיין באַזוך ביי מאַרסעלן, מיט אַלע פּרטים. ווי זי האָט אויסגעזען אין דעם אָוונט, דעם גלאַנץ פון אירע אויגן, יעדע באַוועגונג אירע האָב איך אים געמוזט באַשרייבן.

— איך זאָג דאָך דיר, מיין ליבער פּיער, אַז מיין באַזוך איז געווען אַ קורצער, אַ האַלבע שעה העכסטנס.

— יאָ, אפשר האָט זי אין דעם אָוונט געוואַרט אויף איר מאַן, האָט זי מורא געהאַט, ער זאָל דיך נישט טרעפן. ער וואָלט מסתמא פאַרשטאַנען, אַז דו האָסט איר געבראַכט אַ גרוס פון מיר. קען זיין, ער וואָלט דיר חושד געווען, אַז דו ביסט איר געליבטער...

— פּיער, האָסט צופיל געטרונקען.

ער האָט זיך פּלוצים פונאַנדערגעוויינט און איך האָב אים אָפּגעפירט צו זיין בעטל.

און אָט גייט ווידער אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אין קעלט, אין בלאָטע, אין לאַנגווייל, אין בענקשאַפט, אין שרעק. ס'איז נאָך גוט, וואָס מען ווערט מיט דער צייט אָפּגעטעמפּט צו קוקן אויף די אומענדלעכע שניי־סטעפּעס. די געדאַנקען שלאָפן ביסלעכווייז איין.

איין אָוונט זיצן מיר און שמועסן געמיטלעך וועגן ליבע, פּרויען, טאַטע־מאַמע. פּלוצים ווערן מיר ווי עלעקטריזירט און מיר פאַלן אַראָפּ פון די שטולן. אַלץ נעמט זיך דרייען פאַר די אויגן. אונטער אַ האָגל פון קוילן קלעטערן מיר באַרג־אַרויף, צום וואַלד. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, אַלץ איבערגעלאָזן, בלויז די גאַז־מאַסקע האָבן מיר באַוויזן צו כאַפּן.

איצט איז די מעשה טיבור קיינעם נישט אַרויס פון זינען. טיבור איז געוועזן דער סאָלדאַט, וואָס האָט אַן אַ באַפעל געוואַגט אַרונטערצושיסן מיט אַ מאַשין־געווער אַ דייטשן אַעראָפּלאַן. פאַרן דאָזיקן „חטא" האָט אים אַ פעלד־געריכט פאַרמשפּט צום טויט. דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן פאַר אונדזערע אויגן. מיר האָבן דערקלערט אַ הונגער־שטרייק און אין דעם טאָג אָפּגעזאָגט זיך אויסצופירן דעם מאַרשרוט־באַפעל. דער סוף איז געווען, אַז מיר זיינען אַלע האַרב באַשטראָפט געוואָרן.

מען האָט אונדז אַריינגעזעצט אין די סאַמע פאָדערשטע ליניעס פון פראָנט. מיר האָבן אַלע, לויט דער ריי, געדאַרפט שטיין פּאַטרול.

אין די ערשטע טעג פון מאַי זיינען צען פון אונדז דערהרגעט געוואָרן. די דייטשן האָט זיך איינגעגעבן אַריינצורייסן זיך אין אונדזערע ליניעס און מיט זייערע קליינע מאַשין־געווערן „אויסצוקאָסען" אונדזערע פּאַטרולן. מיר האָבן געהאַט אין אונדזער רשות אומגעלומפּערטע ביקסן פון אַן אַלטן מאָדעל. יעדער האָט באַקומען צוגעטיילט פערצן קוילן, נישט מער.

עמעצער פון אונדז האָט געפונען אין אַ ווינקעלע פון קאַזעמאַט צוויי מאַשין־געווערן און אַ גאַנצן קאַסטן מיט קוילן. מיר זיינען שוין געווען גוט אָנגעלערנט און האָבן באַשלאָסן נישט אויסצוזאָגן דעם אָפיציר פון אונדזער סעקציע.

מאַנטיני, אַ יונג מיטביינער, וואָס האָט אַפילו פאַרן טייוול אַליין נישט מורא געהאַט, איז גלייך צוגעשפּרונגען צום מאַשין־געווער און האָט גענומען מאַניפּולירן. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט באַדינען ביידע מיטאַמאָל, ביי אַן אַנדערן ווערן זיי זיך פאַרהאַקן. ער האָט גערעדט פון

זיי, ווי פון לעבעדיקע באַשעפענישן. איצט האָבן מיר געוווסט, אַז מיר וועלן זיך כאָטש קענען פאַרטיידיקן, אויב דער דייטש וועט אונדז אָפּשטאָטן נאָך אַ וויזיט. מיר זיינען האַפערדיקער געוואָרן אין אונדזערע אייגענע אויגן.

דעם אַנדערן טאָג — דאָס איז געווען דעם 10־טן מאַי — האָט מען אונדז אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז די פראַנצויזישע אַרמיי האָט אַריינמאַרשירט קיין בעלגיע, כדי זיך צו פאַרנעמען אויף האָלאַנד און פון דאָרט — אויף דייטשלאַנד גופא.

די מלחמה, הייסט עס, האָט זיך פאַרקירעוועט אויף אַ גוטן וועג. זיגרייך מאַרשירן אונדזערע חיילות... פון אַלעמענס ליפּן האָט זיך ספּאָנטאַן אַ ריס־געטון די „מאַרסעליעזע". „לאָמיר גיין, קינדער פון פאָטערלאַנד, דער טאָג פון רום האָט געשלאָגן. נקמה וועלן מיר נעמען פאַר אַלע גרויל־טאָטן, וואָס די דייטשע באַרבאַרן האָבן אָפּגעטון"... מיר האָבן אַלע אָנגעהויבן וועבן פּלענער פאַר דער נאָך־מלחמה־צייט, וואָס איז, ווי אונדז האָט זיך געדוכט, שוין געשטאַנען נאָענט ביי דער שוועל.

דעם 17־טן מאַי האָבן די דייטשן פאַרכאַפּט לוקסעמבורג. די מאַזשינאָ־ליניע האָט אין אַ גרויסער מאָס פאַרלוירן איר באַדייטונג. דער פראָנט האָט זיך שוין אייגנטלעך געפונען הינטער אונדזערע פּלייצעס. די פראַנצויזישע אַרמיי ציט זיך צוריק פון בעלגיע. דער באַפעל פאַר אונדז איז געווען: „צוריקטרעטן".

מיר לויפן אין איין אָטעם. די צווייטע נאַכט מאַכן מיר דורך נאָך אַ מאַרשרוט פון פערציק קילאָמעטער. מיר ווערן צוגעטיילט צום פעלד־לאַזאַרעט. די טויטע לאָזט מען ליגן און די פאַרוווּנדעטע שלעפּן מיר אויף די פּלייצעס צו די פּאָסטנס נאָך ערשטער הילף.

— וווּהין גייען מיר? — פרעגט זיך יעדער מיט אומרו — ביז וואַנען?

קאפיטל 4.

דריי סאָלדאַטן און איין אָפיציר

אַצינד איז שוין מער נישט פאַנאַנדערצוקלייבן זיך, ווו ס'איז דער „פאָר־אויס" און ווו — דער „צוריק".

אונדזער לייטענאַנט, אַגע, האָט זיך אין זיינע אייגענע באַפעלן שטאַרק געגומען פּלאָנטערן. צום סוף האָט ער אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט : „סיי־ווי זיינען מיר פאַרלוירן!". ער האָט נישט געוווסט פון די צוויי מאַשין־געווערן. אַצינד האָבן מיר אים אויסגעזאָגט דעם סוד. דאָס האָט געמאַכט אויף אים אַן איינדרוק. ער האָט זיך אויסגע־גלייכט, ער איז ווידער געוואָרן דער לייטענאַנט אַגע, אַ סאָלדאַט פון מוט און פון אויסדויער. ער וויל פון איצט אָן, האָט ער דערקלערט, קאָמאַנדירן נאָר זיך אַליין — אַזוי האָט ער זיך אויסגעדריקט...

ער האָט רעהאַביליטירט זיין רעפּוטאַציע, ער האָט באַוויזן ווי אַזוי אַ קאָמאַנדירנדיקער אָפיציר דאַרף זיך באַנעמען אין אַזאַ לאַגע. דער־פאַר טאַקע זיינען דריי סאָלדאַטן צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל זיי דערלויבן צו בלייבן מיט אים. איך בין געווען איינער פון די דריי. די איבעריקע זיינען געווען : מאָנטיני און נאַטאַן לעווינסאָן.

נאָך אַ קורצער קווענקלעניש, האָט דער לייטענאַנט מסכים געווען.

דריי סאָלדאַטן זיינען מיר פאַרבליבן אין די פאָדערשטע קאַזע־מאַטן פון דעם גאַנצן פראָנט־אָפשניט, דריי סאָלדאַטן און איין אָפיציר.

מאָנטיני האָט זיך געשטעלט ביי איין מאַשין־געווער, אונדזער לייטענאַנט — ביים צווייטן. איך און לעווינסאָן האָבן געדאַרפט באַדינען מיט אַמוניציע. מיר האָבן געשליידערט פייער און דאָס האַרץ האָט זיך אַביסל געקילט. די דייטשן זיינען זיכער געווען, אַז אויף אונדזער פּאָזיציע געפינען מיר זיך אין אַ גרויסער צאָל און אַז מיר גרייטן צו אַ גענעראַל־אַנגריף. האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן, אָדער נישט ? די

שיסעריי פון יענער זייט איז, יעדנפאַלס, שוואַכער געוואָרן, ביז זי איז כמעט אַנטשוויגן געוואָרן.

מיר האָבן מיטאָמאָל באַמערקט, ווי מאַנטיני לאָזט אָפּ דאָס הענטל פון זיין מאַשין־געווער און גיט זיך אַ צי אויס. מיר האָבן קיין שום געשריי פון זיינע ליפּן נישט געהערט. אַ קויל האָט אים דורכגעלע־כערט דעם שאַרבן. די קויל איז גאָר געקומען פון הינטן. אַ שנירעלע בלוט האָט זיך געשלענגלט אויף זיין באַק. מיר שפּיצן אָן די אויערן — מען הערט נישט מער קיין איין שאָס. מיר באַשליסן פונדעסטוועגן צו בלייבן אויפן אָרט און פאַרטיידיקן זיך ביזן לעצטן... וואָס האָבן מיר, אייגנטלעך, שוין איצט געהאַט צו פאַרטיידיקן ? אָבער קיינער פון אונדז האָט זיך נישט געוואָלט צוריקציען.

האָט דען געהאַט אַ זין צו שיסן אין חלל אַריין ? אָבער דער קאַסטן קוילן האָט געמוזט אויסגעשאָסן ווערן. אים שלעפּן צוריק האָבן מיר נישט געקענט און איבערלאָזן אים פאַר די דייטשן, האָבן מיר נישט געוואָלט.

נאָר אָט איז אונדזער צווייטער מאַשין־געווער, וואָס איז באַדינט געוואָרן פון לייטענאַנט אגע, אויך אַנטשוויגן געוואָרן. ער איז געווען פאַרוואונדעט אין דער האַנט. איצט איז קיין אַנדער ברירה נישט פאַר־בליבן ווי צו פאַרלאָזן דעם קאַזעמאַט און דעם קאַסטן קוילן.

איך האָב שנעל אַ ריס געטון אַ פאַס פון מיין העמד און האָב באַנ־דאַזשירט די פאַרוואונדעטע האַנט פון לייטענאַנט. מיר ביידע, איך און לעווינסאָן, האָבן אים גענומען אונטערן אָרעם און זיינען לאַנגזאַם אַרויס־געקראָכן. אויף אַלע פיר האָבן מיר זיך אַריינגעשאַרט אין וועלדל. דער לייטענאַנט האָט פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין. מיר האָבן אים געטראָגן אויף די הענט. סוף כל סוף האָבן מיר זיך דערשלעפּט צו אַ הייזל, ווו מיר האָבן געפונען וואַסער. מיר האָבן אים באַנעצט די ליפּן און ער איז לאַנגזאַם געקומען צו זיך.

נאָך אַ גאַנצער נאַכט בלאָנדזשען, האָבן מיר זיך דערשלעפּט צו אַ שטעטל. דאָרט האָבן מיר געפונען אַ פעלד־לאַזאַרעט, ווו מען האָט אים איבערגעבונדן די וווּנד. די קויל האָט אים דורכגעלעכערט די האַנט־פלאַך, נישט אָנרירנדיק דעם ביין. צוזאַמען האָבן מיר זיך איצט גע־לאָזן גיין זוכן אונדזער רעגימענט.

לאַנג זוכן האָבן מיר נישט באַדאַרפט, ווייל אַ האַלבער רעגימענט

איז נאָך געווען אין שטעטל. לייטענאַנט אַגע האָט אויפסניי איבערגע־נומען די קאָמאַנדע.

צומאָרגנס,ביים אַפּעל, האָט דער רעגימענט־קאָמענדאַנט געהאַלטן אַ רעדע, פול מיט שבחים פאַר לעווינסאָנען און פאַר מיר. ער האָט דערציילט ווי אַזוי מיר האָבן, ביי דער גרעסטער לעבנס־געפאַר, געראַ־טעוועט דעם לייטענאַנט אַגע. ער האָט נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז מיר זיינען יידן און אַז אונדזער מסירת־נפשדיקע האַלטונג קען די־נען ווי אַ מוסטער פאַר אַלע פראַנצויזישע סאָלדאַטן. לויטן קאָמענדאַנטס רייד, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס, וואָס מיר זיינען פאַרבליבן ביזן סוף אויף דער פּאָזיציע, איז געווען לטובת דעם גאַנצן רעגימענט, וועל־כער האָט זיך געקענט צוריקציען. די דייטשן האָבן, זעט אויס, געמיינט, אַז דער גאַנצער רעגימענט געפינט זיך נאָך אין די קאַזעמאַטן. דער קאָ־מענדאַנט האָט אונדז אונטערגעטראָגן אַ קריגס־קרייץ און האָט אונדז געדריקט די הענט.

דעם זעלבן טאָג האָבן מיר פאַרלאָזן דאָס שטעטל און עס האָבן זיך אָנגעהויבן אונדזערע לאַנגע מאַרשרוטן. מיר האָבן געזאָלט זיך צו־ריקציען קיין נאַנסי, אַ הונדערט צוואַנציק קילאָמעטער ווייט פון אונדז. ס'איז אָבער נישט געווען פון די לייכטע זאַכן אין דער גרויסער בהלה, ווען אַלע וועגן זיינען פאַרשטאָפּט געווען פון מיליטער, ציווילע עוואַ־קואירטע, צעבראָכענע וועגענער, האַרמאַטן און פעלד־קיכן.

די פיינטלעכע אַעראָפּלאַנען, די „שטוקאַס", האָבן ווי רויב־פויגלען זיך געדרייט איבער אונדזערע קעפּ. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן נידעריק, גענומען דרייען זיך אין אַ קרייז, ווי קראָען, וואָס דערשמעקן אַ פּגר. דערנאָך האָבן זיי מיט אַ ליאַרעמדיקער רציחה אַזוי לאַנג באַשאָסן מיט מאַשין־געווערן, ביז זיי האָבן אויסגעזייט אויף די שאָסייען הונדערטער קי, מענטשן, פערד און מאַשינען.

אַזוי האָט אויסגעזען אונדזער מאַרשרוט קיין נאַנסי.

יעדער האָט גענומען באַפרייען זיך פון איבעריקן באַלאַסט: דעם שינעל, דאָס רעקל און אַפילו די שווערע שיך. מיר לויפן, פון נאַנסי האָבן מיר גערעכנט, וועט מען נאָך באַווייזן צו כאַפּן אַ צוג, וואָס גייט קיין פּאַריז.

דערוויילע מאַטערט דער הונגער און דער דורשט, די פיס ווערן גע־שוואָלן. ווי ווייט איז נאָך צו דערגיין ביז נאַנסי? ווי ווייט איז ביז דער מאַרנע, ביז צום „וווּנדער פון דער מאַרנע"? מען וועט דערגיין —

טרייסט דער קאָמענדאַנט — מען וועט אָנקומען. דער „וווּנדער פון דער מאָרגנ״ וועט זיך איבערחזרן.

און מיר גייען.

מיר האָבן נאָך אַ צען קילאָמעטער, זאָגט דער קאָמענדאַנט. מיר פאַר־גינען זיך אַ שעה־צוויי אָפּצורוען אין די גראָבנס. באַלד וועלן מיר צונויפנעמען די לעצטע כוחות און אין איין אָטעם דערשלאָגן זיך קיין נאַנסי און פון דאָרט, מיט דער באַן...

נאָר דער טייוול האָט אונדז אויסגעלאַכט. ווי מיר ליגן אַזוי אין די גראָבנס, קומט צולויפן אַ ספּעציעלער קוריער און גיט איבער אונ־דזער קאָמענדאַנט אַ פאַרזיגלטן קאָנווערט. דעם קאָמענדאַנטס פּנים פאַר־וואָלקנט זיך, אויף זיין שטערן באַווייזן זיך דריי טיפע קנייטשן. ער לייענט איין מאָל, נאָכאַמאָל דעם באַפעל פון גענעראַל־שטאָב און דרייט זיך אויס.

אין דער באַוועגונג פון זיינע פּלייצעס, האָבן מיר דערקענט, אַז ער וויינט, דער קאָמענדאַנט אונדזערער.

מיר האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט.

— נאַנסי איז שוין פאַרנומען פון די דייטשן ! — האָט ער אונדז געמאָלדן — בלייבט נאָך רוען אַביסל, סיי ווי דאַרפן מיר זיך איצט פאַרנעמען אויף אַנדערע וועגן, נישט אַריינצופאַלן אין זייערע הענט.

אַלע זיינען געבליבן ווי פאַרגליווערט. אַ רגע נאָר האָט עס גע־דויערט, אָבער ס׳האָט אויסגעזען ווי אַ גאַנצע אייביקייט. מיר האָבן אויסגעזען ווי אַ סטאַדע בהמות פאַר אַ שטורעם.

דער קאָמענדאַנט האָט פאַרזאַמלט אַרום זיך די אָפיצירן פון רעגי־מענט. צען מינוט האָט געדויערט די באַראַטונג. מיר האָבן נישט גע־ווּסט, וואָס זיי האָבן באַשלאָסן, נאָר מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס איז געווען די רייד וועגן אויפלייזן דעם גאַנצן רעגימענט, אַז יעדער זאָל זיך גיין אויף גאָטס באַראָט.

מיר וועלן פּרוּוון זיך דורכשלאָגן ביז גערבווילליע, דאָרט געפינט זיך דער גענעראַל־שטאַב ! — האָט ער לסוף געמאָלדן.

פון דער לאַסט אויף זיך זיינען מיר שוין לאַנג פריי געווען, אָבער די פערציק קילאָמעטער קיין גערבווילליע האָבן אונדז אויסגעקוקט זייער ווייט. די קניען האָבן ביי אַלעמען געציטערט.

מיר גייען קיין גערבווילליע דערשלאָגענע, מוטלאָזע, אַפּאַטישע. זאָלן

זיי פליען, די „שטוקאַס", זאָלן זיי צילן אין אונדז. שווער שלעפּט דער קאָמענדאַנט זיינע טריט. מיר האָבן אים אַלע אַרומגערינגלט.

— ס'איז נאָך נישט אַלץ פאַרלוירן! — האָבן אים עטלעכע געפּרווט טרייסטן.

מיר האָבן איצט גערעדט מיטן קאָמענדאַנט, נישט ווי אונטערגעאָרדנטע, ווי סאָלדאַטן, נאָר ווי פריינט.

— מיר האָבן פאַרשפּילט די מלחמה — האָט ער גערעדט מיט בולטן ווייטיק — אַפילו דעם „וווּנדער ביי דער מאַרנע" האָבן מיר פאַרשפּילט. יאָ, מיינע בראַווע סאָלדאַטן, איך באַפריי אייך פון דער שבועה. גייט, ראַטעווע זיך ווי איר קענט... איך וועל דאָ בלייבן.

מיר האָבן זיך געבעטן ביי אים, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן.

— די פינפטע קאָלאָנע... — האָט ער נאָך צוגעוואָרפן — זי איז שולדיק אין אונדזער מפּלה...

זיין קול איז פעסטער געוואָרן, ער האָט זיך אויסגעגלייכט. ער האָט נישט געוואָלט מער מען זאָל אים פירן אונטערן אָרעם. ביי דער בריק האָט ער זיך געזעגנט מיט אונדז.

— וואַרפט אייך פונאַנדער! דער רעגימענט איז אויפגעלייזט. איר זייט נאָך יונג, איר דאַרפט לעבן. מיין קאַריערע, פאַרשטייט זיך, איז פאַרענדיקט...

מיר האָבן זיך ווייטער געלאָזן אין וועג, צווישן איבערגעקערטע וועגענער, אומגעדרייטע אויטאָמאָבילן. ביי יעדן אָנפאַל פון די „שטוקאַס", האָבן מיר זיך געוואָרפן אין די גראָבנס. די ציוויל־באַפעלקערונג לויפט מיט אונדז מיט, בלאָנקעט איבער די גאַסן פון די פאַרלאָזענע שטעטלעך. טויטע, פאַרוווּנדעטע. דעם פאַרוווּנדעטן לייטענאַנט אַגע האָבן מיר אָפּגעפירט אין מיליטערישן הויפּט־לאַזאַרעט, אין אַן אַלטן שלאָס, זיבן קילאָמעטער פון ליברעוויל.

אויפן וועג זיינען מיר אויפסניי באַשאָסן געוואָרן דורך דער אַוויאַציע. מיר נעמט פלוצים שווינדלען פאַר די אויגן, אויף מיין אַרבל זע איך צוויי בלוט־פלעקן.

מער האָב איך נישט געדענקט, וואָס מיט מיר איז געשען.

קאפיטל 5.

דער נייער קאַשמאַר

— אין שפּיטאָל בין איך גאָר ? — האָב איך זיך אַליין געחידושט.

אַ שוועסטער האָט מיר מיט די פינגער אויף אירע ליפּן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איך זאָל נישט רעדן.

— איר קומט איצט פון אָפּעראַציע־זאַל. ס'איז נישט געפערלעך. מען האָט די קויל פון אייער אָרעם אַרויסגענומען. די וווּנד וועט זיך אינגיכן פאַרהיילן.

מיר האָט דער אָרעם נישט ווי געטון. איך האָב זיך נישט געקענט זאַט אָנקוקן מיט דער שוועסטער. אַזאַ לויכטנדיק פּנים, האָט זיך מיר געדוכט, האָב איך נאָך קיינמאָל נישט באַגעגנט. די ווייסע הויב פון אַ נאָנע האָט שיין אויסגעטיילט די רואיקייט פון איר יונג געזיכט. אַזעלכע ווייסע, איידעלע הענט. זי האָט גענומען אַוועקפּלאָנטערן טיף אין זאַל אַריין.

— איר וועט באַלד ווידער קומען ? — האָב איך איר נאָכגעשריען.

זי האָט זיך נאָך אַ רגע אומגעקערט :

— איר דאַרפט עפּעס ?

— ניין — האָב איך פאַרלוירן געשטאַמלט — גאַרנישט, אייגנטלעך...

און איך האָב אַביסל צעמישט געשמייכלט מיט מיין ליבלעכסטן שמייכל. זי האָט דערפילט, אַז מיין איינציקער פאַרלאַנג איז — זי אָנ־צוקוקן. איך בין געוויס אין דער פּאַלאַטע נישט געווען דער איינ־ציקער, וואָס האָט געהאַט אַזאַ פאַרלאַנג.

אויפן דריטן טאָג בין איך שוין אַרומגעגאַנגען אין זאַל מיט אַ פאַר־גיפּסטן אָרעם און גלייך צומאָרגנס בין איך פון דאָרט אַרויס. אַלע פאַר־וווּנדעטע זיינען געשטעלט געוואָרן פאַר אַ מיליטערישער קאָמיסיע, אַלע האָבן געקראָגן אורלויב אויף אַן אומבאַשטימטן טערמין. פון שאַלאָן־סיר־מאַרן האָב איך גענומען דעם צוג קיין פּאַריז. אין וואַגאָן — אַ

טומל, אַן ענגשאַפט. איך בין גיך מיד געוואָרן פון די אַלע פראַנט־נייעסן און שטייענדיקערהייט איינגעדרעמלט. דער געברויש פון די באַן־רעדער האָט זיך אויסגעמישט מיטן גערויש פון די פלי־מאַשינען.

— מאָריס, דאָס ביסטו ? — פיל איך ווי עמיץ רייסט מיך — אַ פיינע געשיכטע ! דאָס הייסט אַ צופאַל !

געוויס בין איך עס און דער, וואָס האָט זיך דערפרייט מיט מיר, איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי פיער ווילי.

מיר האָבן זיך הייס צעקושט.

— וואָס איז געוואָרן מיט אונדזער רעגימענט ? — האָב איך גע־ברענט פון נייגעריקייט.

— אונדזער רעגימענט ? נישטאָ מער קיין רעגימענט. אַלע זיינען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. איך בין אַנטלאָפן. איך האָב זיך געמאָלדן, אַז איך וויל גיין אין באַד אַריין און בין אַ נאַקעטער פון דאָרט אַרויס. די אַלע זאַכן האָבן מיר די ציווילע געגעבן. איינע איז דאָרט געווען, אַ יונגע, אַ פרישע. אַ שאָד, וואָס ס'איז קיין צייט נישט געווען... איך האָב נישט פאַרגעסן צו נעמען איר אַדרעס. איך וועל זי נאָך אויפזוכן. קען זיין, אַז מיר וועלן חתונה האָבן... איך חלום שוין פון לאַנג אַוועקצוואַרפן די שטאָט און ווערן אַ פויער. וואָס זאָגסטו צו אַזאַ פּלאַן ?

— וואָס זאָל איך זאָגן ? מיר דוכט זיך, אַז דו רעדסט פון הייץ.

— גלויבסט מיר נישט ? — האָט זיך פיער געקאָכט.

— איך גלויב דיר, נאָר די מעשה מיט דער באָד, מיטן אַנטלויפן אַ נאַקעטער און מיטן ביימ פּלאַן דיינעם, לייגט זיך מיר נישט אויפן שכל.

איך האָב געזען, אַז ער באַליידיקט זיך, האָב איך זיך צעשמייכלט און אים געקלאַפּט מיט דער געזונטער האַנט איבער דער פּלייצע:

— ביסט אַן אויסטויגער, פּיער.

דריי מעת־לעת האָבן מיר זיך אַזוי געשלעפּט אין וועג. וועגן אַלץ האָבן מיר שוין געהאַט אויסדערציילט זיך, ס'איז אונדז נאָר פאַרבליבן אַ שמועס צו טאָן אויף דער טעמע : מאַרסעל, וועגן איר קונסט, וועגן זיין גרויסער ליבע צו איר. ער איז, זעט אויס, אין די עטלעכע חדשים אַביסל אָפּגעקילט געוואָרן.

— דו קענסט דאָך מאָריסן ? — האָט ער מיך פּלוצים אַ פרעג געטון.

— וועלכן מאָריסן ?

— נישט דיך, פאַרשטייט זיך, מיין איך — האָט ער געשמייכלט — דעם שוואַרצן, דעם געקרייזלטן, דו ווייסט שוין, וואָס פלעגט זיך אַלעמאָל האַלטן אין אַ זייט, שטענדיק פאַרקלערט, ווי אַ פילאָזאָף.

— יאָ, איך דערמאָן זיך. וואָס איז דען מיט אים געשען ?

— אין ליבערעוויל האָט מען מיך מיט נאָך עטלעכע געשיקט אויף אַ פּאַטרול. האָט זיך אונדז איינגעגעבן צו נעמען פינף דייטשן געפאַנגען. זיי זיינען זיך געמיטלעך געזעסן הינטער אַ בוים. האָבן מיר זיך פּאַמעלעך צוגעשאַרט און זיי אַרומגערינגלט. זיי זיינען גאַרנישט איבעראַשט געוואָרן, האָבן זיך אויפגעשטעלט און געלאָזן זיך פירן. איינער פון זיי האָט געקענט אַביסל פראַנצויזיש, האָט ער זיך געוויצלט. „אַ שיין לאַנד פראַנקרייך !" — האָט ער נישט אויפגעהערט צו פאַרזיכערן. מיר ברענגען אונדזערע געפאַנגענע קיין ליבערעוויל. ס'איז נישטאָ וועמען זיי איבערצוגעבן. כאָטש לאָז זיי פריי! אַלע סאָלדאַטן האָבן זיך דערווייל אָפּגעטראָגן פון שטעטל. מיר קומען אַריין אין דער קאַפע אויפן מאַרק, זיצן דאָרט צוויי סאָלדאַטן. מיר פירן מיט זיי אונטערהאַנדלונגען, זיי זאָלן איבערנעמען די געפאַנגענע. עס הויבט זיך נישט אָן. „נישטאָ קיין באַדאַרף — רופט זיך איינער אָפּ. — מיר ווייסן אַליין נישט ווו זיך אַהינצוטון, וועלן מיר זיך נאָך גיין פאַרנעמען מיט פרעמדע"...

פרעגט זיך : וואָס טוט מען מיט זיי ?

— אויב איר זייט שוין יאָ באַגאַנגען די נאַרישקייט — גיט אונדז איינער אַן עצה — טאָ בלייבט דאָ אַביסל זיצן. עס וועט נישט לאַנג דויערן, די דייטשן וועלן אַהער אַריין און איר וועט זיך טוישן מיט די ראָלן : איר וועט ווערן די געפאַנגענע און זיי וועלן אייך אָפּפירן אין פראַנצויזישן געפאַנגענע־לאַגער. נישקשה, זיי וועלן מיט אייך קיין גרויסע קלאָפּאָטן נישט האָבן. לאַנג וואַרטן אויף דער... אויסלייזונג באַדאַרפט איר אויך נישט. און אַזוי ווי מיר געפינען זיך אין דער זעלבער סיטואַציע, טאָ לאָמיר דערווייל אַלע צוזאַמען מאַכן אַ קערטל. פרעגט זיי, די דייטשן, צי זיי קענען שפּילן אַ בעלאָט...

„הערנדיק אַזעלכע רייד, איז מיר געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. ס'איז טאַקע קיין אַנדער ברירה נישט געווען, ווי זעצן זיך שפּילן מיט זיי אין קאָרטן. ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט און מיר זיינען אַלע פאַרבליבן אין דער קאַפע. ביז אין דער פרי האָבן מיר געשפּילט אין קאָרטן. די דייטשן האָבן מיר אַריינגענומען אין דער מיטן. קיין בעלאָט האָבן זיי, זעט אויס, נישט געקענט שפּילן, אָבער זיי האָבן זיך צוגע־

קוקט מיט אינטערעס. מיר האָבן געטרונקען ווײַן און זיך ביסלעכווײַז פאַרגעסן.

און פּלוצלונג הערן מיר אַ געשריי, אַ געוואַלט:

— אָט זײַנען זיי! זיי קומען אָן!...

„מיר לויפן אַרויס פאַר דער שוועל. עס האָט שוין גענומען טאָגן. מיר זעען, ווי אויפן שאָסיי שיילט זיך אַרויס אַ לאַסט־אויטאָמאָביל. אונדזערע געפאַנגענע שטייען אויף דער שוועל צוזאַמען מיט אונדז, ווי טוריסטן, זיי שטייען מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן, רואיקע, געלאַסענע, צופרידענע...

„אויפן מאַרק קריכט פון ערגעץ אַרויס פּלוצים אַ גרופּע פראַנצויזישע סאָלדאַטן. דריי? ניין, פיר מאַן האָב איך איבערגעציילט. אַ שווערן מאַשין־געווער האָבן זיי געטראָגן מיט זיך. זיי האָבן זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד און אָנגעהויבן באַשיסן דעם לאַסט־אויטאָ, וואָס איז אָנגעפאָרן מיטן שאָסיי. דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט, עטלעכע דײַטשן האָבן זיך אַרונטערגעקייקלט פון דאָרט און באַלד האָט זיך אין אונדזער ריכטונג גענומען שיטן אַ האָגל פון קוילן. די ערשטע געפאַלענע זײַנען געווען אונדזערע פינף דײַטשע געפאַנגענע. אַלע פינף האָבן זיי אויסגעלייגט. דערנאָך איז געפאַלן לעגראַן. האָסט דאָך אים געקענט. ביים מאַשין־געווער איז געזעסן נישט קיין אַנדערער ווי מאַריס, פון וועמען איך האָב דיר אָנגעהויבן צו דערציילן. ער האָט באַקומען אַ קויל אין דער פּלייצע. איך האָב אים געוואָלט פאַרבײַטן, אָבער ער האָט בשום־אופן נישט געלאָזט. דאָס בלוט האָט געשפּאַרט פון אים און ער האָט זיך געקלאַמערט אין הענטל פון מאַשין־געווער, אַזוי לאַנג, ביז פון דער צווייטער זײַט איז שטיל געוואָרן. די דײַטשן ביים לאַסט־אויטאָ זײַנען אַלע געווען טויט.

„מאַריס איז געפאַלן אין חלשות. איך האָב זיך דערפרעגט אין שטעטל זוו מען קען דאָרט געפינען אַ דאָקטער. אַן אַלטיטשקער דאָקטער האָט אים אויפגענומען און אָפּגעגעבן ביי זיך אַ בעטל.

— ער בלײַבט דערווייל ביי מיר — האָט ער געזאָגט, דער אַלטיטשקער דאָקטער — ביז ער וועט געזונט ווערן. זײַן מונדיר וועל איך פאַרברענען. די דײַטשן דאַרפן נישט וויסן, אַז ביי מיר ליגט אַ סאָלדאַט".

——0——

דעם 10־טן יוני אויפדערנאַכט זײַנען מיר אָנגעקומען קיין פּאַריז. ביז באַגינען האָבן מיר געוואַרט אויפן וואָקזאַל. אַ שווערער וואָלקן האָט צוגעדעקט די שטאָט...

קאפיטל 6.

אויף די וועגן פון פראנקרייך

נאך מיט עטלעכע טעג פריער האט זיך געהאט אנגעהויבן דער יציאת־פאריז. אלע אויטאמאבילן, אלע וועגענער, אלע האנט־וועגעלעך, זיינען אנגעלאדן געווארן. זיי האבן פארשטאפט די גאסן און די הויפט־ארטע־ריעס פון דער שטאט, וואס האבן געפירט צו דרום. מען איז געלאפן ווי פון א ווולקאן־אויסברוך. די, וואס האבן זיך שוין נישט באוויזן אריינ־צוכאפן אין די באנען, אין די לאסט־אויטאמאבילן, האבן געכאפט קינדער־וועגעלעך, רוק־זעק און האבן זיך געלאזן לויפן צופוס.

מען האט געוואלט דערכאפן דעם ים, די בערג, וואס ווייטער אוועק פון די הונען־מחנות. מער ווי אלע, זיינען געלאפן יידן. די וואקזאלן זיי־נען געווען באלאגערט. די לופט איז געדיכט געווען פון געוואלטן און פון ליארעם.

וואס טוט מען ? וווהין לויפן ? מיין ארעם איז נאך נישט געווען איינגאנצן אויסגעהיילט, דער גיפס־באנדאזש — נאכנישט ארונטערגענו־מען. איך בין געווען מיד, אז איך האב זיך קוים געהאלטן אויף די פיס. איז טאקע אפשר גלייכער צו בלייבן אין פאריז ?

אפשפארן טיר און טויער פאר דער פאניק, פאר דער בהלה און ווארטן, ביז די דייטשן וועלן קומען. איך האב שוין געוווסט, וואס זייער יושר איז. ניין, אזוי איז אויך נאריש. סוף כל סוף האט עס מיך מיט מיין הויז־געזינט ארויסגעטריבן פון שטוב, אויפן וועג קיין ארלעאן. דער אימפעט האט אונדז געטראגן. באלד האבן מיר זיך געפונען צווישן א מחנה וואנדערנדיקע יידן, בעלווילער יידן. די וועגן זיינען פארשטאפט. אויפן הימל באוויזן זיך ווידער די „שטוקאס". איינער ווארפט זיך איבערן צווייטן אויף דער ערד, אין די גראבנס, יעדער איינער וויל איינזינקען.

דאס ערשטע מאל האבן זיי אונדז נישט געטשעפעט, די רויב־פויג־

לען, אָבער אין אַ פּאָר שעה אַרום זיינען זיי ווידער געקומען. די ערד נעמט זיך פּלוצים טרייסלען. אויטאָס, פערד און מענטשן מישן זיך אויס אין איין קאַשע, געשרייען, קרעכצן, געוויינען, אַ הענטל פון אַ קינד וואַל־גערט זיך אונטער די לויפנדיקע פיס.

איך בין אין כעס אויף זיך אַליין. מיך פאַרדריסט, וואָס איך בין הילפלאָז, וואָס מיר האָט זיך נישט איינגעגעבן צו באַשיצן דאָס קינד. נאָך אַ נס, וואָס מיין מאַמע און דבורהלע זיינען לעבן מיר. זיי וויינען נישט, זיי אָטעמען שווער און קוקן מיט שטאַרע אויגן. דערלעבן ליגט דער ייד, וואָס האָט אונדז אַ שטיק וועג באַגלייט. זיינע אויגן זיינען פאַרגלייזט. איך געפין נישט קיין שום וווּנד ביי אים. איך הער זיך איין צו זיין פּולס. ניין, זיין האַרץ קלאַפּט נישט מער.

— עס וואָלט געווען גלייכער — קרעכצט די מאַמע — ווען מיר רירן זיך איבערהויפּט נישט פון אָרט. אין שטאָט קען מען כאָטש אַראָפּלויפן אין אַ קעלער. דאָ זיינען מיר אָפן און אומבאַשיצט.

וואָס זאָל איך ענטפערן ? ווער ווייס אַצינד ווו ס'איז בעסער ? עס פאַלט צו אַ לויטערע נאַכט מיט אָן אַ שיעור שטערן. מיין מאַמע שלעפּט קוים די פיס און דבורהלע האַלט זי אונטער.

— נעם עפּעס אין מויל אַריין, מאַמע ! — בעט איך זיך ביי איר.

ניין און ניין, זי וויל גאָרנישט פאַרזוכן, ביז מיר וועלן נישט צוקומען צו עפּעס אַ ישוב. אַ ישוב איז געווען נישט ווייט, עטלעכע קילאָמעטער פון דאַנען. קוים זיך דערשלעפּט אַהין. אַלע האָטעלן זיינען איבערגע־פּאַקט. נישטאָ קיין ווינקל ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. אַלע איינגענג זיי־נען באַלאַגערט און אומעטום אַ געזשום, ווי אין אַ בין־שטאָק. מיר שטופּן זיך דורך דער מענטשן־מאַסע, מיר פאַרלירן זיך שיעור נישט.

— מאָריס, ווו ביסטו ?

— דבורהלע, ווו ביסטו ?

די מאַמע האָט מורא אונדז צו פאַרלירן, כאָטש מיר האַלטן זיך פעסט פאַר די אָרעמס. ווידעראַמאָל האָט אַ נס געטראָפן. מיר האָבן ערגעץ אין דער פינצטער אויפגעמאַכט אַ טיר — אַ שטוב, אָדער אַ קינדער־שול, אָבי אַ דאַך איבערן קאָפּ. די ענגשאַפט איז דאָ אויך גענוג גרויס. מענטשן זיי־נען ענג צוזאַמענגעפּרעסט. אַ געזשום פון קולות. דאָרט האָבן מיר קוים געפונען אַ ווינקעלע.

מיט טאָג־צוגלייך האָבן מיר זיך ווידער געפונען אינדרויסן. אויפן מאַרק האָבן מיר זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט די טריפהנע דייטשע

צורות. האָבן זיי אונדז, הייסט עס, אָנגעיאָגט. דאָס אַנטלויפן האָט שוין איצט מער קיין זינען נישט געהאַט. איך טו אַ בליק אויף מיין מאַמען — בלייך ווי די וואַנט איז זי. דבורהלע ציטערט. איך שפּיר אַ חלשות־טעם אויפן האַרצן.

אָבער זיי שמייכלען, די דייטשן. אַט האַלט איין דייטש אַ קינד אויף זיין אָרעם און גלעט עס דאָס קעפּל. איך וואָלט געקענט שווערן, אַז דאָס איז אַ יידיש קינד. ווייסט ער עס נישט ? זעט ער עס נישט ? איך קען נישט מער קוקן און דריי זיך אַוועק. איך האָב מורא עס זאָל נישט גע־שען קיין אומגליק. איך זע ווי אַ צווייטער סאָלדאַט פאַרטיילט צוקערלעך אַ געזעמל קינדער, וואָס רינגלען אים אַרום. ער שטייט אינדערמיט. אַ הויכער איז ער, אַ ריז. ער פאַרטיילט די קינדער צוקערלעך און שמייכלט. ער קוקט אויס ווי ער וואָלט פאָזירט פאַר אַ פאָטאָגראַף. אפשר ווערט טאַקע די סצענע פאָטאָגראַפירט ?

מיטן זעלבן וועג האָבן מיר זיך אומגעקערט קיין פּאַריז. מיר שלעפּן די פיס, ווי מיר וואָלטן געגאַנגען נאָך אַ לויה. צעשמייכלטע דייטשע קאָ־לאָנען ציען פאַרביי אויפן גאַנצן וועג.

געפינען מיר זיך, הייסט עס, אַלע אין דער דייטשער פאַסטקע. איצט דאַרף מען גוט באַטראַכטן, ווי אַזוי אַרויסצוקריגן זיך.

לאָמיר צוערשט זען, וואָס פּאַריז זאָגט דערצו, לאָמיר זען ווי די ברוקן פון פּאַריז רעאַגירן אויפן טראָט פון דייטשע שטיוואַליעס — אָט די פּאַריזער גאַסן, וואָס האָבן אין לויף פון זייער געשיכטע נישט צום ערשטן מאָל זיך צעבונטעוועט קעגן די תליונים, אַלץ איינס, צי די הענקער זיינען געווען פרעמדע, צי אייגענע. זיי האָבן נישט איינמאָל געראַטעוועט די מענטשלעכע ווירדע.

די באַרבאַרן טראָגן נאָך דערוויילן הענטשקעס, שמייכלען קאָרעקט און ווילן דערמיט איינשלעפערן די מיליאָנען־שטאָט. דער דופק פון דער מיליאָנען־שטאָט קלאַפּט נישט אין יעדן פערטל מיטן זעלבן ריטם. אויף די בולוואַרן זיינען נאָך אַ סך געשעפטן פאַרמאַכט. אָבער די קאַפעען זיינען כמעט אַלע אָפן און זיינען אַלע אָנגעפילט מיט די פעלדגראַ־מונ־דירן. דאָס איז די דאָמינירנדיקע פאַרב אין פּאַריז. די ציווילע באַפעל־קערונג גייט גלייכגילטיק פאַרביי. די פנימער — פאַרשלאָסן. קיינער ווייזט נישט אַרויס וואָס ער טראַכט, וואָס אין זיין נשמה טוט זיך. דאָס דייטשע

שמייכעלע שטויסט זיך אָן אין אַ וואַנט פון גלייכגילטיקייט. שמייכלען זיי וויטער, די דייטשן, באַפעל איז — באַפעל!

טרעפט אָבער, אַז אַזאַ מין שמייכעלע האָט יאָ דערפאָלג — דער עיקר ביי די פרויען פון אַ געוויסן מין. פון צייט צו צייט זעט מען שוין פאַר־בייגיין אַ דייטשן סאָלדאַט, געאָרעמט מיט אַזאַ מין פרויענצימער. די בול־וואַר־מיידלעך זשענירן זיך גאָרנישט, זיי שמייכלען מיט.

אין די יידישע געגנטן איז ליידיקלעך. פיל זיינען אַנטלאָפן און די, וואָס זיינען פאַרבליבן, וואַרפן זיך אויך נישט צופיל אין די אויגן. דער פחד הענגט אינדערלופטן. זיי פאַרשטייען נישט אַזאַ קאָרעקטע אויפירונג פון די דייטשן.

מיין מומען האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן. איר האָט דער דייטש נישט דעריאָגט. אירע קינדער זיינען נאָך פון פראָנט נישט צוריקגעקו־מען, מען ווייסט דערוויל נישט ווו זיי זיינען. איך ווייס וויל, אַז איך וועל מיין מומעס שטוב טרעפן פאַרשלאָסן, פונדעסטוועגן גיי איך אַרויף, פרוביר אַ קלינג צו טון ביי דער טיר. אפשר האָט זי אין איילעניש פאַרגעסן צו פאַרשליסן די טיר? אומזיסט האָב איך געקלעטערט דריי גאָרנס, די טיר איז פעסט פאַרמאַכט. ס'איז אָן אַלט, אומעטיק הויז. איבער פופצן יאָר וווינט זי שוין אין דעם הויז. איך וועל איר אָנשרייבן, מיין מומען:

„ליבע מומע, — וועל איך איר אָנשרייבן, — מען ווייסט נאָך נישט וואָס דאָ וועט זיין. דערוויל שמייכלען זיי זייער העפלעך, די דייטשן. בלייב דערוויל דאָרט, ווו דו ביסט, ביז די לאַגע וועט אינגאַנצן קלאָר ווערן".

כאָטש איך האָב געפונען איר טיר פאַרשלאָסן, פאַרדריסט מיך נישט מיין באַזוך. איך האָב נאָכאַמאָל געזען דאָס שילדל אויף איר טיר: „ג. וויינ־שטיין, קאָנפעקציע". אַמאָל פלעגן פון הינטער דער טיר רוישן פיר ניי־מאַשינען. איצט איז דאָרט שטיל. דער גערויש קומט פון צווייטן שטאָק. אַ סימן, אַז פישטראָן איז יאָ געבליבן אין פאַריז און ער אַרבעט. איך קען אים נישט זייער גוט. פונדעסטוועגן שאַדט נישט, טראַכט איך, אַריינצו־גיין צו אים, געוויר ווערן עפעס פון אים, דערוויסן זיך, וואָס עס טראַכט אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר.

ער האָט לכתחילה אויך געוואָלט אַנטלויפן, פונקט ווי אַ סך יידן, האָט ער אָבער נישט געקראָגן קיין לאַסט־אויטאָ, פאַר קיין שום געלט נישט; און לויפן מיט דער באַן, איז שוין געווען צו שפּעט. ער האָט נישט קיין חרטה, וואָס ער איז געבליבן. אין גאַס איז דערוויל רואיק. ער האָט

נאָך אַביסל סחורה אַרויסצופּאַרטיקן פאַר אַ גרויס הויז, האָט ער זיך ווידער געגומען צו דער אַרבעט. דערוויל דאַרף מען לעבן. די וועלט גייט נאָך נישט אונטער. פראַנקרייך איז נישט פּוילן, דאָ וועלן די דייטשן זיך נישט אַזוי באַגיין מיט יידן...

איך האָב אים זיין מוט נישט צוגערויבט. איך האָב בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איר זייט אפשר גערעכט, הער פישטראָן, פראַנקרייך איז נישט פּוילן.

אפשר טאַקע איז נאָך פראַנקרייך אַלץ פראַנקרייך, פאַלט מיר אויך איין. אירע היסטאָרישע גרויסע דאַטעס, די דענקמעלער אויף די פּלעצער און אַלע ווינקעלעך פון פּאַריז, וועלן די דייטשן אַזוי לייכט נישט קענען אָפּמעקן.

אויפן בולוואַר בעלוויל זעט מען ווייניק פאַרבייגייער. די יידישע קאַ־פּעען און רעסטאָראַנען זיינען אַלע געשלאָסן. מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק האָט נאָך אויף דעם בולוואַר געקאָכט, אַ יידיש לעבן האָט דאָ פּולסירט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. אמת טאַקע, דער יידיש איז דאָ געווען אַביסל אַ צעקאַליעטשעטער, אָבער אַ יידיש האַרץ האָט דאָ געקלאַפּט.

נישטאָ מער קיין געזעמלען אויפן בולוואַר. זיינען טאַקע אַלע אַנט־לאָפן ? דער בעלוויל אָן יידן, האָט דאָ עפּעס אַנגעוואָרפן אַ מאָדנע פּוסטקייט.

אויך אויפן פּלאַץ דע לאַ רעפּובליק איז ליידיקלעך. די קאָפע „טענען" אָן יידן ? ווו זיינען די יידישע אַקטיאָרן, די פּרימאַדאָנעס, די שרייבער, די זשורנאַליסטן ?

אויפן מיטן פּלאַץ טראָנט נאָך אַלץ די פראַנצויזישע רעפּובליק, פאַר־קליידט ווי אַ פרוי, דעם פאַקל אין דער האַנט. עס איז טונקל אין אַלע ווינקעלעך. אַרום דער סטאַטוע שטייט אַ גרופּע דייטשע סאָלדאַטן, זיי קוקן זיך צו צו די רעליעף־בילדער, וואָס זיינען אויסגעהאַמערט אין אַלע זייטן און שילדערן די סצענעס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

„אַלע פויגלען זיינען זיך צעפלויגן, איבערווינטערן ערגעצווו — טראַכט איך מיט אומעט — אָבער דער פרילינג וועט ווידער קומען, ער מוז קו־מען !". דערוויל — טראַכט איך — באַדאַרף מען זעען ברענגען אין אָרדע־נונג דאָס אייגענע לעבן, דער עיקר, שפּאָרן וויטאַליטעט, כוח, ענערגיע, ווייל מען ווייסט נאָך נישט וואָס פאַרא נסיונות דער מאָרגן קען ברענגען.

איך כאַפּ זיך, אַז איך האָב ביז איצט דבורהלען געלאָזט שטיין אין אַ

זייט פון מיין לעבן, איך האָב איר נישט אַריינגענומען אין מיין געדאַנקען־און געפילן־וועלט. גערעכנט האָבן מיר זיך נאָך אַלץ ווי חתן־כלה אין די אויגן פון מיינע אייגענע און געהאַלטן האָבן מיר זיך ווי אַ חבר און אַ חברטע. פאַר דער מלחמה פלעגן מיר אַלעמאַל צוזאַמען באַזוכן די מור־זייען פון פאַריז, גיין אויף קאָנצערטן, אויף פאַרזאַמלונגען. אָבער אין דער אמתן זיינען מיר געווען ווי אַ ברודער און אַ שוועסטער. איז זי דאָך טאַקע מיינע אַ קרובה, אַ גליד־שוועסטער־קינד.

זי איז נאָך געווען גאָר אַ פּיצל, ווען אירע עלטערן זיינען געשטאָרבן. אין איין טאָג זיינען אירע טאַטע־מאַמע געשטאָרבן פון טיפוס, אין איין טאָג האָט מען זיי מקבר געווען. האָט מען די קליינע יתומה אַריינגענו־מען צו אונדז אין שטוב. מיין מאַמע האָט זי אויסגעהאָדעוועט. אין איין שול זיינען מיר שפּעטער געגאַנגען, מיר פלעגן זיך העלפן איינער דעם צווייטן ביים מאַכן די שול־אויפגאַבעס. וואָס־זשע איז דאָ שייך ליבע, ראָמאַנטיק ?

מיר האָבן זיך נאָך אַלץ געשעמט איינער פאַרן אַנדערן, טאַקע ווי שוועסטער און ברידער. איך האָב אַלעמאָל שטאַרק באַדויערט, וואָס מיר קענען זיך אַזוי גוט, אַז אונדז בלייבט שוין גאָרנישט איבער צו אַנטדעקן איינער ביים אַנדערן, נישט אין כאַראַקטער, נישט אין טעמפּעראַמענט. ס׳האָט געפעלט דער רייץ פון פרעמדקייט.

זיינען מיר אַזוי אויסגעוואַקסן איינער לעבן אַנדערן, אין דעם זעל־ביקן קלימאַט פון געוווינהייטן. מיר זיינען געווען איין הויך, כמעט איין געשטעל. איז וואָס דאָ שייך פאַרליבן זיך ? דעריבער איז מסתמא אויך קיין ריכטיקע ליבע צווישן אונדז נישט געווען. און דאָך האָבן מיר זיך ליב. דאָך זיינען מיר באַשאַפן געוואָרן איינער פאַרן צווייטן. איך ווייס דאָס איצט, מער ווי אַלעמאָל.

זיך איך און איך טראַכט : ווי מאַכט מען, איך זאָל זיך פאַרליבן אין דבורהלען, ליידנשאַפטלעך פאַרליבן זיך, אָט ווי אַ שטייגער מיט 2 יאָר צו־ריק אין דעניזן. און דאָ, דוכט זיך מיר, אַז זי וועט חוזק מאַכן פון מיר, ווען איך וועל איר זאָגן, אַז איך בין פאַרליבט אין איר, אַז אירע גרויסע, בלויע אויגן האָבן אַזויפיל רייץ, אַז אירע סאַמעטענע האָר פאַלן אַזוי שיין פון אירע ווייכע אַקסלען. זי קען זיך נאָך פאַנאַנדערלאַכן און אָנ־הויבן אויספרעגן מיך, ווען איך האָב דאָס באַמערקט : היינט, פאַראַכטאָגן, צי גאָר מיט צען יאָר צוריק, און פאַרוואָס איך האָב איר דאָס ביז איצט

נישט געזאָגט. אַ קשיא אויף איר. זי האָט דאָך אַזוי ליב צו גריבלען זיך, טאָג און נאַכט איז זי אַריינגעטאָן אין פסיכאָלאָגירן.

איז שוין גלייכער נישט אָנצורירן די דאָזיקע ווונד.

וואָס־זשע טוט מען פאָרט, כדי אויפצוקלערן די לאַגע ? איך קען דאָ גאָרנישט צוטראַכטן.

בלייבט דערווייל מיט דבורהלען אַלץ ווי געוועזן. פאַר אַלעמען פיגורירן מיר ווי חתן־כלה און צווישן זיך... ווייסן מיר פון גאָרנישט.

אַרבעטן האָב איך נאָך דערווייל נישט געקענט, ווייל דער גיפּס־באַנדאַזש, וואָס איך האָב אַזוי לאַנג געטראָגן אויף זיך, איז געוואָרן שטייף און איך האָב אים אינדערפרי געמוזט האַלטן אַ שעה אין הייסע וואַסער, כדי ער זאָל זיך נעמען באַוועגן.

פאַריז האָט זיך צוגעוווינט צו די דייטשן און צו זייער פעלדגראַו־קאָליר. יידן קריכן ביסלעכווייז אַרויס פון דער באַהעלטעניש. זיי קומען צוריק אַפילו פון יענער זייט דעמאַרקאַציע־ליניע. זיי דאַכט זיך, אַז ס'איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן.

— איר ווייסט גאָרנישט — טענהט איינער אַ ייד — אַז אַמעריקע האָט געוואָרנט היטלערן, ער זאָל נישט דערוועגן אָנצורירן די יידן אין פראַנקרייך ? דער דייטש ווייסט, אַז אַמעריקע וועט זיך נישט לאָזן שפּייען אין דער קאַשע. טאָמער הויבט ער דאָ אויף אָן צו מאַכן זיינע אַנטיסעמיטישע שטיק, וועט רוזוועלט זיך אַ לאָז טון אויף אים מיט זיינע אַעראָפּלאַנען, מיט זיין גאַנצן מלחמה־פּאָטענציאַל און וועט פון אים מאַכן אַ תל...

— איר מיינט טאַקע, אַז אַמעריקע וועט זיך גיין שלאָגן פאַר יידן ? — פרעגט אַ פּעסימיסט.

— נאָך ווי אַזוי !

— האָט דאָך פאָל רעינאָ, ערב דעם וואָפנשטילשטאַנד, זיך געוואָנדן צו רוזוועלטן מיט אַן ס.אָ.ס.־רוף ! ווייסט איר, וואָס רוזוועלט האָט געענטפערט ? אַז אַמעריקע איז נאָך נישט גרייט צו קיין מלחמה. היינט קענט איר זיך שוין פאָרשטעלן, ווי אַזוי אַמעריקע וועט גיין זיך שלאָגן מיט דייטשלאַנד צוליב יידן !...

— אָבער אַ חוץ אַמעריקע, איז נאָך פאַראַן אַ וואַטיקאַן, אַ רויטער קרייץ און — דאָס פראַנצויזישע פאָלק גופא... איר מוזט, זע איך, אַלעמאָל קומען מיט אייער שוואַרץ־זעעריי...

אַזאַ דיאַלאָג איז מיר אויסגעקומען צו פירן מיט אַ ייד, אַ סוחר, וואָס

האָט, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווסט, שוין דעמאָלט געמאַכט גוטע געשעפטן מיט די דייטשן און האָט פאַרדינט שטיקער גאָלד.

דאָס רוב יידישע געשעפטן זיינען שוין געווען צוריק אָפן. מען האָט געשמועסט, אַז דייטשע סאָלדאַטן גייען גיכער איינקויפן אין יידישע געשעפטן, ווי אין די אַרישע. מסתמא, ווייל מיט יידן קענען זיי זיך בעסער צונויפרעדן.

די פראַנצויזישע אַנטיסעמיטן, זאָגט מען, זיינען אויסער זיך. געריכט האָבן זיי זיך אויף אַ פּאָגראָם. האָט זיך דען געלוינט, אויב אַזוי, צו העלפן אין דער „פינפטער קאָלאָנע" און צו דער באַגרעבעניש פון פראַנקרייך?

ס'איז דאָ אַלעמען געפעלן געוואָרן די מעשה וועגן עטלעכע העכערע דייטשע אָפיצירן, וואָס האָבן אין אַ באַקאַנטן יידישן רעסטאָראַן געגעסן מיטאָג און האָבן באַשטעלט עכט־יידישע מאכלים...

נו, דאַרף מען נאָך אַ בעסערן באַווייז, אַז די דייטשן האָבן גאָרנישט אין זינען אַנצורירן די יידן?...

קאפיטל 7.

די שעה פון בין־השמשות

עס איז בין־השמשות; אַ שעה, ווען מען דערקענט נישט, לויט דער גמרא, צווישן אַ הונט און אַ וואָלף.

עס באַווייזן זיך שוין אַנטיסעמיטישע פּלאַקאַטן אויף די ווענט, פלוג־בלעטער, געצייכנט פון די דאָריאָטיסטן און פראַנציסטן פון בוקאַרטס חדר.

מענטשן לייענען די אַפישן און די פלוג־בלעטער : „דער ייד האָט געשטויסן פראַנקרייך צו דער מלחמה ! דער ייד איז שולדיק אין פראַנקרייכס מיליטערישער מפּלה ! דאָס אינטערנאַציאָנאַלע פּלוטאָקראַטישע יידנטום — אָט איז דער שונא נומער 1 ! לאָמיר העלפן דייטשלאַנד חרוב מאַכן ענגלאַנד און די יידן ! דערמיט וועלן מיר זיכערן אַ גליקלעכע צוקונפט און אַ געאייניקטער אייראָפּע“...

און די דייטשן שמייכלען. איך הויב שוין אָצינד אָן פאַרשטיין, וואָס זייער שמייכל באַדייט. זיי אַליין קוקן זיך צו, זיי האָבן צייט.

ס'איז שיטערער געוואָרן צווישן מיינע אַמאָליקע חברים. אַ סך זיינען אין געפאַנגענשאַפט. אַנדערע זיינען אינטערנירט אין ספּעציעלע לאַגערן פאַר פּאָליטישע. אַ טייל איז אויף „יענער זייט“, אין דער פרייער זאָנע. אָבער די ווייניק געבליבענע האָבן זיך שוין אויפן צווייטן טאָג פון וואָפנשטילשטאַנד, אָפּגעזוכט איינער דעם אַנדערן. ווידער הייבט לאַנגזאַם אָן צו שפּרודלען אַ לעבן. עס אָרגאַניזירט זיך ביסלעכווייז דער קאַמף קעגן אָקופּאַנט און קעגן דעם אינעווייניקסטן שונא, אַזוי צווישן יידן, ווי צווישן נישט־יידן.

מיין לעבן באַקומט ווידער אַ זינען. איך בין שוין נישט מער קיין יחיד, וואָס דרייט זיך אַרום איינער אַליין אין אַ צעטרייסלטער וועלט.

אין איינעם אַ פרייען אָוונט איז מיר איינגעפאַלן צו גיין אָפּשטאַטן אַ באַזוך מאַרסעלן, דער געליבטער פון מיין פראָנט־חבר פּיער ווילי. דאָרט

טאַקע האָב איך געהאָפט אים צו געפינען. ער איז גראָד נישט געווען און זי האָט מיך געבעטן צוואַרטן. דער שמועס האָט זיך ווידער עפּעס נישט געקלעפּט מיט דער דאָזיקער פרוי, זי האָט אויסגעזען צו זיין אַ ביסל צע־טראָגן. איך האָב שוין חרטה באַקומען אויפן גאַנצן באַזוך.

— איר זייט אַן אויסלענדער ? — האָט זי מיך פּלוצלונג אַ פרעג־געטאָן.

— איך בין נאַטוראַליזירט.

— איך מאָל איצט, ווייסט איר, אַ סך ווייניקער, ווי בעת דער מלחמה.

— פאַרוואָס ? — האָב איך געפרעגט און געפּרווט צו פאַרשטיין דעם צוזאַמענהאַנג פון אירע פראַגן.

— פּיער — האָט זי זיך דערנאָך עפּעס געכאַפּט — איז דעזאָריענטירט.

— ס'איז נישט שווער אין איצטיקן מאָמענט צו ווערן דעזאָריענטירט. קנאַפּע צוויי מיליאָן געפאַנגענע, מער ווי אַ העלפט פראַנקרייך אָקופּירט...

— מיר האָבן נישט באַדאַרפט פירן קיין מלחמה. דאָס איז אַלץ די אויסלענדישע פּראָפּאַגאַנדע, ענגלאַנד...

איך האָב זיך באַלד אויפגעהויבן פון מיין שטול און צערעמאָניאַל פאַרנויגט זיך :

— אַדיע, מאַדאַם !

די האַנט האָב איך איר מער נישט דערלאַנגט. איך בין כמעט אַרונ־טערגעלאָפן פון אַלע שטיגן. איך בין געגאַנגען פון איין גאַס אין דער אַנ־דערער, אָן אַ ציל. ס'האָט געקאָכט אין מיר. איך האָב זיך דערמאָנט ווי אַזוי פּיער ווילי ליע האָט גערעדט וועגן דער דאָזיקער פרוי. איצט איז קלאָר געווען — זי האָט זיך פאַרקויפט די דייטשן. אָבער פאַרוואָס האָט זי מיר געהייסן צוואַרטן אויף פּיער ווילי ליע, ווען אַרונטערלויפנדיק האַסטיק פון די שטיגן, האָב איך גאָר באַגעגנט אַרויפגיין אַ דייטשן אָפיציר ? ווו איז ער, פּיער ?...

אַלץ איז דאָ מאָדנע קאָמפּליצירט. ווי אַ קליין קינד, דאַרף מען זיך אויפסניי אָנהויבן לערנען גיין, רעדן, קוקן. מען דאַרף זיך היטן מיט יע־דער באַוועגונג, מיט יעדן וואָרט. איינער היט זיך פאַרן אַנדערן. מען שרעקט זיך פאַרן אייגענעם שאָטן. דער עיקר אָבער שרעקט מען זיך פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, וואָס וועט געוויס קיין גוטס נישט ברענגען.

מען קליגט זיך ווי אַזוי אָפּצוזוכן עפּעס אַ באַהאַלטן ערטעלע, ווו דער שונא זאָל נישט קענען אַריינדרינגען. אָבער צי קען מען זיך דען איב־גאַנצן אָפּשליסן פון דער וועלט ?

ס׳איז גוט, האָב איך זיך דאָס מאָל געזאָגט, וואָס דער האַרבסט איז געקומען. דער ווינט טראָגט פאַנאַנדער די פאַרוויאַניעטע בלעטער. אַ דינער שטעכיקער רעגן פאַלט איבער פּאַריז. מען ווייס גאַרנישט, ווען ער וועט אויפהערן. אין אַזאַ אָוונט איז גוט צו פילן זיך אָפּגעשלאָסן אין שטוב. די מאַמע זיצט אין אַ ווינקל און שטריקט. לעבן איר זיצט דבורהלע. מיר שווייגן. אונדזער שווייגן נעמט זיך, אייגנטלעך, פון דעם צושטאַנד צווישן מיר און דבורהלען, אַן אומקלאָרער צושטאַנד. עס נעמט זיך אויך פון דער באַגעגעניש, וואָס איך האָב יענעם אָוונט געהאַט מיט דעניזן; עס נעמט זיך פון מיין מאַמעס הייסן פאַרלאַנג, איך זאָל מער נישט אָפּלייגן מיט דער חתונה. ווי עס ווייזט אויס, האָט זיך דבורהלע אַראָפּגערעדט דאָס האַרץ פאַר מיין מאַמען. די מאַמע האָט פלוצים געלאָזן פאַלן אַ וואָרט:

— וואָס וועט זיין דער סוף פונעם אָפּלייגן?

איך האָב לכתחילה נישט פאַרשטאַנען:

— וואָס לייג איך דען אָפּ, מאַמע?

— ס׳איז קיין תכלית נישט אַזוי, כ׳מיין מיט דבורהלען... זאָל זיין אַ חתונה אין דער „מערי״, אַבי אַ חתונה... דער היינטיקער דור איז אַן אַנדערער ווי אַמאָל... עס וואָלט זיך געווענדט אַן מיר, וואָלט איך שוין לאַנג באַשטאַנען צו זיין אַ באַבע... ניאַנטשען זיך מיט אַן אייניקל...

— פאַרוואָס־זשע האָסטו מיך אָפּגערעדט חתונה צו האָבן פאַרן גיין אויפן פראָנט? מיר וואָלטן שוין היינט געווען מאַן און ווייב און דו וואָלסט פאַרשפּאָרט צו האָבן עגמת־נפש! — האָב איך זיך געמאַכט אַ געלעכטער.

— דו ווייסט אַליין פאַרוואָס, מיין קינד... דעמאָלט האָט עס געהייסן פאַרזאָרגן די פרויען מיט פענסיע. טאָמער וואָלט מיט דיר עפּעס געטראָפן, וואָלט איך עס געוויס נישט אַריבערגעטראָגן און דו לאָכסט מיר גאָר אויס. דאַרפסט זיך פרייען, פאַרוואָס איך האָב דיך דעמאָלט אָפּגעהאַלטן...

איך האָב מיין מאַמען קיין פאַרדרוס נישט געוואָלט אָנטאָן, פונדעסטוועגן האָב איך אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. מיין מאַמע האָט זיך נישט באַליידיקט, זי האָט אויך מיטגעלאַכט.

האָב איך געשוויגן דערנאָך, אַ לאַנגע צייט געשוויגן. דבורהלע האָט גענומען אַ בוך און האָט זיך כלומרשט פאַרטיפט אין לייענען. מיר איז עפּעס פיינלעך געווען. איך בין אין דער מינוט גרייט געווען אויף אַלץ, אַבי נאָר עס זאָל אַ סוף נעמען צום שווייגן.

איך האָב אָבער אין דער אייגענער רגע געטראַכט וועגן דעניזן. דעם זעלבן אָוונט האָב איך זי צופעליק געטראָפן. זי האָט געפירט אַ קינדער־

וועגעלע, מיט אַ קינד פון אַכט־ניין חדשים. איר מאַן האָב איך נישט געקענט. ער איז געפאַלן אין דער קורצער, טראַגישער מלחמה און דער־ביז איז פאַרבליבן אַן אלמנה. אַרום פיר און צוואַנציק יאָר איז זי אַלט. אַרויסגייענדיק פון דער מעטראָ, האָב איך זי געטראָפן ביים אַריינגאַנג צום גערטל. איך האָב זיך גראָד געאיילט צו דער אַרבעט. ס'איז געווען אַרום צוויי אַזייגער. זי האָט מיך באַלד דערקענט און האָט זיך שטאַרק גע־פרייט מיט מיר. צוויי יאָר זיינען אַריבער ווי מיר האָבן זיך נישט געזען.

— איך געדענק, מאָריס, דעם לעצטן אָוונט, ווען מיר האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען — האָט זי געזאָגט אַ ביסעלע אומעטיק.

— איך געדענק אים אויך, יענעם אַנגענעמען אָוונט.

זי האָט מיך אַריינגעבעטן אין גערטל אויף אַ ווײַלע. מיר האָט פאַר־פעלט מוט איר צו זאָגן, אַז איך אײַל זיך צו דער אַרבעט. דעם גאַנצן נאָכ־מיטאָג בין איך שוין אַזוי פאַרבליבן מיט איר. זי האָט מיר אַלץ אויסדער־ציילט, פון זיך, פון איר מאַן, ווי אַזוי זי האָט מיט אים חתונה געהאַט.

— האַלב איז דאָס געווען — איז זי זיך מודה מיט אַ טרויעריק שמייכעלע — אַ ליבע און האַלב אַ פאַרדרייעניש, און אַלץ צוזאַמען — אַ גרויס פאַרזען.

פרייט זי זיך גאָר שטאַרק, וואָס זי האָט מיך ווידער געטראָפן. זי האָפט מיך צו זען, כאָטש זי איז שוין אַ מאַמע פון אַ קינד.

איך האָב איר אַ סך דערציילט וועגן זיך און אַפילו וועגן דבורהלען האָב איך איר דערציילט.

— זי איז אַ ליבער, גוטער מענטש — האָט זיך דעניז אָפּגערופן.

ווי נאָר אַ מעלה, האָט זי אָנגעהאָנגען דבורהלען, אָבער אַ ביסל אין אַ טאָן פון „נעבעך". זי, דעניז, איז אפשר נישט אַזאַ גוטע, אַזאַ פיינע ווי דבורהלע, אָבער... זי איז אַ שטיק טײַוול, די דעניז. זי ווייסט עס גוט. דער־פאַר פאַרגינט זי אַנדערע פרויען די איבעריקע מעלות, דערפאַר איז זי אַזאַ פילאַנטראָפּקע...

איך האָב זיך אין האַרצן געמאַכט פאַרוואָרפן צוליב דבורהלען. מיר איז געווען, גלייך ווי איך וואָלט זי שוין געהאַט פאַראַטן, אין דער כוונה. איז דאָס אָבער שוין זיכער, האָט מיר בעת מעשה געקוקבערט אַ געדאַנק, אַז איך וועל חתונה האָבן מיט דבורהלען און נישט מיט דעניזן? ניין, ס'איז נאָך גאָרנישט זיכער, אָבער זייער וואַרשיינלעך...

איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, ווי איך וואָלט זיך צופיל פאַרפלאָנ־טערט. אַלץ איז געווען השערה, אַפילו די פלאָנטעריניש אויך, און מיר האָט

זיך געוואַלט עס זאָל געשען עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל מיך אַריינוואַרפן ביגוואַלד אָדער אין דעניז, אָדער אין דבורהלעס אָרעמס, אַבי נאָר איך זאָל נישט דאַרפן אָננעמען קיין באַשלוס...

כדי צו מאַכן אַ סוף, רוף איך מיך איינמאָל אָן צו דבורהלען:

— קום, דבורהלע, לאָמיר בעסער גיין אין סינעמאַ.

מיר זיינען אַראָפּ. אין דרויסן האָט נאָך אַלץ געגאָסן דאָס נודנע רעגנדל. אין דעם קליינעם קוואַרטאַל־סינעמאַ איז געווען האַלב־ליידיק. אַ נישט־אינטערעסאַנטער פילם. מיר זיינען געזעסן פאַרוקט אין אַ לאָזשע און כמעט נישט געקוקט אויפן עקראַן.

פלוצים כאַפּט מיך דבורהלע אָן פאַר אַ האַנט.

— מאָריס, טייערער, זאָג מיר, וועסט נישט זיין בייז אויף מיר? איך וויל דיר אויסזאָגן אַ סוד, וואָס איז אונדזביידן שטאַרק נוגע. שוין עט־לעכע טעג ווי איך זוך אַ געלעגנהייט דיר עס צו זאָגן און איך געפין אַלץ נישט. איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, איך זאָל עס דיר זאָגן איצט, אָפן און פשוט.

איך האָב זיך דערשראָקן. איך האָב גאָר אַנדערש נישט געטראַכט, אַז די אַנטשיידונג, נאָך וועלכער איך האָב אַזוי געגאַרט, איז ענדלעך געקומען. אוודאי וועט מיר דבורהלע זאָגן, אַז זי וויל, מיר זאָלן וואָס גיכער חתונה האָבן. ווידער איז מיר דעניז דורכגעפּלויגן. איר געשטאַלט, איר דריי, איר גאַנג, איר שמייכעלע.

— פאַרוואָס זאָל איך זיין אין כעס? — האָב איך זיך אָנגערופן צו דבורהלען.

— דו קענסט אַלבערטן?

— אַ פראַגע אַ ביסל צי איך קען אים.

— איך האָב אים ליב — האָט זי זיך אָפן מודה געווען.

— אַלבערטן?

— האָסט דאָך מיר געזאָגט, אַז וועסט נישט זיין אין כעס?

— איך בין נישט אין כעס, דבורהלע, נאָר איך וווּנדער זיך...

— פאַרוואָס וווּנדערסטו זיך?

— צוליב עטלעכע טעמים: ערשטנס, ווייל ער האָט אַ פרוי, און איך האָב געמיינט, אַז ער האָט זי שטאַרק ליב. איך האָב גאָר אַנדערש נישט גערעכנט. צווייטנס האָב איך געמיינט, אַז דו טראַכסט נאָר וועגן — מיר... איך האָב צו דיר קיין טענות נישט, נאָר איבעראַשט בין איך. דאָס איז מסתמא געקומען ביי דיר פלוצים, אַנישט וואָלט איך דאָס באַמערקט...

— מאָריס, זײַ נישט בייז אויף מיר ! דיך האָב איך אויך ליב...

— מיך אויך ? ווי איז דאָס מעגלעך ?...

— געוויס האָב איך דיך אויך ליב, נאָר אַלבערטן... ווי זאָל איך דיר זאָגן... ווי אַ פרוי... אַחוץ דעם ?...

— וואָס, אַחוץ דעם ?...

— אויך דאָס מוז איך דיר אויסזאָגן — איך בין שוואַנגער...

אָנשטאָט צו זיין צופרידן, וואָס אַזוי אומגעריכט האָט זיך אויפגעפלאָנ־טערט דער גאַנצער קנופּ, איז מיר גאָר זייער טרויעריק געוואָרן אויפן האַרצן.

די גאַנצע נאַכט האָב איך קיין אויג נישט געקענט צוטאָן, געטראַכט אַהער, געטראַכט אַהין, נאָר פון די אַלע קלערענישן איז מיר אַ האָר נישט לייכטער געוואָרן נאָך אַ לאַנגער, שלאָפלאָזער נאַכט.

קאפיטל 8.

אַ נייער פלאַנטער

דאָס האָט מיר נאָך געפעלט ! אויסער זיך בין איך פון דער גאַנצער מעשה מיט דבורהלען. און איך, דער נאַר, האָב די גאַנצע צייט געמיינט, אַז זי טראָגט זיך אַרום נאָר מיט איין געדאַנק : חתונה צו האָבן מיט מיר און וואָס גיכער צו שענקען דער מאַמען אייניקלעך.

דער מאַמען וועל איך דאָס נישט אויסזאָגן. זי וואָלט זיך צופיל איבערגענומען. איז דאָך דבורהלע פאַרעכנט געווען ביי איר זינט יאָרן ווי אַן אייגן קינד. זי ציטערט איבער איר ביזן היינטיקן טאָג, ווייל זי איז אַ יתומה. זי איז אין דער אמתן אַ גאָלדן קינד, צוגעלאָזן ווי אַ קעצעלע. איי אַלבערט ? אויף ליבע פרעגט מען נישט קיין קשיות.

ווען די מאַמע, אויב אַזוי, האָבן אַן אייניקל, וואָס וועט נישט זיין מיין קינד. ווייל דבורהלע וועט זיך דאָך נישט מודה זיין, אַז אַלבערט איז דער טאַטע פון איר קינד. וועל איך נאָך מוזן נעמען די פאָטערשאַפט אויף זיך אויך. איך וועל מוזן פאַרבייסן די ליפן און זאָגן אַ ליגן. דער ליגן וועט מיר טאָפּלט וויי טאָן : איינמאָל, וואָס דבורהלע האָט מיך אויסגעביטן אויף אַלבערטן און צווייטנס — וואָס אַלבערט איז גאָרנישט אין דער לאַגע זיך אָפיציעל צו פאַרבינדן מיט איר.

אָבער זינט דבורהלע האָט מיר אַנטפּלעקט איר סוד, האָט זיך פאַרגנבעט ביי מיר אַ געפיל, וואָס איך האָב ביז איצט נישט געקענט — אייפערזוכט.

אייפערזוכט, נישט מער און נישט ווייניקער. איך פיל, אַז איך בין אייפערזיכטיק. און אַזוי אומגעריכט, ווי ס'איז אַלץ געשען.

און ווי אויף צו להכעיס, האָט זיך דבורהלע אין דער לעצטער צייט פאַנאַנדערגעבליט ווי אַ בלום. אַ פלעמל האָט זיך באַוויזן אין אירע אויגן, וואָס פאַרמאָגן אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן.

איך באַמי זיך איר אָנצוקוקן באַלד אינדערפרי, ווען זי שטייט אויף.

זי איז נאָך נישט געוואָשן, נישט געקעמט. אָבער עפּעס איז זי נאָך שענער אין מיינע אויגן. ווי אַלע חלומות, וואָס זיינען געקומען צו איר בייננאַכט, וואָלטן זי פאַרטראָגן אין אַ ים פון חן און פון גליק...

אַפילו מיין ליבע צו דעניזן איז קילער געוואָרן. זי איז שוין מער נישט די, וואָס פריער. איך האָב איר די געשיכטע מיט דבורהלען נישט דער־ציילט. אָבער צי קען מען אַזוינס פאַרבאָרגן ? דאָס הייסט נישט, אַז זי ווייס גענוי, וואָס ס'איז פאָרגעקומען. אָבער זי פילט געוויס, אַנישט וואָלט זי נישט געמאַכט אַנומלטן אַזוינע אַנצוהערענישן :

— וואָלסט זיך באַדאַרפט צוויילן מיט דער חתונה, מאָריס, עס קומען אָן שווערע צייטן. ווי עס מאַכט זיך...

וואָס פאַר אַ שייכות האָבן די „שווערע צייטן" דערמיט ? געוויסע אַסאָ־ציאַציעס באַמערק איך אַלעמאָל אין איר רעדן צו מיר. ווי נאָר עפּעס, דער־מאָנט זי אַלבערטן, אמת, נישט אין צוזאַמענהאַנג מיט דבורהלען...

און אפשר דאַכט זיך מיר נאָר אַזוי אויס. אַלבערט איז געווען איר מאַנס אַ חבר, אַפילו אַ שטיקל קרוב, איז נאַטירלעך, וואָס זי טרעפט זיך מיט אים, וואָס זי איז אַן אָפּטע איינגייערין ביי אים אין שטוב.

און אָט באַפאַלט מיך אַ צווייטער ספק : אפשר זיינען די באַציאונגען אירע מיט אַלבערטן אויך פון דעם מין, וואָס מען רופט אָן — אינטימע. ווער קען דען נישט דעם דאָן־זשואַן אַלבערטן, וואָס האָט שוין אַזויפיל מייד־לעך פאַרדרייט דעם קאָפּ ? ער איז לייכטזיניק, פלאַטערט אַרום פון איין ליבע צו דער צווייטער און גיט זיך אַליין נישט אָפּ קיין רעכענונג, וואָס ער טוט. אַ וווּנדער וואָלט געווען, ווען ער האָט נישט צו טאָן מיט דעניזן. עס וואָלט געווען אַ וווּנדער, ווען ער ווערט נישט שיכור פון איר שטים, פאַרכאַפּט און מיטגעריסן פון אירע באַוועגונגען.

בין איך, הייסט עס, פון דער זייט אויך אַ קליין ביסעלע אייפערזיכטיק. אַנטלויפן פון אַלעמען ? נישט זען קיינעם מער ? מיר דוכט זיך, אַז איך וועל אַריינפאַלן אין אַ חלל, אין אַ פוסטער ליידיקייט.

נאָך אַ לענגערן איבערטראַכטן, איז ביי מיר געבליבן, איך זאָל גיין אין חתונה־אַמט און מעלדן מיין פאַרלאַנג חתונה צו האָבן מיט דבורהלען. די דאָזיקע מודעה וועט אַרויסגעהאָנגען ווערן אין דער ספּעציעלער וויטרינע, וואָס איז באַשטימט פאַר אָט דעם מין באַקאַנטמאַכונגען. זי וועט דאָרט בלייבן הענגען אין הסכם מיטן פראַנצויזישן דין, פופצן טעג, אַז טאָמער וויל איינער חתונה האָבן אַפּיציעל מיט אַ צווייטער פרוי, זאָל עס אים אַזוי לייכט נישט

אַנקומען, ווייל עס קען זיך מאַכן, אַז עמיץ זאָל לייענען די מודעה און זאָל קענען אַנקלאַגן דעם שווינדלער אין ביגאַמיע.

ס'האָט געדרעמלט אין מיר אַ משוגענער געדאַנק: אפשר וועט אַל־בערט גופא נישט צולאָזן צום שידוך, וואָרום דבורהלע איז דאָך, אייגנט־לעך, זיין פרוי, זיין נישט־לעגיטימע פרוי, געוויס, אָבער... אָבער וואָס? געוויס איז דאָס געווען אַן אַבסורדער געדאַנק, אָבער אויך אַבסורדע גע־דאַנקען קערעווען טיילמאָל דאָס מענטשלעכע לעבן. אַלע ווייסן דאָס.

נאָר נישט דאָס איז געווען דער הויפּט־מאָטיוו, וואָס האָט דיקטירט מיין באַשלוס. לענגער וואַרטן האָט דבורהלע נישט געקענט, אויב זי האָט אָפיציעל געוואָלט געבוירן אַ זיבעטל, וואָלט איך געווען דער טאַטע פון קינד, וואָלט מען זיך נאָך געקענט פאַרגינען צו וואַרטן, אָבער אַזוי איז געווען די העכסטע צייט צו האַנדלען. וואָרום אַ טאָפּלטן ליגן זאָגן דער מאַמען האָט מיר דאָס האַרץ נישט געלאָזן, דבורהלען — אויך נישט.

אייגנטלעך וואָלט דער ליגן געווען אַפילו אַ דרייפאַכער, וואָרום איך האָב דאָך גאָרנישט געהאַט בדעה צו ווינען מיט דבורהלען אַפילו נאָך אונדזער חתונה. אַ פיקטיוו פאַר־פאַלק האָבן מיר געזאָלט פאַרבלייבן, אַ „ווייסע חתונה" האָבן מיר געזאָלט פּראַווען, ווי דאָס פלעגן פאַר דער מלחמה טאָן אויסלענדערינס, כדי זיי זאָלן ווערן פראַנצויזישע בירגערינס. אין דעם פאַל האָט דבורהלע, וואָס איז נישט געווען נאַטוראַליזירט, אַפילו דעם נוצן אויך נישט געקענט האָבן, ווייל מען האָט איצט אין פראַנקרייך קיינעם נישט נאַטוראַליזירט; פאַרקערט, לויט די נייע געזעצן זיינען אַ סך נאַטוראַלי־זירטע צוריק געוואָרן אויסלענדער. מען האָט אַפילו געשמועסט, אַז באַלד וועט אַריינגיין אַ געזעץ, וואָס וועט פון נאַטוראַליזירטע אָפּנעמען די פראַנ־צויזישע בירגערשאַפט.

נאָר דערווייל האָט זיך אָנגערוקט אַ נייע צרה. גראָד אין דעם טאָג, ווען איך האָב זיך געקליבן צו גיין אין דעם חתונה־אַמט, איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע יידן דאַרפן זיך גיין רעגיסטרירן אין די פּאָליציי־קאָמיסאַריאַטן פון זייערע קוואַרטאַלן. איז אַרויסגעשווומען די האַרבע פראַגע, צי זאָל מען זיך יאָ רעגיסטרירן, אָדער נישט.

אין שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט מען קיין שום פאָרמאַליטעטן נישט גע־קענט דערליידיקן, ביז מען האָט נישט געוויזן די אידענטיטעט־קאַרטע מיטן גרויסן, רויטן שטעמפּל „ייד". כיבע מען האָט דערקלערט, אַז מען איז נישט קיין ייד, האָט מען עס אָבער געמוזט באַווייזן שוואַרץ אויף ווייס — אַ טויף־צעטל, נישט נאָר פון זיך, נאָר אויך פון די עלטערן און פון די עלטער־

עלטערן. שוין דער געדאַנק, אַז איך זאָל באַווייזן מיין מאַמעס אַ טויף־צעטל, איז מיר אויסגעקומען קאָמיש, בפרט — פון מיין זיידן... מיין זיידע איז געווען אַ גאָטספאַרכטיקער ייד, איז אַלע זיינע יאָרן אָפּגעזעסן איבער דער גמרא. ער וואָלט זיך גיכער געלאָזן פאַרברענען לעבעדיקערהייט, איידער זאָגן, חלילה, אַז ער איז אַ געשמדטער... דאָס וואָלט פאַר מיר איצט קיין מניעה נישט געווען צו דערקלערן, אַז כ'בין אַ קריסט. מיר לעבן אין אַנדערע צייטן. אַ סך פון אונדז האָבן בכלל מער נישט קיין אמונה, אַחוץ דעם האַנדלט זיך דאָך עס אין פקוח נפש. אַפילו די אמת־גלויביקע מוזן אויך שפּילן די ראָל פון אַנוסים, פון מאַראַנען. די פראַגע איז אָבער — צי ס'איז שיין, צי ס'איז ערלעך אין אַ צייט, ווען דער יידישער נאָמען ווערט געטראָטן מיט די פיס, צו דעזערטירן ? צי וועט מען נישט פאַרלירן דעם רעספּעקט פאַר זיך גופא, נאָכדעם ווי מען וועט האָבן פאַרלייקנט די יידישע אָפּשטאַמונג ?

אָבער מיט מיין נאָמען אַליין וועל איך נישט קענען פאַרלייקענען מיין יידישע אָפּשטאַמונג, און מיין מאַמע, מיט איר שלעכטן פראַנצויזיש, מיט איר עכט־יידישן אויסזען, וועט מיט קיין שום פאַפּירן נישט קענען באַווייזן, אַז זי איז נישט קיין יידישע. דער הויז־וועכטער וועט אונדז אוודאי מסרן. איך האָב סיי־ווי א חשד אויף אים, אַז ער איז אַן אָנגעבער אין דער פּאָ־ליציי. אַחוץ דעם קען איך זיך אַליין אויך : איך וועל עפּעס בשום־אופן נישט קענען זאָגן, אַז איך בין נישט דאָס, וואָס איך בין.

אַזאַ מין געפיל האָט מסתמא באַהערשט דאָס רוב יידן אין פּאַריז, אין דעם טאָג, ווען מען האָט באַדאַרפט גיין אין די פּאָליציי־קאָמיסאַריאַטן זיך דעקלאַרירן אַלס יידן. אַפילו די פראַנצויזישע יידן, וואָס זיינען דורות־לאַנג שוין אָפּגעפרעמדט פון זייער שטאַם, האָבן אין דעם טאָג זיך אויך דערקלערט סאָלידאַריש מיט די „פּאָליאַקן”, ווי די אַלע אויסלענדער האָבן ביי זיי געהייסן.

ביי די אַריינגענג פון אַלע פּאָליציי־קאָמיסאַריאַטן זיינען געשטאַנען לאַנגע רייען, וואָס זיינען געקומען צום צווייטן מאָל זיך „יידישן”, ווי איינער אַן עלזאַסער ייד, וואָס איז געשטאַנען לעבן מיר אין דער ריי, האָט זיך זייער טרעפלעך און מיט ביטערער איראָניע אויסגעדריקט :

— יאָ, צום צווייטן מאָל „זיך יידישן”. דאָס האָט מען געהאַט בדעה צו טאָן מיטן באַשטעטיקן, אַז מען איז אַ ייד, אַז מען איז געבוירן געוואָרן אַ ייד, אַלץ איינס, אין וועלכן לאַנד, אונטער וואָס פאַראַ הימל, און אַז מען וויל שטאַרבן ווי אַ ייד, צי מען איז פרום, צי נישט, — אַ ייד איז מען,

מעגן די דייטשן און זייערע משרתים אַריינלייגן אין דעם באַגריף וואָס פֿאַר אַן אינהאַלט זיי ווילן נאָר. וואָרום דעם אינהאַלט פּילט יעדערער פֿון אונדז אויס, ווי ער פֿאַרשטייט, ווי ער האַלט פֿאַר ריכטיק, אין הסכם מיט זיין וועלט־באַנעם.

אָט די דעקלאַראַציע האָט מען געלייענט אויף איטלעכנס פּנים. די פֿראַנצויזן האָבן זיך שטילערהייט דורכגערעדט, אַנדערע האָבן דאָס גלייכגילטיק אָוועקגעמאַכט, אַנדערע האָבן זיך באַצויגן מיט סימפּאַטיע. נאָר די דייטשן, וואָס זיינען פֿאַרבייגעגאַנגען, האָבן געשמייכלט פֿון די „יודען", וואָס לאָזן זיך פּריווויליק אָפּשטעמפּלען, איידער מען פֿירט זיי אַוועק אין שעכט־הויז.

מיר דוכט זיך, אַז יעדערער האָט געהאַט דאָס דאָזיקע פֿאַרגעפֿיל און פֿונדעסטוועגן האָט קיינער דעם ניכטערן געדאַנק נישט געקענט צולאָזן צו זיך. ווען מען דערפֿילט טאַקע דעמאָלט דעם גרויל, וואָלט יעדער איינער געפּרוווט זיך אויסבאַהאַלטן, אַנטלויפֿן. פֿאַר אַ ביסל געלט האָט מען נאָך געקענט אַריבערלויפֿן אויף יענער זייט דעמאַרקאַציע־ליניע, ראַטעווען זיך. נאָר מען האָט עפּעס נישט געטראַכט דערפֿון. יעדער איינער האָט געדולדיק געוואַרט אין דער ריי אויפֿגענומען צו ווערן אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט מיט דער דעקלאַראַציע: ייד.

— איך האָב אָפּצוגעבן — האָט זיך אָנגערופֿן דער עלזאַסער ייד — אַ דרייפֿאַכע דעקלאַראַציע.

אַלע האָבן אים אָנגעקוקט.

— ערשטנס, קום איך צו מעלדן, אַז איך בין אַ פֿראַנצויז פֿון זיבעטלעכע יאָרהונדערטער, נאָך פֿון פֿאַר דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, פֿאַר לודוויק דעם 14־טן און פֿאַר האַנרי דעם 4־טן. צווייטנס, פֿון זייט דריי טויזנט יאָר שוין, אויב נישט נאָך לענגער, בין איך אַ ייד. דריטנס, בין איך אַן עלזאַסער מקדמונים אָן, איך שטאַם פֿון אַ פֿראַנצויזישער פּראָווינץ...

— אייער דרייפֿאַכע דעקלאַראַציע — האָט זיך עמיץ אין דער ריי אָפּגערופֿן — וועט אויפֿן קאָמיסאַר נישט מאַכן קיין געוואַלטיקן איינדרוק.

אַלץ, וואָס איר קענט אים דערציילן, ווייסט ער אַליין.

— געוויס ווייסט ער.

— טאָ וואָס פֿאַר אַ פּעולה וועט אייער דעקלאַראַציע האָבן ?

— איך וויל ער זאָל וויסן, אַז איך ווייס דאָס אויך.

— און דערמיט וועט איר שוין זיין אַ געהאָלפֿענער ?

— אַ געהאַלפענער װעל איך דערמיט נישט זײַן, אָבער דאָס האַרץ װעל איך זיך האָבן אױסגערעדט.

אַלע האָבן אין יענע טעג געגאַרט אױסצורעדן זיך דאָס האַרץ. ייִדישע צרות זינט דורות, האָבן װי אַלטע װוּנדן, זיך אױפגעװועקט און דאָס האָט פאַרשנעלערט דעם ריטם פון די באַװעגונגען, פון די טראַכטענישן. בײַ יעדערן אױף דער צונג האָט זיך געפּלאָנטערט אַ װאָרט פון אַ טאַטן, פון זיידן. געשיכטעס פון מאַראַנען, פּאָגראָמען, באַליידיקונגען און נגישות, װאָס אונדזערע עלטערן און אור־עלטערן זײַנען אױסגעשטאַנען צוליב ייִדישקייט. זײ האָבן געמאָנט אַן ענטפער. עפּעס איז קיינמאָל װעגן די זאַכן נישט אױס־געקומען צו טראַכטן.

שטייט מען און מען קוקט זיך אָן, מען װוּנדערט זיך איבער זיך אַליין. אין אונדזערע טעג האָט דאָס װידער פּאַסירט ? מען רעדט, מען רעדט זיך אַראָפּ פון האַרץ, ביז... מען קומט אָן אין דער ריי, אױף די שטיגן, פאַר דער טיר, װוּ מען װערט אייינציקװייז אַרײַנגערופן.

מען איז פאַרבעטן אַנצוגעבן, װער מען איז. אַזױ האָבן די דײַטשן געפּסקנט.

די פראַנצױזישע פּאָליצײ מישט זיך נישט אָפיציעל אין די ענינים. זי פירט אױס באַפעלן, װאָס קומען פון אױבן. ייִדן זײַנען נישט קיין אַריער. די לופט געהערט די אַריער... דאָס װײסן זײ און גענוג...

אַ גרױסע װאַנט, עטלעכע פּאָליצעס מיט פאַרשטױבטע אַקטן. הינטער אַ באַריער — עטלעכע טישן. פון יענער זײַט באַריער — אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן. ברילן טראָגט ער. אים גיט זיך אָבער נישט איין צו פאַרדעקן זײַן אױסדרוק. זײַנע אױגן — גרױסע, װי בײַ אַ קאַץ, גלאַנצן מאָדנע. דאָס מױל האָט ער אָפן, אָבער קיין איין װאָרט קומט נישט אַרױס פון זײַנע ליפּן. הינטער אים פאָרען זיך עטלעכע שרײַבערלעך איבער הױפנס פּאַפּירן. מען זעט גלײַך, אַז זײ זוכן אייגנטלעך גאָרנישט. זײ זײַנען אָנגעכמורעט, בײז. די פּאָליציאַנטן שטייען אַרום װי סטאַטועס : גלײַכגילטיקע, טעמפּע פּנימער, ליימענע גולמס.

װאָס קומט דאָ אייגנטלעך פאָר ?

אַרום באַריער — אַ רעדל מענטשן, צען, צװאַנציק. אינמיטן — אַ ייִד. אַ ייִד גאָר ? יאָ, אַ ייִד. הײַנט איז דער טאָג פון ייִדן. מיט אַ קאָפּ העכער פון די אַרומיקע איז ער. ער רעדט, און קיינער שטערט אים נישט, מען לאָזט אים רעדן. אַפילו דער קאָמיסאַר אַליין איז אין דער ערשטער מינוט געבליבן אַ ביסל אַפּהענטיק.

— פראַנצויזישע בירגער — האָט דער ייד געשליידערט זיינע ווערטער — ביז איצט האָט מען אונדז, יידן, פון אַנדערע בירגער נישט געקענט אונ־טערשיידן. מיר זיינען אַרומגעגאַנגען אין לעבן אינקאָגניטאָ. מיר האָבן געהערט צו פראַנקרייך און האָבן, האָף איך, פראַנקרייך קיין חרפות נישט אָנגעטאָן. פאַרקערט, אַ סך פון אונדז האָבן איר גאָר פאַרשאַפט כבוד אין דער וועלט. אָט שטייט לעבן מיר מאָריס בלאָקאָר, אַ געוועזענער מאַרינע־קאַפּיטאַן. אָט שטייט ער דאָ מיט אַלע זיינע מעדאַלן, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן אין יענער מלחמה פאַר זיין בראַוווּר... און אַפילו די פון אונדז, וואָס האָבן זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט, זיינען זיך שטיל געגאַנגען זייער וועג, האָבן ערלעך געלעבט און האָבן זיך באַטייליקט אין דעם אַל־געמיינעם גורל פראַנקרייכס. מיר האָבן געגעבן אונדזער צושטייער סיי אין בלוט, סיי מאַטעריעל, יעדער ווי ס'איז אויסגעפאַלן אויף זיין חלק. מען האָט נישט געהאַלטן פאַר נויטיק אויסצוצייכענען אונדז ווי מענטשן, וואָס געהערן צו אַ באַזונדער קאַטעגאָריע. איצט אָבער האָט זיך פראַנקרייך אַרומגעזען, אַז מען האָט אונדז נישט ווי געהעריק באַלוינט. אין אַ צייט, ווען דאָס לאַנד ליידט, נאָך אַזאַ אומגליק ווי ס'האָט פראַנקרייך געטראָפן, דאַרפן די, וואָס ליבן זי אויף אַן אמתן — און מיר יידן, האָבן פראַנקרייך ליב — זיך אויסטיילן פון די איבעריקע. דעריבער דערקלער איך דאָ פריי און אָפן, אַז איך האַלט דאָס פאַר אַ באַזונדערע אויסצייכענונג, וואָס איך דאַרף זיך רעגיסטרירן אַלס ייד...

דער שטייפער קאָמיסאַר האָט שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן, איז געוואָרן רויט און האָט אַרויסגעפּלאַצט :

— שווייגט, די מינוט, אַנישט...

דער רעדנער האָט אים רואיק געפאָלגט. ער האָט מער קיין איין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. שטיל איז געוואָרן אַרום. אַ פליג וואָלט מען געקענט הערן אַדורכפליען. איין רגע בלויז האָט די דאָזיקע אָנגעשטרענגטע שטיל־קייט אָנגעהאַלטן. אַ קורצע רגע, און איצט... דערנאָך האָט דער קאָמיסאַר זיך דערמאָנט אין זיינע פונקציעס און האָט אַ געשריי געטאָן :

— שווייגט. נעמט אויף די ווייטערדיקע.

איצט, אַז ער האָט זיך דערקאָנט אויף זיין אייגענעם קול, איז ער געוואָרן זיכערער ביי זיך. ער איז די פּאָליציי, ער איז די מאַכט. עס איז נאָך דאָ אַ פראַנצויזישע מאַכט. און אויך די פּאָליציאַנטן, קוקנדיק אויף אים, האָבן דערפילט ווי זייערע הענט ווערן פויסטן. זיי זיינען שטיינגעבליבן גרייט זיך צו וואַרפן אין עולם אַריין. אַזוינס איז נאָך נישט געהערט גע־

וואָרן. נישט אַנדערש, דער דאָ איז אַ קאָמוניסט, נישט געקוקט אויף זיינע מיליטערישע אויסצייכענונגען...

צום שלאָגן איז אָבער נישט געקומען. זעט אויס, אַז די מעדאַלן זיינען דעם דאָזיקן ייד פאָרט בייגעשטאַנען. דער ייד איז אָבער אַרעסטירט גע־וואָרן. מען האָט אים באַלד טאַקע אַוועקגעפירט. פיר פאָליציאַנטן האָבן אים שטייף באַגלייט.

קאפיטל 9.

אַ פרעמדע חתונה...

אויב שוין יאָ אַ שמחה, האָט זיך מיר געגלוסט, אַז זי זאָל זיין וואָס אימפּאָזאַנטער, וואָס שענער, וואָס פריילעכער. מיין מאַמע האָט געהאַט דעם אייגענעם ווונטש. אין דער אַלטע היים וואָלט, פאַרשטייט זיך, אַזאַ שמחה געהאַט גאָר אַן אַנדערן פּנים.

— ביי אונדז — האָט די מאַמע דערציילט — אַז מען האָט חתונה געמאַכט אַן איינציק קינד, וואָס ווייסטו וואָס פאַראַ געשעעניש דאָס איז געווען! אָרעם און רייך האָבן זיך חדשים־לאַנג געגרייט צו דער חתונה. שניידערס, שניידערקעס, וועש־נייטאָרינס, קעכינס, מעבל־הענדלער. חדשים־לאַנג האָט זיך די טיר נישט צוגעמאַכט. אַריין און אַרויס: אפשר, מחותנתטע דאָס? אפשר מחותן, וואָלט מען געדאַרפט אַזוי מאַכן?... און אין דער קיך קאָכט מען, פּרעגלט מען, באַקט מען. איין קלייניקייט: מען מאַכט חתונה אַ קינד! געבוירן, אויפגעהאָדעוועט, אַדאַנק גאָט, געמאַכט פאַר אַ לייט. און אָט דערלעבט אַ שטיקל נחת. רבונו של עולם, צוליב וואָס לעבט דער מענטש? און אַ מאַמע — צו פירן אַ קינד אונטער דער חופּה. פריילעך זאָל זיין, מוזיק זאָל שפּילן...

צוויי וואָכן פאַר דער חתונה איז די מאַמע שוין אַרומגעגאַנגען אַ פאַר־טראַגענע. זי איז יינגער געוואָרן מיט אַ סך יאָרן. זי איז לייכט געלאָפן אַרויף און אַראָפּ פון די טרעפּ, ווי אַ מיידעלע. אַלע ווײַלע האָט זי זיך געכאַפּט, אַז זי האָט נאָך עפּעס פאַרגעסן צו קויפן. און יעדעס מאָל האָט זי זיך באַקלאָגט, אַז מען קריגט נישט דאָס, מען קריגט נישט יענץ. ס'איז מלחמה־צייט...

דבורהלע האָט מיר פון צייט צו צייט צוגעוואָרפן אַ הייסן, אָפּבריענ־דיקן בליק. איך אַליין בין אַרומגעגאַנגען מיט אַ געמיט פון אַ פאַרשווערער. ס'איז באמת געווען אַ פאַרשווערונג, נאָר איך בין דאָ געווען גאָט די נשמה

שולדיק. מיך האָט פונדעסטוועגן פאַרדראָסן אויף דבורהלען, שטאַרק פאַר־דראָסן. איך וואָלט נאָך איצט אַפילו אויך געפּרוווט אַרויסצופּלאָנטערן זיך פון דער גאַנצער חתונה. אָבער די זעלביקע אויגן דבורהלעס, וואָס האָבן איצט געקוקט אויף מיר מיט שטילן שמייכל, האָבן מיט עטלעכע טעג צוריק געגאָסן מיט טרערן.

ס'האָט אויסגעזען ווי איך בין דער שולדיקער אין דער גאַנצער פאַר־קאָכטער קאַשע. איך בין געשטאַנען אַן אַפּהענטיקער, אַ הילפלאָזער, נישט ווויסנדיק ווי אַזוי צו פאַרענטפערן זיך. טרערן פון אַ פרוי מאַכן שוואַך. וואָס האָב איך דען אויף אירע בליקן געהאַט צו ענטפערן?

איך האָב נאָך געשפּירט אויף מיר איר פאַרטרערטן בליק אַנומלטן. אָבער יענע טרערן זיינען נאָך אַלץ ליבער געווען ווי דאָס שטילע שמיי־כעלע אירס. געשטעקט האָט אין דעם אַ היפּש ביסל קאָקעטעריע אויך. אַלץ האָב איך איר מוחל געווען. זי איז דאָך נאָך גאָר אַ קינד — האָב איך זיך געטראַכט, אַ קינד און — אַ פרוי. זי איז נישט אַנדערש ווי מיינס אַ שוועסטערל. און איך האָב זי ליב. אָבער עפּעס האָט זיך ביי מיר כסדר צונויפגעפּלאָנטערט: שוועסטער און פרוי...

נאָך אַ לאַנגן איבערטראַכטן, בין איך געקומען צום אויספיר, אַז איך האָב דבורהלען ליב גאָר ווי אַ שוועסטער. איטלעכער פאַרלאַנג נקמה צו נעמען אין איר, איז מיר פרעמד, פרעמד און פאַרהאַסט. דעריבער האָב איך זי כסדר פאַרשאָטן מיט גוטע רייד און האָב איר צוגעזאָגט אַ וועלט מיט פריינטשאַפט און מיט צערטלעכקייט.

אָבער זי געהערט דאָך נישט מיר.

דעניז האָט מיר ווידער, אַזוי ווי צופעליק, דוכט זיך, אַריינגעוואָרפן, אַז אַלבערט האָט שטאַרק ליב זיין פרוי. פאַרוואָס האָט זי מיר דאָס פּלוצים אַ זאָג־געטאָן? צי מיינט זי, אַז זיינע באַציאונגען מיט דבורהלען זיינען מיר אומבאַקאַנט? אָדער אפשר וויל זי זיך פּשוט רייצן מיט מיר? אפשר האָט זי נאָך דערביי גאָר אַן אַנדער מיין? וואָרום די דעניז איז זייער ראַפינירט, וועסט אַזוי לייכט נישט דערגיין אירע הינטער־געדאַנקען...

אָבער ס'איז נישטאָ קיין צייט צופיל זיך צו גריבלען. איינמאָל באַ־שלאָסן און — פאַרטיק. מען נייט שוין דבורהלעס אויסשטייער. אין קיך פאַר־רעט מען זיך, עס ווערט געפּרעגלט און געבאַקן און איך בין חתן־בחור... ס'איז מיר געגוג אָנגעזאָלצן אויף דער נשמה. איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ פּלאָנטער און איך ווייס גאָרנישט ווי אַזוי איך וועל דאָ אַרויסקריכן.

די חתונה האָט, פאַרשטייט זיך, נישט אויסגעזען, ווי אין פּוילן, אָבער

אַ שטיקל שמחה איז דאָך צושטאַנד געקומען. באַזונדערס גוט איז אויסגע־פאַלן די סעודה, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז כמעט גאָרנישט האָט מען געקריגן צו קויפן. משקה איז אויך געווען. מען האָט זיך באַמיט צו פאַרגעסן, אַז מיר לעבן אין אָקופּאַציע־צייט, אין ביטערער אָקופּאַציע־צייט.

צוזאַמענגעקומען איז מען זיך צו מיטאָג. אַ זונטיק־מיטאָג איז עס גע־ווען. דריי פון מיינע חברטעס האָבן באַדינט די איינגעלאַדענע געסט, אַ חוץ מיין מאַמע, וואָס איז, פאַרשטייט זיך, כסדר געווען פאַרפאַרעט. זי האָט געשיינט פון גדולה, מיין מאַמע. איך האָב איר געפּרוווט צורעדן זי זאָל זיך זעצן מיט אַלעמעןביים טיש. זי האָט אַפילו נישט געוואָלט הערן דער־פון. אַזוי לאַנג האָט זי געוואַרט אויף דעם דאָזיקן יום־טוב, מעג זי זיך פאַרגינען דאָס פאַרגעניגן און פאַרען זיך.

אָפּגעגעסן, פאַרטרונקען, איז דער שמועס ביים טיש אַריבער אויף וואָ־כעדיקע ענינים — ווי האַלט עס מיטן דייטש, וואָס פאַר אַ סיורפּריזן מיר האָבן נאָך פון זיי צו דערוואַרטן. נישט אַלע האָבן זיך געוואָלט לאָזן צעשטערן די פריילעכע שטימונג וועגן די טרויעריקע טאָג־טעגלעכע פּאַ־סירונגען. מען האָט אָנגעשטעלט די דיסקן און עטלעכע פאָרלעך האָבן זיך אַוועקגעלאָזן אין אַ טאַנץ.

די מאַמע איז פונדעסטוועגן אַ ביסל נישט צופרידן געווען. ס׳האָט אויסגעזען אין אירע אויגן אינגאַנצן ווי אַ גויאישע חתונה. נישט קיין חופּה, נישט קיין רבנים, שמשים. אַ שמחה אָן קלאָפּערגעצייג, אָן דרשה־געשאַנק, אָן באַדעקנס, אָן אונטערפירעכטס.

דערפאַר אָבער זיינען געסט געווען היפּש. מיין קרייז חברים איז אַ גרויסער. צימערן זיינען פאַראַן גענוג. צוויי צימערן זיינען גרויס ווי טאַנץ־זאַלן און די איבעריקע דריי זיינען אויך גענוג גרויס. האָט טאַקע דער עולם — ביז אַ פערציק מאַן — געפונען גענוג פּלאַץ אי צום טאַנצן, אי פונאַנדערצוטיילן זיך אין באַזונדערע גרופּקעס.

די אָפיציעלע צערעמאָניע איז געמאַכט געוואָרן אין דער מוניציפּאַלי־טעט. מיין מאַמע, צוויי עדות און — דאָס איז אַלץ. אַחוץ, פאַרשטייט זיך, איך און דבורהלע. בעת דער באַאַמטער האָט געהאַלטן אינמיטן פאַרלייענען די באַקאַנטע פאָרמולן וועגן די התחיבותן, וואָס מאַן און פרוי נעמען זיך אונטער אויסצופילן איינער לגבי דעם אַנדערן, האָב איך נישט געקענט אַרונטערנעמען די אויגן פון דעם פאַריתומטן פּיעדעסטאַל אין דער ליידיקער נישע קעגנאיבער. אַמאָל האָט דאָרט געהויזט די מאַריאַנע, דער סימבאָל פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק, זי איז דאָ נישט לאַנג אַלט געוואָרן 150

יאָר. אַ בכבודיקע עלטער פּאָר אַ יונגער פרוי מיט אַ גריכיש־געשניצטן פּראָפיל. זי האָט זיך נאָך נישט שלעכט געהאַלטן. ווען נישט דער אומגע־ריכטער אומגליק. אויפן באַפעל פון מאַרשאַל, האָט מען זי אַרויסגעוואָרפן פון אַלע אַדמיניסטראַציע־בנינים, פון די שולן, פון די אוניווערזיטעטן.

האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, ווי מיין שמחה וואָלט דערמיט עפּעס נאָכמער צעשטערט געוואָרן.

ס'איז מיר שוין בעסער ליבער געווען נאָכאַמאָל צו באַטראַכטן דבורהלען בעת דער צערעמאָניע. זי האָט נאָך פיין איינגעהאַלטן איר שלאַנקייט, כאָטש זי איז שוין געווען ווייט אין פערטן חודש אַריין. גלייכצייטיק בין איך זיך פאָרגעקומען זייער קאָמיש אין מיינע אייגענע אויגן. אָבער בעסער גאָרנישט טראַכטן דערפון, האָב איך באַשלאָסן.

איך האָב אַלץ געטאָן אין יענעם טאָג צו פאַרגעסן זיך. איך געדענק שוין לאַנג נישט צו האָבן געווען אַזוי פריילעך. געטרונקען האָב איך וויפל ס'איז נאָר אַריין. פאַר יעדן האָב איך געהאַט אַ פּאַסיק וואָרט, אַ וויץ. אויך מיט אַלבערטן בין איך געווען גוטער־ברודער, ווי ס'וואָלט גאָרנישט נישט געשען צווישן אים און דבורהלען. כאָטש איך בין געווען בגילופנדיק, גאָר־נישט אויף קאַטאָוועס, געדענק איך נישט, איך זאָל אים האָבן געמאַכט עפּעס אַן אָנצוהערעניש אויף זיין, אָדער אויף דבורהלעס חשבון. ניין. אויף אַזויפיל האָב איך דעם קאָפּ נישט פאַרלוירן.

אַלבערט און די פרוי זיינע זיינען געווען פון די געציילטע געסט, וואָס זיינען פאַרבליבן שלאָפן ביי אונדז. ווייל זיי האָבן צוליב דער פּאָליצײ־שעה נישט געקענט מער אומקערן זיך אַהיים. ביז שפּעט ביינאַכט זיינען מיר געבליבן זיצן אין עס־צימער. מען האָט גערעדט און גערעדט און ס'האָט אַלץ קיין שטאָף נישט אויסגעפּעלט.

נישט נאָר מיט אַלבערטן בין איך דעם אָוונט פאַרבליבן זייער באַענט, נאָר אויך צו דעניזן און צו דבורהלען איז מיין באַציאונג געווען אַ גאָר האַרציקע. איך האָב געטאַנצט דאָ מיט איינער, דאָ מיט דער אַנדערער און בין געווען ביז גאָר ליבלעך מיט זיי. כאָטש דעם אמת געזאָגט, האָבן זיי דאָס ביידע נישט פאַרדינט. ביידע האָבן זיי מיך, ווי מען זאָגט, פאַראַטן. איך האָב שוין איצט געוווסט גענוג וועגן דעניזס נאָענטע באַציאונגען מיט אַל־בערטן. דבורהלע אַליין האָט עס מיר דערציילט. ביי זיי זיינען נישטאָ קיין סודות. בעסער, ס'האָט נאָך אויסגעקוקט, ווי דבורהלע וואָלט זיך באַקלאָגט פאַר מיר אויף דעניזן. ס'האָט נאָך געפּאַסט זי זאָל מיך בעטן, איך זאָל

אינטערוועגירן ביי דעניזן און אַלבערטן פאַר דער עוולה, וואָס ווערט בנוגע איר באַגאַנגען.

אָבער דבורהלע האָט עס פון מיר נישט פאַרלאַנגט. בין איך טאַקע אַזוי שוואַך ? טיילמאָל ווייזט זיך מיר אויס, אַז פאַרקערט, אַז איך דער־הויב זיך גאָר איבער די אַלע מענטשלעכע קליינינקייטן. איך באַזיג מיין אייפערזוכט, איך זוך נישט קיין לייכטע נקמה איבער מענטשן, וואָס זיי־נען שוואַכער ווי איך. נאָר נישט קיין פאַלשע באַשיידנקייט.

ווי גרויס מיין נצחון זאָל נישט זיין, האָב איך זיך פונדעסטוועגן ניש־קשהדיק פאַרפלאָנטערט. איך האָב פאַרשפּילט ! איך האָב פאַרשפּילט אי ביי דבורהלען, אי ביי דעניזן, אין דער צייט ווען ער, אַלבערט, ער האָט געוווּנען ביי אַלעמען. אים גיט זיך אַלץ איין אין לעבן, לייכט, פּונקט אַזוי לייכט, ווי זיינע פיס הייבן זיך צום טאַקט פון דער דיסקן־מוזיק, די שיינע טשופּרינע האָר איבער זיין ווייסן שטערן; פּונקט אַזוי לייכט ווי ער נעמט איין די הערצער פון די אַלע, וואָס קרייצן זיין וועג אין לעבן.

איך שפּיר, ווי אַ וואָרעם הייבט אָן צו נאַגן מיין האַרץ. אָבער זיך אונ־טערגעבן ? פאַראַטן זיך מיט אַ וואָרט, אָדער אַפילו מיט אַ באַוועגונג ? — ניין ! „זיי פאַרזיכטיק — חזר איך זיך איין — היט זיך מיט יעדן וואָרט, מיט יעדער באַמערקונג, מיט איטלעכן קוק. מאַך אַזוי ס׳זאָל אויסזען גלייך דו ביסט זייער גליקלעך"...

און איך האָב זיך באַמיט אויסצוזען ווי דער גליקלעכסטער. איך מיין, אַז מיר האָט זיך עס איינגעגעבן. וואָרום אַלע זיינען אין דעם אָוונט געווען צופרידן פון מיר. דאָס פּנים ביי דער מאַמען האָט געשטראַלט פון גליק. „קינד מיינס — האָט זי מיך כסדר צוגערופן — מיין משהלע, אַט האָב איך אויף מיינע אַלטע יאָרן דערלעבט נחת פון דיר"...

די מאַמע האָט געוויינט און דאָס פּנים האָט ביי איר געשיינט. ס׳האָט מיר איבער עפּעס דערמאָנט די זון, וואָס לייכט אויף צוריק נאָכן רעגן. דאָס זיינען ביי איר געווען טרערן פון פרייד.

אויך דבורהלע איז איינמאָל געלאָפן באַהאַלטן דאָס פּנים, ווייל עס האָט זי געשטיקט אין האַלדז. דאָס זיינען שוין, זעט אויס, געווען גאָר אַנ־דערע טרערן. טרערן פון ציטערנדיקן אומרו. ווער האָט דען געקענט אַריינ־קוקן אין איר נשמה און וויסן, וואָס ביי איר אין האַרצן טוט זיך אָפּ אין דעם אומפאַרגעסלעכן אָוונט ? ס׳איז געשען, ווען מיר האָבן גראַד ביידע געטאַנצט. זי איז אַ ווייליע אַנטלאָפן, אַרויסגעדרייט זיך פון מיינע אָרעמס און איז באַלד נאָכדעם צוריקגעקומען, קיינער זאָל נישט באַמערקן.

— דבורהלע — האָב איך זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן און איר אַריינגעשושקעט אין אויער — האָסט געוויינט ?

— ניין — האָט זי פאַרלוירן דעם בליק אויף דר׳ערד — ס׳האָט זיך דיר נאָר אַזוי אויסגעדאַכט.

— כ׳האָב געזען, דבורהלע, פאַר מיר דאַרפסטו נישט אַלץ באַהאַלטן.

— יאָ — האָט זי זיך מודה געווען — נישט ווילנדיק... זיי האָבן עפּעס אַ שפּאַר געטאָן... איך ווייס נישט ווי אַזוי...

— וואָס הייסט — נישט ווילנדיק ?

— אַזוי... ס׳איז פונדעסטוועגן אַ קאָמפּליצירטע לאַגע...

— האָב איך דיר דען עפּעס געזאָגט אַ קרום וואָרט ? האָב איך זיך נישט באַנומען לגבי דיר ווי געהעריק ?

— רעד נישט, טייערער, פאַרקערט... אַז איך שעם זיך אַזש פאַר דיר... דיין גוטסקייט, דיין איידלקייט, דווקא דאָס האָט מיר געבראַכט צו טרערן...

— קומט גאָר אויס, אויב אַזוי, אַז איך טו דיר וויי מיט מיין גוטס־קייט ?

— יאָ, מען קען מיט גוטסקייט אויך וויי טאָן...

— וואָס־זשע זאָל איך טאָן, דבורהלע ? גלויב מיר, אַז איך וויל דיר קיין עגמת־נפש נישט אָנטון.

— כ׳ווייס.

— טאָ וואָס־זשע זאָל איך טאָן ?

— גאָרנישט. זיי ווי דו ביסט. איך בין די שולדיקע...

— פאַרוואָס, קינד ?

— אין אַלץ בין איך שולדיק. איך בין שולדיק, וואָס איך לעב אויף דער וועלט...

— הער־זשע אויף צו וויינען. דו ציסט אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט.

— סיי־ווי וועלן זיי מיינען, אַז איך וויין פון פרייד.

איך האָב זיך שיעור נישט אַרויסגעכאַפּט :

— אַלע — אַחוץ אַלבערט...

איך האָב עס אָבער נישט געזאָגט. ס׳איז מיר געבליבן שטעקן אין האַלדז. אַ סימן, אַז איך בין נאָך אַלץ געווען באַלעבאָס איבער זיך גופא. איך בין געווען צופרידן פון מיין נייעם נצחון. איז דאָס נישט אַמאָל אַ מאַסקירטע פאָרם פון שלעכטסקייט ? איך האָב זיך די נייע פראַגע גאָר־נישט באַמיט צו פאַרענטפערן.

דבורהלע האָט מער נישט געוויינט. מיר האָבן זיך נאָך לייכט גע־

וויגט איבערן פּאַרקעט, אין שטילן, פאַרחלומטן טאַנגאָ, ביז די מוזיק האָט זיך אויסגעלאָזן.

אויך מיט דעניזן האָב איך אין דעם אָוונט געטאַנצט. דאָ בין איך שוין געווען דער אָנגרייפער. איך האָב געשפּירט, אַז טאָמער גרייף איך נישט אָן דער ערשטער, וועל איך אַרויס דער באַזיגטער. דער טאַנץ גופא האָט אימיטירט די באַוועגונגען פון אַ צוויי־קאַמף, ווי ער קומט פאָר ביי די נעגער־שבטים, אין טיפן אַפריקע.

— איך באַדויער זייער, וואָס איך וועל זיך מיט דיר נישט קענען זען שבת, ווי מיר האָבן געהאַט אָפּגערעדט.

— פאַרוואָס ?

— שבת וועל איך זיין פאַרנומען.

— פאַרנומען ?

— דו אויך מסתמא.

— איך אויך ?

— אַ שיינע פראַגע, כ'לעבן. היינט איז דאַנערשטיק, היינט איז דיין חתונה און דו פרעגסט מיר נאָך פונוואַנען איך ווייס, אַז דו וועסט זיין איבערמאָרגן פאַרנומען...

— דעניז, דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס קען מיר גאָרנישט שטערן זיך צו טרעפן מיט דיר, ווען איך וויל נאָר.

— מיר אָבער קען דאָס יאָ שטערן...

— דאָס איז די איינציקע סיבה ?

— די איינציקע אפשר נישט, אָבער...

— וועלכע נאָך סיבות ?...

— איך וועל זיי דיר אַן אַנדערש מאָל דערציילן...

— פאַרוואָס נישט היינט ?

— ווייל איך וויל אין דיר אויסהאָדעווען אַ נייגעריקייט.

— מיט אַנדערע ווערטער : דו האָסט ליב אויפצוועקן די אייפערזוכט...

— קען זיין...

—וואָס וועט אָבער זיין, אַז וועסט האָבן דערגרייכט פונקט דאָס פאַר־קערטע פון דעם, וואָס דו דערוואַרטעסט ?

— וועל איך דעמאָלט וויסן, אַז מיר פּאַסן טאַקע נישט איינער פאַרן צווייטן.

— קען דען ליבע זיך גאָרנישט באַגיין אָן אייפערזוכט ?

— גלויב מיר, אַז איך גופא לייד אויך. אָן ליידן ווייס מען גאָרנישט, אַז

מען האָט ליב. ליבע, נאָך אַלעמען, איז — ליידן... קיין זאַך איז נישט אומזיסט...

— קומט אויס, לויט דיר, אַז ליבע לאָזט זיך שטענדיק באַצאָלן...

— יאָ, מיט ליידן, מיט אייפערזוכט...

— ביסט מיר היינט צו פילאָזאָפיש געשטימט.

— איך רעזאָניר מיט די חושים.

— ווייסטו וואָס, דעניז ? איך האָב עס דיר שוין פון לאַנג געוואָלט זאָגן — ביסט אַ סובלימירטער וואַמפּ... אָבער איך האָב דיך ליב, פונדעסט־וועגן...

— דו האָסט איצט אַ פּרוי...

— וואָס מאַכט עס דיר אויס ? איבעריקנס...

— דיין נישט דערזאָגטער „איבעריקנס" מאַכט דיך עפּעס גרויס...

— אַ דאַנק, דעניז...

— האָסט מיר נישט וואָס צו דאַנקען. איך האָב דיך אויך ליב. איך ווייס נאָר נישט ווי ווייט, ווי גרויס מיין ליבע צו דיר איז. ביסט אַ מאָד־נער כאַראַקטער, און איצט לאָמיר מער אויפמערקזאַמקייט שענקען דעם ריטם. מען קוקט אונדז שוין אַ ביסעלע צופיל אָן...

דער רעשט אָוונט איז פאַרטאַכליעוועט געוואָרן האַלב אין ערנסט, האַלב אין שפּאַס. מען האָט אויך געשמועסט פון פּאָליטיק, מען האָט זיך געטוישט מיט די מיינונגען, מען האָט געפּרוווט זאָגן נביאות. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט דער לאַנגער לייזער געטענהט, אַז די מלחמה וועט נאָך דויערן זייער לאַנג. שלמה האָט געהאַלטן פאַרקערט.

דערנאָך האָבן זיך אַלע געכאַפּט צו קוקן אויף די זייגערלעך, צוליב דער אָנרוקנדיקער פּאָליציי־שעה.

פינף געסט זיינען איבערגעבליבן און דער שמועס האָט זיך נאָך פאַרצויגן ביז אַזייגער דריי.

דער שווערסטער מאָמענט איז, אייגנטלעך, געווען אין דעם געמיינזאַמען שלאָף־צימער, וואָס די מאַמע האָט נאָך בייטאָג געהאַט צוגעגרייט פאַר אונדז, פאַר מיר און פאַר דבורהלען. איך האָב באַדאַרפט אַראָפּשלעפּן אַ מאַטראַץ און איינאָרדענען זיך אַ געלעגער אויף דר'ערד.

מיר זיינען פאַרבליבן פונקט ווי פריער — חברים. דאָס טרויעריקסטע איז געווען דאָס אַלץ אויסצובאַהאַלטן פאַר דער מאַמען.

איך בין איינגעשלאָפן אין איין ציטערניש — אַט־אַט קען אונדז נאָך עמיץ כאַפּן שלאָפן איטלעכן באַזונדער...

קאפיטל 10.

דבורהלע און דעניז

דבורהלע איז פאַרגאַנגען אין ווייען אין זיבעטן חודש פון איר שוואַנגערשאַפט. זי האָט געבוירן אַ קליין, אַ פּיצל מיידעלע.

מיין מאַמע האָט, פאַרשטייט זיך, קיין שום אָנצוהערעניש נישט געלאָזן פאַלן. אויף אַלץ האָט זי געהאַט אַ פאַרטיקן תירוץ: „דער היינטיקער דור!״

נאָך גוט, וואָס ס'איז געווען אַ מיידעלע. מיר האָבן אַזוי אַרום איינגעשפּאָרט דער מאַמען אַ רעכט ביסל האַרצווייטיק. איך בין אַפילו נישט זיכער, צי איך וואָלט זיך דווקא איינגעשפּאַרט דאָס קינד נישט צו לאָזן מלן. נאָך אַלעמען איז דאָך ס'קינד נישט מיינס, טאָ פאַרוואָס זיך איינשטעלן פאַר פּרינציפּן, ווען דער ענין גופא איז מיר נישט נוגע?

דבורהלע האָט דעם קימפּעט גאַנץ גוט אַריבערגעטראָגן. די מאַמע איז געווען גליקלעך: ענדלעך איז זי געוואָרן אַ באָבע. אויך איך אַליין האָב זיך שיעור־שיעור נישט דערפילט ווי אַ טאַטע. אַ ביסל פילאָזאָפיש, איז ביי מיר אַרויסגעקומען — אַ קינד איז אַ קינד, נאָך וואָס אַריינקלערן...

בכלל האָב איך ליב קינדער. דעניזס מיידעלע האָב איך אויך ליב. איך האָב ליב אַ פלוידער צו טאָן מיט זיי וועגן אַ טיש, אַ שטול, „הייטאַ״. איך האָב זי ליב, די קליינע, ווייל איר מאַמען, דעניזן, האָב איך אויך גערן.

געוויס שטייט צווישן מיר און דעניזס מיידעלע איר טאַטע, וועלכער איז, לויט ווי דעניז האָט מיר דערציילט, געווען אַ מענטש פון געוואַלטיקע עקסטרעמען. דאָ אַן אידעאַליסט, גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר אַן אידיי, און דאָ ווידער אַן עגאָאיסט, וואָס פאַרשליסט זיך פון דער אויסערן־וועלט אויף טויזנט שלעסער, פאַריגלט זיך און וויל פון קיינעם גאַרנישט וויסן. צווישן מיר און דעניזן שטייט אָבער איצט דער שיינער אַלבערט.

דעניז, וואָס איז אַ מבין אין די ענינים, האָט מודה געווען, אַז ווען מען

קוקט זיך צו גענויער צו אַלבערטן, געפינט מען אויס, אַז ער איז פון דעם מין „אַדאָניסן״, וועלכע ווערן פאַבריצירט סעריעסווייז; ער פאַרמאָגט נישט קיין שום פערזענלעכקייט. אַזאַ מין שיינקייט וועפט זיך אויס מיט דער צייט. זיינע אויגן ווירקן ווי ליידיקע וואַזעס. קיין שום געדאַנק הויזט נישט אין זיין בליק. דערפאַר אָבער איז ער אַלעמאָל גרייט עמיצן צו טון אַ טובה. ער איז גרייט צו טון אַלץ, וואָס מען פאַרלאַנגט נאָר פון אים. דאָס יאָ, ער איז אַ מענטש פון גערעכטיקייט, נישט אַזוי צוליב עטישע, ווי צוליב עסטעטישע טעמים.

איך באַוווּנדער דעניזס שאַרף אויג, איך באַוווּנדער איר אָנגעגליטן שכל. ווי גוט זי כאַראַקטעריזירט מענטשן! ווי גוט זי קען מענטשן! אויך אין פּאָליטישע ענינים איז זי נישט ווייניק באַהאַוונט, הגם ביז איצט האָב איך זיך מיט איר אין ערגעץ נישט באַגעגנט. איצט אָבער, מוז איך זאָגן, אַז אַ דאַנק מיר, אינטערעסירט זי זיך שטאַרק אינעם קאַמף מיטן שונא, וואָס הויזט ביי אונדז.

— איך האָף, אַז איך וועל קענען מיט עפּעס צוהעלפן — זאָגט זי — מיט אַלע מיינע פיבערן וועל איך צוהעלפן. איך האָב ליב קאַמף. אין קאַמף פילט מען אַליין אויך, אַז מען לעבט. און דאָס לעבן האָט אַ זין, ווייל מען דאַרף עס פאַרטיידיקן און אויסקעמפן.

איך בין קעגן אַזאַ איינשטעלונג, קעגן אַזאַ באַגרינדונג פון דער נויטיקייט פון קאַמף.

— אַלץ, וואָס דו זאָגסט, איז, דוכט זיך מיר, ראָמאַנטיק און קען ברענגען מער שאַדן, ווי נוצן. דו מאָלסט זיך אויס דאָס אַלץ ווי אַ יום־טוב. צופיל עקזאַלטאַציע איז אויך אומגעזונט. אין די טעראָר־אַקטן קעגן שונא קענסטו געוויס ברענגען פיל נוצן, אָבער אין דער טאָג־טעגלעכקייט, אין דער גרויער טאָג־טעגלעכקייט... איך בין אַן אינזשיניער, איך רעד צו דיר פון ריינער מעכאַניק. ווען איך זאָל דיר דערציילן וויפל טיילן אַ מאַשין פאַרמאָגט און ווי יעדע טייל, איטלעך שרייפעלע, מוז צוערשט גע־שליפן ווערן, כדי עס זאָל זיך אַריינפּאַסן אין נאָך אַ טייל, וויפל עס דאַרף געפיילט און געשליפן ווערן, געמאָסטן און געוואויגן, באַטראַכט און באַקלערט, וועסטו ערשט פאַרשטיין וואָס דאָס הייסט באַדינען אַ קאַמף־מאַשין...

— קאַמף איז אָבער נישט קיין מאַשין און אַ קעמפער איז נישט קיין אינזשיניער.

— ביסט אויך גערעכט. דער פאַרגלייך, האָב איך דיר לכתחילה גע־זאָגט, איז אַ ביסעלע צוגעשפּיצט. לעבן, קאַמף לאָזט זיך באמת נישט אַזוי

מעכאַניש באַרעכענען, ווי די פונקציאָנירונג פון אַ טויטער מאַשין. שוונג, אימפעט, מוט, זיינען פאַקטאָרן, וואָס מוזן גענומען ווערן אין באַטראַכט. און דאָס זיינען לויטער מאָסן, וואָס וואַרפן טיילמאָל אום אַלע אויסגעקליגלטע מאַטעמאַטישע פאָרמולן. אָבער טאָקע צוליב דעם, וואָס די פאַקטאָרן וואַרפן זיך שווער אונטער אָן אַנאַליז, אויף דער הייסער מינוט לאָזן זיי זיך בכלל נישט קאָנטראָלירן, טאָקע צוליב דעם, זאָג איך, וואָס דאָ מוזן מיר זיך פאַרלאָזן, מער ווייניקער, אויף דער אינטואיציע, דאַרפן מיר אויף די מאָמענטן, וואָס האָבן יאָ אַ שטיקל שייכות צו דער טעכניק, זייער גוט אַכטונג געבן. זיין אַ קעמפער, הייסט אויך האָבן דעם מוט צו זיין אַ מאַטעמאַטיקער, אַ בעל־חשבון, כאָטש דאָס האַרץ, דאָס געפיל, פראָטעסטירט טיילמאָל. ווייל די אומבאַקאַנטע אין יעדן קאַמף־פּלאַן, אין יעדער אָפּעראַציע, קומען טיילמאָל אונטער ווי אומגעבעטענע געסט, דאַרף מען די „באַקאַנטע” האָבן פעסט אין דער האַנט. נאָך מער: אַ קאַמף־סיסטעם דאַרף פונקציאָנירן, נישט נאָר אין הסכם מיט די געוויינלעכע נאַטור־געזעצן, נאָר מוז אויך זיין אויסגעשטאַט מיט כלערליי דיספּאָזיציעס, וואָס זאָלן זיך קענען אַנטקעגנשטעלן קעגן אַ סך צופאַלן, קעגן דעם, וואָס לאָזט זיך נישט באַרעכענען לכתחילה.

— וועט איר, אינזשיניערן, נעמען אין האַנט אַריין דעם מעכאַניזם, וואָס זיין פונקציע איז צו זיין אין הסכם מיט דעם, וואָס דו רופסט אָן: די נאַטור־געזעצן, און דעניזן וועט איר איבערלאָזן די השגחה איבער די שרייפעלעך, פון די כוחות, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן זיך צו ראַנגלען קעגן די צופאַלן.

— דו שאַצסט איבער דיינע כוחות, דעניז! דו קענסט נישט דעם שונא. אַזאַ איינדרוק האָב איך.

— ניין מאַדיס, איך שאַץ גאָרנישט איבער מיינע כוחות. איך ווייס ווויל, אַז איך בין שוואַך ווי אַ פליג אַנטקעגן דער גוואַלטיקער איבער־מאַכט, וועלכע מיר האָבן צו באַקעמפן. איך האָב געזאָגט: דעניז, האָב איך דערמיט געמיינט מיר אַלע, וואָס וואַקסן אויס אין קאַמף און טוען מער ווי זייערע כוחות דערלויבן זיי צו טון. מיר אַלע, וואָס טאָקע דערפאַר, וואָס מיר זיינען נישט קיין אינזשעניערן, רעכענען מיר נישט, חשבונען נישט, אָבער דערפאַר גיט זיך טיילמאָל איין דאָס, וואָס פון אינזשיניערן־שטאַנדפונקט איז עס אויסזיכטסלאָז. וועסט דאָך נישט זאָגן, אַז אַזאַ פּראָנט ווי אונדזערער, קען זיך באַגיין אָן דעם, וואָס איך וואָלט אָנרופן, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, „אַ קעגן־צופאַל”.

— דאָס האָב איך קיינמאָל נישט געזאָגט, דעניז.

— אַ צופאַל האָט עפּעס איראַציאָנעלעס אין זיך.

— זיי מיר מוחל דעניז — האָב איך זיך צום סוף געכאַפּט — אַז דאָס זיינען לויטער פּוסטע רייד, וואָס האָבן קיין שום ממשות נישט. צעשוווּר־מענע מיסטיק, וואָס קען גיכער ברענגען שאָדן, ווי נוצן און פאַרקירעווען אונדזער אַרבעט אין אַ טעמפּן ווינקל.

— דאָס זיינען אויך נישט מער ווי רייד.

— הער זיך איין, דעניז, די באַוועגונג טאָר זיך אויף קיין ניסים נישט פאַרלאָזן. דאָס וועסטו איינע אַליין מוזן איינזען. געוויס, קען טרעפן אַ פאַל, ווען מען דאַרף זיך אַריינוואַרפן אין אַן אַקציע מיט לייב און לעבן, אַפילו אויב לויט דער מיינונג פון די „איינזשיניערן", קומט זי אויס אַ ביסל ווילד. אָבער מאַכן דערפון אַ כלל טאָר מען נישט. בשום־אופן נישט. מען ריזיקירט דערביי אַזוי פאַרפּלאָנטערט צו ווערן, אַז מען זאָל קיינמאָל מער נישט קענען אַרויסקריכן. אַן אייז־קאַלטער שכל און אַ וואַרעם האַרץ — דאָס דאַרף זיין אונדזער דעוויז היינט, מער ווי אַלעמאָל. אַנישט וועלן מיר דעם שונא נישט בייקומען. געדענק־זשע : אייז־קאַלטער שכל און אַ וואַרעם האַרץ.

— איך בין זיך מודה, אַזביידע עלעמענטן פעלן מיר.

— קיינער פון אונדז פאַרמאָגט זיי נישט אַבסאָלוט, אָבער שטרעבן צו זיי דאַרף מען יאָ.

— און — פון דער רעפּליק פון די געשעענישן.

— אַ וואונדערבאַר וואָרט האָסטו געזאָגט : פון דער רעפּליק פון די געשעענישן. מיר דאַרפן זיך ריכטן לויט די געשעענישן. אַמאָל איז נויטיק מער אייז־קאַלטער שכל און ווייניקער וואַרעם האַרץ, אַמאָל — פאַרקערט.

— זיינען מיר, הייסט עס, דאָך אַדורכגעקומען — האָט דעניז זיך אָפּ־גערופן מיט אַ שמייכעלע — דו האָסט איינגעזען, אַז אויך איך, די מיסטי־קערין, קען צונוץ קומען. דו וועסט מיר שוין זאָגן, ווען איך זאָל יאָ פאַרוואונדעט ווערן אין דער אַרבעט. דו וועסט פסקענען.

אין אַ קורצער רגע אַרום האָבן מיר ביידע אויסגעשאָסן אין אַ געלעכ־טער. מיר האָבן זיך געכאַפּט, ווי קינדעריש אונדזער שמועס איז געווען. עפּעס ווי אין דער לופטן האָבן מיר געהאַט געשוועבט און — קיין שום קאָנטאַקט מיט דערווירקלעכקייט. ס'איז אויסגעקומען גלייך ווי איך וואָלט געווען דער באַלעבאָס אי איבער די געשעענישן, אי איבער די מיטלען, וואָס האָבן זיי געדאַרפט פאַרלויפן דעם וועג.

— דאָס קומט אַלץ — האָב איך זיך אָפּגערופן מיט ערגערניש אין טאָן
— וואָס מיר האָבן זיך אַלץ נישט אָפּגעוווינט פון פלוידערן, פון פטרן צייט אויף גאָרנישט. מיר האָבן נאָך נישט אינגאַנצן קלאָר באַגריפן אין וואָס פאַראַ צייט מיר לעבן. נישט געקוקט אויף אַלע נסיונות, וואָס מיר האָבן אַדורכגעמאַכט, זיינען מיר נאָך אַלץ פאַרבליבן די אַמאַליקע גריבלערישע אינטעליגענטן.

— רעד נישט, כ׳בעט דיך, קיין רכילות אויף זיך אַליין. איך ווייס יאָ ווי רעאַל דו קאָנסט האַנדלען, ווען ס׳איז נויטיק, איך אָבער וויל איצט מיט עפּעס נוצלעך זיין.

— מען דאַרף איצט האָבן יעדן איינעם, וואָס ווייזט אַרויס גוטן ווילן, מוט און אויסדויער.

— דאָס אַלץ פאַרמאָג איך.

— האָסטו זייער גוט געטאָן, וואָס האָסט זיך נישט רעגיסטרירט אין קאָמיסאַריאַט ווי אַ יידישע.

— די מאַניפעסטאַציע פון דער אייגענער ווערדע — דאָס איז ביי אַ סך יידן דווקא אַן אויסדרוק פון אַ וואַרעם האַרץ, פון ראָמאַנטיק, ווי דו זאָגסט. מיט אייז־קאַלטן שכל האָט דאָס געהאַט גאָר אַ קנאַפּן שייכות. איך רעד, פאַרשטייט זיך, נישט וועגן די, וואָס אַנדערש ווי רעגיסטרירן זיך ווי יידן, האָבן זיי נישט געקענט. איך רעד פון די, וואָס האָבן יאָ געקענט באַהאַלטן זייער יידישקייט. איך האָב זיך טאָקע נישט רעגיסטרירט. איך מיין, אַז איך האָב געהאַנדלט ריכטיק, ווייל דער מאָטיוו, גלויב עס מיר, דער מאָטיוו פון מיין „באַהאַלטן זיך", איז נישט געווען דיקטירט פון דער פּחדנות. איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז אַ סך „צופאַלן" וועלן אַזוי אַרום אויף מיר קיין שליטה נישט האָבן, מיין פּאָזיציע אויף דעם פראָנט וועט לכתחילה נישט זיין קאָמפּראָמיטירט. אָט זעסטו שוין, אַז ס׳איז געווען ריכטיק איינצוטיילן די מענטשן אין פּסיכאָלאָגישע גרופּעס...

דער דאָזיקער שמועס אונדזערער איז געווען נויטיק. איך ווייס איצט, אַז דעניז איז אַ וויכטיקער כוח, אַ קוואַל פון חיות, נישט נאָר פאַר מיין פּריוואַט־לעבן. דאָס איז געווען אין הינטערגרונט פון אַלע מיינע פּלענער און פון אַלע מיינע מעשים.

נאָך דעם שמועס, האָב איך זיך באַמיט משפיע צו זיין אויף די איבער־ריקע פאַקטאָרן אין מיין לעבן. ווי ווייט דאָס איז מיר מעגלעך, האָב איך זיך באַמיט אויך גערעכט צו זיין לגבי דבורהלען, לגבי איר קינד און לגבי דער מאַמען. איך האַלט אין איין קליגן זיך, וואָס פאַראַ פרייד זיי צו פאַרשאַפן.

קאפיטל 11.

די פעטליע אויפן האלדז ציט זיך אלץ ענגער צונויף

די פעטליע אויפן האלדז ציט זיך אלץ ענגער צונויף. אט איז ארויס א נייע דייטשע פאראָרדענונג, וואָס פארווערט יידן צו פארנעמען זיך מיט געוויסע פראפעסיעס. אכצן בארופן מוזן אפגערייניקט ווערן פון יידן. זיי טאָרן נישט קומען אין באַרירונג מיט אַריער. זייער אָטעם איז שעדלעך, זייער קאָנטאַקט איז אַ קללה. זיי זיינען די לעצטע פון די לעצטע. יידישע געשעפטן גייען איבער אין אַרישע הענט, צו די אַזוי גערופענע זשעראַנט־קאָמיסאַרן.

אָבער איבער פאַריז שטייט אַ ליכטיקער פרילינג. די ביימער אין לוק־סענבורגער פאַרק בליען.

פון „יענער זייט” האָט די מומע געשיקט אַ קאַרטל. דאָס איז אַ גע־דרוקטער פאָרמולאַר. דאָס וואָרט „געשטאָרבן” האָט זי דאָרט פאַרגעסן אויסצומעקן. זי וואָרט אויף אונדזער ענטפער. אין דעם געדרוקטן טעקסט פון די קאַרטלעך זעט מען ווי דאָס לעבן איז געוואָרן איינגעשרומפּן. צווישן געזונט און קראַנק עקזיסטירט כמעט קיין גרענעץ נישט. אין דער „נייער אָרדענונג” איז נישטאָ מער קיין אָרט פאַר די פשוטסטע ניואַנסן. דער היינט איז אַ שטיק כמאַרע. אַלע טאַפּן אין דער פינצטער.

די גרעלע צעטלען „יידישע אונטערנעמונג” אויף די וויטרינעס פון די יידישע געשעפטן, ווערט פאַרביטן מיט אַ רויטן צעטל : „דאָס געשעפט ווערט פאַרוואַלטעט דורך אַן אַרישן זשעראַנט־קאָמיסאַר, וואָס איז נאָמי־נירט געוואָרן אין הסכם מיט דער דייטשער פאַראָרדענונג פון 18־טן אָק־טאָבער 1940”.

איצט האָבן טויזנטער יידן אין פאַריז באַקומען גרינע „איינלאַדונגען”. די פּאָליציי האָט זיי פאַרבעטן צו באַווייזן זיך מיטוואָך, דעם 14־טן מאַי,

אין פאָליציי־קאָמיסאַריאַט פון דער געגנט, כדי צו קאָנטראָלירן יעדנס מצב באַזונדער.

אַ גרויסע צאָל פון אָט די פאַרבעטענע זיינען געווען פריייוויליקע אין דער פראַנצויזישער אַרמיי. זיי ווילן, זעט אויס, נעמען אויפן פאַרהער גראַד די, וואָס זיינען געגאַנגען זיך שלאָגן פאַר פראַנקרייך.

די פעטען־רעגירונג האָט זיך אַרויסגעוויזן געניי צו האַלטן אירע אָפּ־מאַכן. אָננעמענדיק די וואָפנשטילשטאַנד־באַדינגונגען, האָט זי זיך מתחיב געווען אַרויסצוגעבן דער געשטאַפּאָ געוויסע, פון דייטשלאַנד אַנטלאָפענע, פּאָליטישע עמיגראַנטן. אָט דעם שאַנד־פלעק וועלן דורות נישט קענען אָפּ־וואַשן. איצט ליפערט זי אויס די יידן צו דער געשטאַפּאָ.

דער טייערער, פּשוטער יאָסל שוסטער פונעם געסל אויפן בעלוויל — ער האָט אין די מאָביליזאַציע־טעג געהאַט אונטערגעקויפט אַן אַנדערן ייד, כדי ער זאָל פון די ערשטע אָפּגעגעבן ווערן אַלס פריייוויליקער און וואָס גיכער עקספּעדירט ווערן אויפן פראָנט — איז, פאַרשטייט זיך, אויך פאַרבעטן געוואָרן. דאָס מאָל אָבער האָט ער זיך שוין נישט אַזוי שטאַרק געאיילט. אין דעם גרינעם קוויטל, וואָס ער האָט באַקומען, איז געווען אָנגעגעבן, ער זאָל זיך צושטעלן מיטוואָך, דעם 14־טן מאַי, 9 אַזייגער אינדערפרי. אָבער צוגעשטעלט האָט ער זיך אַזייגער 10.

— נישקשה — האָט ער געזאָגט — 10 אַזייגער וועלן זיי מיך נאָך אויך אָננעמען. איר וועט זען, זיי וועלן מיך נישט צוריקשיקן.

כאָטש די „איינלאַדונג" האָט קיין וואָרט נישט דערמאָנט וועגן אַן אינטערנירונגס־לאַגער, האָבן דאָך אַלע פאַרבעטענע פאַרשטאַנען, אַז צוריק־שיקן אַהיים וועט מען זיי נישט. ניין, אַנישט, וואָס־זשע הייסט מען זיי קומען אין דער באַגלייטונג פון אַ פּריינט, אָדער פון אַ קרוב ?

יאָסל האָט פאַרשלאָסן דאָס שוסטער־וואַרשטאַטל, אַ מין נישע אין אַ מויער, אויף רי ראַמפּאָנאָ, און האָט דעם שליסל איבערגעגעבן זיין ווייב קריינדלען. זי האָט גיך צוזאַמענגענומען די פינף קינדערלעך : פיר יינגלעך און אַ מיידעלע. אַלע זיינען זיי געבוירן געוואָרן אין פראַנקרייך. זי האָט זיי אויסגעשטעלט ווי סאָלדאַטן, געהייסן זיי אָנעמען זיך ביי די הענטלעך, זיי זאָלן זיך נישט פאַרלירן. יאָסל איז געגאַנגען פאָרויס, זיי האָבן פאַר־נומען די גאַנצע ברייט פון טראָטואַר, איין קינד מיט אַ האַלבן קאָפּ הע־כער פאַרן אַנדערן.

יאָסל שוסטער מיטן ווייב גייען און הינטער זיי די פינף קינדער. גע־לאַסן גייען זיי, טריט ביי טריט, מיט חשיבות גייען זיי אין פּאָליציי־

קאָמיסאַריאַט. ער וועט פאַרשפּאָרן, טראַכט ער, צו ענטפערן אויף די פראַגן, וואָס מען וועט אים דאָרט שטעלן, ווייל תמיד, ווייס ער, שטעלט מען פראַגעס. מען וועט אים דאָרט אוודאי פרעגן, צי ער איז אַ חתונה־געהאַט־טער, וועט ער אַ ווייז טאָן אויף זיין קריינדלען און אויף די פינף קינדער. מען וועט אים מסתמא פרעגן, צי ער האָט געדינט, וועט ער אַ ווייז טאָן די אויסצייכענונג, וואָס ער האָט באַקומען אויפן פראָנט און דעם דעמאָבי־ליזאַציע־צעטל. דערנאָך וועט מען אים אפשר פרעגן, וואָס אים האָט געצווונגען מיט פופצן יאָר צוריק אַריבערצוקומען קיין פראַנקרייך, קיין פּאַריז, און דאָ זיך באַזעצן.

אויף אַט דער פראַגע וועט ער שוין פאַרשפּאָרן צו ענטפערן, ווייל דער קאָמיסאַר, אָדער דער סעקרעטאַר, ווי ס׳האָט אַנומלטן געטראָפן, וועט שוין אַליין ענטפערן פאַר אים:

— כדי אַרויסצורייסן ביי אונדז דעם ביסן פון מויל, כדי אונדז צו דערגיין די יאָרן מיט די פאָלקס־פראָנטן, מיט די דעמאָנסטראַציעס, שפּע־קולאַציעס... דורכגעטריבענע יידן, וואָס איר זענט!

יאָסל שוסטער וועט שווייגן. עס לוינט זיך אַפילו נישט צו פאַרענט־פערן. ער ווייס, אַז ער האָט פאַרשפּילט די מלחמה קעגן דעם דייטש, קעגן פּאָליציי־קאָמיסאַר, ער וועט בעסער שווייגן.

דערווייל קלאָגט זי, קריינדל:

— זיי זאָלן דיך כאָטש נישט פאַרשיקן אין לאַגער אַריין, יאָסל, וואָס וועט ווערן פון מיר און פון די פינף שוואַלבן?...

— זיי וועלן מיך נישט אויפעסן. וועסט אַלץ אַרויספאַרקויפן פון בור־טיקל. די פּאַרטיקע שיך גיב אָפּ די קונדן. אויף די פּאָדעשוועס איז מיט קרייד אָנגעגעבן יעדנס נאָמען. די שיך, וואָס איך האָב נאָך נישט באַוויזן צו פאַריכטן, גיב אָפּ צוריק. די חברים וועלן אייך נישט פאַרלאָזן... אויף דעם איז פאַראַן אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס, ניין? גיי אין סינדיקאַט אַריין. איך האָב ביז איצט רעגלמעסיק אַריינגעטראָגן מיין מיטגלידס־אָפּצאָל. נישקשה, לאַנג קענען זיי מיך סיי ווי נישט האַלטן אינטערנירט. איך בין אַ פרייוויליקער. מען וועט זיך באַלד כאַפּן, אַז מען איז באַגאַנגען אַ גרויסע עוולה קעגן מיר. ס׳איז נאָך נישט הפקר אַ וועלט.

מאַרסעל, דער יינגסטער, אַ פּיר־יאָריק יינגעלע, מיט בלאָנדע לאָקן, קלאָגט זיך, אַז ער קען מער נישט גיין. קריינדל וויל דאָס קינד נעמען אויף דער האַנט, לאָזט ער נישט, יאָסל:

— וועסט נאָך האָבן גענוג משאות אויף זיך צו שלעפן, ביז איך וועל אַרויסקומען. שאַנעווע זיך אַ ביסל.

— יאָסל — קלאָגט זי — האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז דו האָפסט באַלד אַרויסצוקומען, טאָ וואָס־זשע עסטו מיר אָפּ דאָס האַרץ ?

— איך עס דיר אָפּ דאָס האַרץ ? איינס צום אַנדערן האָט נישט... אַ ניכפּה זאָל זיי כאַפּן, ווי זיי פאַרביטערן אונדז דאָס לעבן...

יאָסל טראָגט אין די אָרעמס דעם יינגסטן, מאַרסעלן. אַ שיין יינגעלע, ווי גאָלד...

יאָ, יאָסל שוסטער, וואָס האָט געהאָט אַ בוטיקל אין אַ נישע אויף רי ראַמפּאַנאַ, האָט מען טאַקע מיט נאָך עטלעכע טויזנט יידן אין דעם טאָג פאַרבעטן, כדי אַריינצופּאַקן זיי אין פּאָליציי־אויטאָמאָבילן און זיי אַוועקגעפירט אין די ספּעציעל־צוגעגרייטע לאַגערן פון פּיטיוויע און באָן־לאַ־ראָלאַנד. דעם טאָג האָבן אַלע געפילט אַ ריס אין האַרצן.

די דייטשן קומען נישט מער אין די יידישע געשעפטן און אין די יידישע רעסטאָראַנען. וויפל צייטונגען עס זיינען דאָ און וויפל צייטשריפטן, אַזויפיל פּאָגראָם־בלעטער. אומעטום : יידן, ענגלענדער, פלוטאָקראַטן, פרייםויערער... יעדער ייד איז אַ פאַרשווערער, אַ באַנדיט, אַ ברונעם־פאַרגיפטער, אַ מיטגליד פון די „זקני־ציון". נישטאָ קיין חולאת אויף דער וועלט, אַ יידישער מיקראָב זאָל זי נישט האָבן גורם געווען, נישטאָ קיין קאַטאַסטראָפע, מלחמה, רעוואָלוציע, וואָס זאָל נישט זיין דעם יידנס מלאכה.

דער דאָזיקער פּזמון — טאָג־איין, טאָג־אויס. מען דאַרף זיין שטאַרקער פון אייזן, נישט אַנצוהויבן איבערצוקלערן, אַז עפּעס איז דאָך מיט די יידן. די פראַנצויזן הויבן אָן צו קוקן אויף אונדז מיט אַ קליין ביסל חשד. „אַז די וועלט זאָגט משוגע — גלויב !"... די וועלט, דאָס איז די פרעסע, דער ראַדיאָ, די גלוסטעניש פון אַ סך צו זען אין דעם פרעמדן אַלדאָס שלעכטס.

אָפּגעשלאָסן הינטער טירן און שלעסער, כאַפּט מען זיך ווידער צו צום ראַדיאָ־אַפּאַראַט. וואָס פאַר אַ קנעפּל אַ דריי טאָן ? אין וואָס פאַר אַ טיר אַ קלאַפּ טאָן ? אָוונט־צייט זיצן אַלע ביי די ראַדיאָ־קעסטעלעך און מען האָרכט. די פענצטער זיינען פאַרהאַנגען, די טיר אָפּגעשלאָסן, דאָס האַרץ פלאַטערט, די דייטשן גייען אַלץ פאָרויס. בעלגראַד איז געפאַלן, אין צפון־אַפריקע האָבן די דייטשן פאַרנומען קאַפּומאַ און סאָלום. אין גריכנלאַנד פאַלן פראָלעמאיס און ראַזאַני. קאַמפן ביים אָלימפּ. די סערבישע אַרמיי האָט קאַפּיטולירט. 244.000 סערבישע געפאַנגענע. לאָנדאָן ווערט

באָמבאַרדירט, לאָנדאָן ברענט, דער טערמאָפּילן־פּאַס אָקופּירט, אין אַטען געפינען זיך די דייטשן. די האַקנקרייץ־פאָן פלאַטערט אויפן אַקראָפּאָליס...

געבעלס זאָגט אָן, אַז ער וועט רעווידירן די וועלט־געשיכטע. דאָס, וואָס עס שטייט נישט אָן דעם הערן־פאָלק, וועט אויסגעמעקט ווערן, נישט נאָר פון די געשיכטע־לערן־ביכער, נאָר אויך פון די הערצער, פון די מוחות. נישט יידנטום, נישט קריסטנטום וועלן האָבן אַ קיום. די דעמאָ־קראַטיע אין דער וועלט איז אויף אייביק פאַרניכטעט. די יידן וועלן אויס־געראָטן געוואָרן...

איז עס אַלץ ליגן, וואָס ראַדיאָ־פּאַריז זאָגט ?

אין די פראַנצויזישע צייטונגען ווערן פאַרעפנטלעכט רעפּאָרטאַזשן אי־בער פוילן. געטאָס, ווי אין מיטלאַלטער; ניין, נאָך ערגער ווי אין מיטל־אַלטער... וואָס איז דאָרט מיט מיינע מומעס און פעטערס אין לאָדזש, אין וואַרשע ? ווי קענען זיי דאָרט אויסהאַלטן ?

די מאַמע זיפצט. זי מאַכט זיך פאַרוווּרפן, פאַרוואָס זי האָט די פאַ־מיליע נישט אַריבערגענומען קיין פאַריז. איצט דאַכט זיך איר, אַז דאָס איז מעגלעך געווען צו טאָן. זי מאַכט אַ חשבון פון אירע נאָענטע קרובים, וואָס זיינען איבערגעבליבן אין פוילן. אויף די פינגער ציילט זי זיי. קיין עין הרע, פינף פולע הענט פאַרנעמען זיי. און דאָס זיינען נאָר די נאָענט־סטע קרובים. זאָל מען נאָך וועלן צורעכענען די גליד־שוועסטער־קינדער, די מחותנים, סיי פון דער מאַמעס, סיי פון טאַטנס צד, וועלן פּופּצן הענט אויך נישט געננוג זיין. אין יעדערן דערמאָנט זיך די מאַמע, ווי ער קוקט אויס, וואָס פאַר אַ ווערטל ער פלעגט באַנוצן אין רעדן. זי קען זייערע חולאתן, זייער הילוך, זייער מסחר. זי ווייס צו וואָס פאַר אַ רבין זיי פלעגן פאָרן און ווען עס פאַלט אויס דעם און דעמס יאָרצייט.

— ניין, — כאַפּט זי זיך פלוצים — אַלעמען וואָלט טאַקע געווען אומ־מעגלעך אַראָפּצוברענגען אַהער. וויפל לייכטערס, מנורהס, בשמים־פּוש־קעס, וויפל געשעפטן, הייזער און געסלעך, וויפל קברים און יאָרצייטן. אַ פאַרצווייגטע משפחה איבער גאַנץ פוילן. ווו וואָלטן זיי זיך אַלע אַהינגע־טאָן ? פון וואָס וואָלטן זיי געלעבט ?

זי מישט אַלצדינג צונויף, זי רעכנט אויס אין איין אָטעם סיי לעבע־דיקע מענטשן, סיי קברים און יאָרצייטן. איך וואָלט אודאי נאָך צוגעגעבן צו אָט דעם צעטל : קלויזן, פאָלקס־שולן, מאַסוווקעס, ביכער...

איך געפין איר נישט מיט וואָס צו טרייסטן, דער מאַמען.

ווידערביים ראַדיאָ־קעסטל. איצט האָב איך שוין גענוג צייט. מיין

מלאכה איז געווען נישט צו קומען אין „קאָנטאַקט" מיטן עולם, האָט מען מיר אָנגעזאָגט. איצט טאָר איך נישט מער ווי דעמאָנסטרירן שטויבן־זוי־גערס פאַר אַרישע מענטשן. טמא בין איך געוואָרן על־פי דעקרעט, אומ־ריין פון דור־דורות. אין מיטלאַלטער האָב איך די ברונעמער פאַרסמט, ווי דער „אַ פּילאָרי" („צום שאַנד־סלופּ") שרייבט. אינאיינעם מיט די אַלבי־גינעזער, בין איך באַגאַנגען אַן אַטענטאַט אויף דער אייראָפּעאישער ציווי־ליזאַציע. ווען ס'איז אונטערגעקומען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע (וועלכע איך האָב, אגב, צוזאַמען מיט די ענגלישע פריי־מויערער אָנגעשיקט אויף די פראַנצויזן), האָב איך אויסגעשטן אַן רחמנות די בעסטע נאָרדישע עלע־מענטן פון פראַנקרייך, איך האָב גילאָטינירט דעם אַדל און איבערגעגעבן דעם המון די ממשלה אין דער האַנט. שפּעטער האָב איך אָנגעווענדעט כלערליי מיטלען און שמד־שטיק, כדי צו פאַרנעגערן, צו פאַריידישן און פאַרממזרן די פראַנצויזישע ראַסע. דער „אייביקער ייד" האָט דאָס געטאָן. ער האָט זיך אָנגעזעצט אויף דער וועלט און וויל זי צעשטערן...

זיינען געקומען די דייטשן קיין פראַנקרייך און מען האָט זיך ערשט אַרומגעזען, וואָס פאַר אַ פויגלען מיר זיינען. שוואַרץ אויף ווייס האָט מען דאָס געקענט לייענען. דער ראַדיאָ האָט זיך דאָס דערוווסט פון אַ „זיכערן מקור" און האָט געוואָרנט דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג: „לעבנס־געפאַר! שניידט אָפּ די יידן אַלע וועגן, נעמט צו פון זיי אַלע פרנסות, זאָלן זיי פאַרהונגערן, וועלן זיי שוין דערנאָך פאַרזאָגן אַ צענטן ווי צו שטערבן צו דער וועלט־הערשאַפט..."

בקיצור, איך בין געבליבן אָן אַרבעט. איך פאַרקויף די שטויב־זוי־גערס, וואָס זיינען מיר פאַרבליבן פון דער צייט, ווען איך האָב נאָך גע־אַרבעט אויף מיין אייגענער רעכענונג. איך פאַרקויף אויך אַרויס דאָס ביסל סחורה, וואָס די מומע האָט איבערגעלאָזן, און אויך אירע ניי־מאַשינען. איך וועל עס איר איבערשיקן ביי אַ געלעגנהייט, ווער ווייסט, אפשר וועט גאָר אויסקומען אַלץ צו ליקווידירן און אַריבערפּעקלען זיך „אַהין", אין די ווייטע פירענעען־בערג.

דערווייל האָט מען נאָך די פראַנצויזישע יידן נישט געטשעפּעט. און אפשר וועל איך באַלד צוריק געפינען אַרבעט אין מיין פאַך. אַחוץ דעם קען איך נישט סתם פאַרלאָזן פּאַריז, איך געהער נישט צו זיך אַליין.

איך קען אויך נישט פאַרלאָזן דעניזן און נישט אַלע איבעריקע חברים.

מיין האַנט האָט מעכאַניש געדרייט דעם ראַדיאָ. און פלוצים האָט עס אַ גרילץ געטאָן, אומגעריכט און פלוצים — „היטלער האָט אַטאַקירט דעם

ראַטנפאַרבאַנד. זיינע טרופּן האָבן שוין אַריינמאַרשירט אין די סאָוויעטישע געביטן"...

— ערשט איצט הייבט זיך אָן די ריכטיקע מלחמה! — שריי איך אויס צו דער מאַמען און צו דבורהלען.

— שטילער, מאָריס — לייגט מיר דבורהלע אַ פינגער אויף די ליפּן

— וועסט מיר נאָך אויפוועקן דאָס קינד...

דאָס קינד האָט זיך טאַקע אויפגעכאַפּט און גענומען וויינען.

— איך בין נישט שולדיק — האָב איך זיך צעשטרייט פאַרענטפערט

— פאַרשטייסט דען נישט, דבורהלע, וואָס פאַר אַ שרעקלעכע נייעס דאָס איז?

איך קען נישט מער איינזיצן אין שטוב און לויף אַראָפּ אין גאַס.

מיר ווילט זיך טרעפן אַ חבר, אַן אייגענעם, כדי זיך צו טיילן מיט אים. האָב איך באַשלאָסן אַריבערצוכאַפּן זיך צו ביילקען, ביי די פיש־טראַנס. שוין חדשים לאַנג ווי זי טענהט:

— איר וועט זען, עס וועט נישט לאַנג דויערן און היטלער וועט זיך וואַרפן אויפן ראַטנפאַרבאַנד. אָבער דאָרט וועט ער ברעכן האַלדז־און־נאַקן.

ביי די פישטראַנס האָט מען שוין אויך אַלץ געוווּסט. זיי האָבן זיך דאָרט געקאָכט. איינער האָט אַפילו געבראַכט ראיות פון נאַפּאָלעאָנס מפּלה, אַן אַנדערער האָט געמיינט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות וועלן איצט שלום מאַכן מיט היטלערן און אַלע צוזאַמען וועלן דערטרינקען אין אַ ים בלוט די רעוואָלוציע.

אָבער נישט דאָס וויל מען איצט הערן. מען וויל וויסן וואָס וועט ווייטער זיין. מען דאַרף נישט מיינען, אַז באַלד מאָרגן ענדיקט זיך די מלחמה. דער געראַנגל קען דויערן יאָרן. דאָס האָט אַלעמען געלאָזן אַ ביסל אָפּהענטיק.

נאָר די באַוועגונג איז ביכולת אויפצופלאַנטערן דעם קנויל פון די געשעענישן. מיר וואָרענען די באַפעלקערונג קעגן מיטאַרבעט מיטן שונא. מיר גייען פון שטוב צו שטוב, און באַווייזן די יידן, אַז נאָר דער עקאָנאָמישער און אינדוסטריעלער סאַבאָטאַזש איז בכוח אָפּצושוואַכן דעם מיליטערישן כוח פון די דייטשן. מיר דערקלערן, אַז זיי פאַרזינדיקן זיך קעגן זייער ווירדע־געפיל, אויב זיי באַמיען זיך נישט צו ברענגען שאָדן די דייטשן, ווו נאָר זיי קענען. וויפל מאָל דאַרף מען איינטענהן, ביז מען איבערצייגט זיי. דערביי שטויסט מען זיך אָן אין דער טעמפּקייט פון געוויסע ברואים, וואָס זעען נישט ווייטער פון זייער נאָז און לאַכן

זיך אויס פון אַלע ראיות און באַווייזן. זיי האָבן אַפילו פאַרלוירן דעם חיהשן אינסטינקט פון פאַרטיידיקן זיך.

דער דייטשער איבערפאַל קעגן ראַטנפאַרבאַנד האָט פאַרשטאַרקט דעם קאַמף־גייסט איןביידע לאַגערן. די קאַנטורן זיינען פרעציזער געוואָרן. די דייטשן ווילן פריי מאַכן די „אַרישע וועלט" פון „יידישע פאַרטיזאַנען". ביי אַ סך פראַנצויזן האָבן זיך געעפנט די אויגן. איצט איז די שפיל אַן אָפענע. די ווידערשטאַנד־באַוועגונג וואַקסט. אויך די רדיפות האָבן זיך פאַרשטאַרקט.

יאָ, די מלחמה, וואָס מיר פירן איצט, איז שוין מער נישט קיין „קאָמישע". נאָכמער: די געשעענישן וואַרפן אַ ליכט אויף די צעטומלטע טעג פון וואַפנשטילשטאַנד. מען אַנטדעקט איצט אַלע פעדים פון פאַראַט און די יעניקע, וועלכע האָבן הינטער די קוליסן געצויגן די פעדים פון דאָזיקן פאַראַט.

די רעיונות קומען נישט צופעליק. אָט איז איינער, וואָס איז זיך סומך אויף דעניזן...

יאָ, דעניז...

מיינע טריט פאַרקערעווען זיך צו איר גאַס, צו איר שטוב. איך האָב אַ פאָרגעפיל, אַז די דעניז וועט נאָך דאָ אָפּשפּילן אַ גאָר וויכטיקע ראָל. מען וועט זיך איצט נויטיקן אין אַזעלכע, וואָס שפּאַנונג איז דער מאָטאָר פון זייערע האַנדלונגען און וואָס גראָד די סכנה נערט זייער מוט.

דער דראַנג צו ריזיקאַלישע שליחותן איז אַ שטריך אין איר כאַראַקטער. מיט איר אַרישן אויסזען, מיט אירע שפּראַך־קענטעניש, מיט אירע נייגונגען צו פאַרמעסטן זיך מיטן טויט, ווער קען זיך מיט איר פאַרגלייכן ?...

וואָס פאַר אַ שליחותן וועט זי אויספירן ? אגב, איז דאָס בכלל נישט אָפּהענגיק פון מיר. דערויף איז דאָ די צענטראַלע אָנפירונג פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. זיי וועלן שוין באַשטימען. דעניז איז שוין פון לאַנג צוגעטיילט צו אַן אַרבעט, וואָס איז אויך נישט אָן ריזיקעס.

און אָט כאַפּ איך זיך, אַז איך באַטאָן צו שטאַרק איר נאָמען אין מיין מחשבה. עפּעס וויל איך, זי זאָל זיך אויסצייכענען, גלאַנצן, זי זאָל שפּילן אַ וויכטיקע ראָל.

האָב איך טאָקע דעניזן ליב ?

און איך טראַכט נאָך לאַנג פון דעניזן. מיר איז דערביי אי האָ־

פערדיק, אי אומעטיק. איך דערצייל איר נאָך דערווייל גאָרנישט. מיר זיצן אַ ווײַלע און שווײַגן.

עס פּאַסט זיך צו פרעגן: פון וואָס שווײַגן מיר? פון אַלץ און פון גאָרנישט. ביידע ווייסן מיר, אַז מיר שטייען פאַר אַ צייט מיט אַ סך אומרו און געשפּאַנטקייט. צי טראַכט אפשר דעניז אויך וועגן אַ מאָרגן, ווען עס וועט איר צוקומען נאָך אַ בינטעלע זכרונות: ליבע, זון, חלומות. דערמיט וועט מען זיך דאַרפן שפּייזן אין אַ סך גרויע, גרויע טעג. אָבער אַזעלכע געדאַנקען געהערן נישט צו איר שכל און טעמפּעראַמענט.

מיט וואָס פאַר אַ שאַרפער ראיה זי זעט אַלץ. ס'איז טאַקע אמת, מיט דער רעגיסטראַציע האָבן זיך פיל פון אונדז געמאַכט פאַר אַ ציל־ברעט. מיר, די יידן, זיינען נאָכמער אַנטוואָפנט. באַהאַלטן זיך אין איצ־טיקן מאָמענט איז ווי ווייט מעגלעך, אויסמישן זיך מיט אַלעמען.

דעניז איז פייער און פלאַם. זי וויל זיך אַריינוואַרפן אין גרויסן גע־ראַנגל. „זי וועט זיך — זאָגט זי — איינגאַנצן איבערגעבן אין רשות פון דער סטודענטן־אָרגאַניזאַציע".

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מיך טאַקע דעניז צוזאַמענגעפירט מיט פּאָליצערס אַ תלמיד, אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען גאַיאַר, אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון דעם באַוווסטן פּראָפעסאָר פון היסטאָרישן מאַטעריאַ־ליזם אין די אַרבעטער־אוניווערזיטעטן. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן אויפצושטעלן אַ געהיימע דרוקעריי. נישט גאַיאַר, נישט דעניז און נישט איך, האָבן געהאַט אַ וועלכע נישט איז השגה אין דער זעצעריי־און דרוק־טעכניק.

דאָס איז אָבער געווען די קלענסטע מניעה, אַפילו נאָכדעם, ווי מיר האָבן שוין געהאַט באַשלאָסן אונדזער אָרגאַן צו געבן אַ געוויסן פּרצוף פון אַן אמתער צייטונג, זי צו זעצן, דרוקן, און נישט מער העקטאָגראַפירן, אָדער ראָנעאָגראַפירן.

עלף זיינען מיר לכתחילה געווען: דריי סטודענטן, אַ דאָקטאָר, אַ שאָפער, אַ כעמיקער, אַ פילאָזאָף, אַ גראַווירער, אַ פאָלקס־שול־לערערין, דעניז און איך גופא. קיין איין דרוקער־ אָדער זעצער־פאַכמאַן איז צווישן אונדז נישט געווען. צום גליק, האָבן מיר ערגעץ דערטאַפּט אַ געווע־זענעם אייגנטימער פון אַ קליינער דרוקעריי. ער האָט עס אונדז פאַר־שאַפט אַ ביסל שריפט און האָט מיט אונדז אַריינגעקנעלט די ערשטע פּרינ־ציפּן פון דער דרוקעריי־קונסט. אַ קליינע האַנט־מאַשין האָט זיך אונדז אויך איינגעגעבן צו קויפן.

אויף די לעקורע האָבן מיר אויף אַ זיבעטן שטאָק אָפּגעדונגען אַ בוידעם־שטיבל און דאָרט האָבן מיר איינגעריכטעט אונדזער דרוקעריי. דעם מאַטאָר־געריוש האָבן מיר פאַרטויבט מיט צוויי נײ־מאַשינען וואָס מיר האָבן דאָרט אַריינגעשטעלט און מיר האָבן זיי דעם גאַנצן טאָג גע־לאָזן לויפן ליידיק. אַ ראַדיאָ האָבן מיר אויך אָנגעשטעלט. אַ גאַנצן טאָג האָט ער אונדז פאַרקלאַפּט דעם קאָפּ מיט אידיאָטישע אָפּערעטן־שלאָגערס און קאָמוניקאַטן פון „ראַדיאָ־פּאַריז” איבער די נצחונות פון דער „ווער־מאַכט” אין רוסלאַנד.

ס׳איז דאָרט געווען ענג, נישט אַ ריר צו טאָן זיך. ס׳האָט אויסגעזען, ווי מיר וואָלטן געווען אַריינגעוואָרפן אין אַ קעסל־גרוב, ווו ס׳קאָכט און עס זידט. נאָר וואָס מאַכט עס אויס ? אַבי ער האָט זיך טאַקע אויס־געקאָכט.

אַלע וואָך האָט זיך אויסגעקאָכט אַ צייטונג, אַן אמתע צייטונג, מיט ידיעות פון פראַנט, פון אויסערלעכן און אינערלעכן פראָנט. דער הויפּט־מקור פון אונדזערע ידיעות איז, פאַרשטייט זיך, געווען דער ראַדיאָ. גע־נומען האָבן מיר זיי נישט פון דעם אַפּאַראַט אין בוידעם־שטיבל, נאָר פון אַנדערע אַפּאַראַטן, וואָס געפינען זיך אין די ווינונגען פון אונדזערע קוריערן, ווי מיר רופן די צושטעלער פון די דאָזיקע ידיעות.

אין דער צייטונג האָבן מיר אויך איינגעפירט אַ רובריק, וואָס טראָגט דעם קאָפּ : „דער פּולס פון פּאַריז”, אַ רובריק, וואָס מעסט די פּאָליטישע טעמפּעראַטור פון פּאַריז. און אַ צווייטע רובריק, וואָס רופט זיך „דער מיסט־הויפן”. דאָרט געפינען פּלאַץ די פאַרעטער, די „מיטאַרבעטער” פון דריטן־רייך און פון דער „נייער אָרדענונג אין אייראָפּע”, די פאַר־קויפטע, די מוסרים, די לייט פון דער פראַנצויזישער געשטאַפּאָ.

איין טאָג זײַנען מיר שיעור־שיעור נישט דורכגעפאַלן צוליב אַ שכן, אַ שוסטער, וואָס האָט געוווינט אויף אַ גאָרן נידעריקער פון אונדז. זיין שנאה צו אונדז איז דווקא געווען נישט אומסימפּאַטיש, נאָר געקאָנט האָט עס אונדז קאָסטן דאָס לעבן.

אָט ווי אַזוי ס׳איז געווען :

אונדזער שכן האָט אונדז אָנגענומען פאַר אַ חברה דאָריאָטיסטן, אָדער פראַנציסטן. ער האָט אונדז — שוין נאָך אַלעמען — געהאַט דערקלערט, אַז אין זיינע אויגן אונטערשיידן זיך די דאָזיקע פאַשיסטישע באַנדעס מיט גאָרנישט איינע פון דער צווייטער. ער איז געווען גערעכט אין זיין אָפּשאַצונג. נאָר וואָס שייך אונדז, האָט ער געמאַכט אַ ראַדיקאַלן טעות.

ס'איז אמת, אַ ווילד־ווילונגערישן אויסזען האָבן מיר געהאַט. מיטן שטעקן אין האַנט, מיט די פּאַשיסטישע אָפּצייכנס אויף דער ברוסט, האָבן מיר אויסגעזען ווי די אמתע היטלערישע אויסוואורפן. דערצו נאָך פלעגט אונדזער ראַדיאָ, ווי כ'האָב שוין דערציילט, נישט אויפהערן צו האַקן נאָכאַנאַנד און מודיע צו זיין די אויפטועכן פון דער „נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע", וואָס ווישי האָט איינגעפירט אין לאַנד. האָט ער דעריבער געמיינט, אַז מיר זיינען פון יענע חברה־לייט. ער האָט געקענט עפּעס אַ פּאַרשוין, וואָס האָט זיך אויסגעגעבן פאַר אַ מיטגליד פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. דער שוסטער האָט יענעם דערציילט, אַז ביי אים אין הויז געפינט זיך אַ נעסט פון היטלעריסטן, פון וועלכע ער וואָלט זייער געוואָלט פּטור ווערן. די מעשה איז דעם דאָזיקן פּאַרשוין מסתמא פּאַרגעקומען פּאַרדעכטיק. איז ער איין טאָג מיטגעגאַנגען מיטן שוסטער אָנצוקוקן, וואָס פּאַראַ סאָרט חברה מיר זיינען. ווען זיך אַרויסשטעלן, אַז מיר זיינען פּאַשיסטן — האָט ער פּאַרזיכערט אונדזער שכן — וועט ער שוין וויסן וואָס מיט אונדז צו טון... זיין עובדה, האָט ער געזאָגט, איז טאַקע נאָכצופּאָרשן די פּראַנ־צויזישע פּאַרעטער...

עטלעכע שעה האָט ער זיך אַרומגעדרייט פּאַרן הויז און האָט גע־לויערט אויף עמיצן פון אונדז. אָפּט זיך ווייזן אויף דער גאַס פלעגן מיר זיך נישט, כאָטש געפילט האָבן מיר זיך אין אונדזער הילוך זייער תקיף. נאָר ווען מיר האָבן שוין געהאַט פּאַרטיק די סחורה — פּעקלעך מלבושים לפּנים וועגן, כדי צו באַרעכטיקן דעם געררויש פון די ניי־מאַ־שינען — פלעגן מיר זיי גיין „אָפּליפערן". מיר האָבן די פּעק צייטונגען איבערגעגעבן די חברים, וואָס האָבן געהערט צום קאָלפּאָרטאַזש. אין דעם טאָג האָט זיך די צייטונג געהאַט אַ ביסל פאַרשפּעטיקט. מיט צוויי טעג צוריק איז דערשינען דער לעצטער נומער. אין דער דרוקעריי האָט זיך געפונען נאָר דער דאָקטאָר, וואָס איז אין דעם טאָג געווען „דעזשורנע". דאָס בוידעם־שטיבל איז קיינמאָל נישט געשטאַנען ליידיק, תמיד איז דאָרט עמיץ געווען, כדי צו האַלטן אין גאַנג דעם ראַדיאָ און די ניי־מאַשינען.

סוף כל סוף איז אים דאָס וואַרטן נמאס געוואָרן. איז ער אַראָפּ צו־זאַמען מיטן שוסטער און אַוועקגעזעצט זיך אין דער קליינער קאַפע, קעגנ־איבער אונדזער הויז, ביי אַ טישל לעבן פענצטער.

דעניז האָט די נאַכט געדאַרפט פּאַרבייטן דעם דאָקטאָר אין דער דרו־קעריי. און ווי נאָר זי וויל אַריינגיין אין הויז, אויפצוהויבן זיך אויף די שטיגן, הערט זי ווי עמיץ רופט זי:

— פריילן, אַנטשולדיקט, איר וועט שוין אַמאָל אויפהערן פאַרסמען דאָס גאַנצע הויז מיט אייערע ליגנס ?

זי האָט אין אָנהויב נישט פאַרשטאַנען וועגן וועלכע „ליגנס" רעדט ער דאָ און האָט זיך אָפּגערופן אין פאַרלעגנהייט :

— ליגנס, זאָגט איר ? מיר זאָגן דעם אמת. ליגנס זאָגן די פאַשיסטן, די קאַלאַבאָראַטאָרן, די פעטעניסטן...

— אַזוי גאָר ? — האָט דער פאַרשוין זיך זייטיק פאַראינטערעסירט — איז ווער־זשע זייט איר ? נישט קיין קאַלאַבאָראַטאָרן ?

— די ליגנגס פון אייער ראַדיאָ ! — האָט דער שוסטער זיך אַריינ־געמישט.

דעניז, וואָס האָט זיך מאָדנע פאַרפּלאָנטערט, האָט זיך תיכף אָנגע־שטויסן און האָט אַ שטאַמל געטאָן :

— פאַראַן אויך אמת אין דעם, וואָס ראַדיאָ־פאַריז דערציילט...

— קיין איין וואָרט אמת איז אין דעם נישטאָ — האָט זיך דער שוס־טער געקאָכט — קיין איין וואָרט אמת נישט, איר הערט, וואָס איך זאָג אייך ?

דער פאַרשוין האָט פאַרלעגן געשמייכלט. ער האָט אונטערגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אַ מבולבלער, איז ער אַ רגע שטיין געבליבן און אַן אידיאָטיש שמייכעלע איז אים אַרונטערגעהאַנגען פון די ליפּן. ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געגאַוועט. ער האָט דעם שוסטער פּלוצים דערלאַנגט די האַנט און האָט זיך מיט האַסטיקע טריט אָפּגעטראָגן.

דעניז האָט זיך אויפגעהויבן אויף די שטיגן צוזאַמען מיטן שוסטער. ס'איז קענטיק געווען, אַז ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר ער האָט זיך נישט געטרויט. עטלעכע מאָל האָט ער אַ הוסטל געטאָן, אָבער מער ווי „יאָ־יאָ", האָבן זיינע ליפּן נישט אַרויסגעבראַכט. האָט אים דעניז אַ פרעג געטאָן :

— אייך געפעלט נישט אַזוי שטאַרק אונדזער ראַדיאָ ?

— ניין, אינגאַנצן נישט ! — האָט ער געענטפערט.

— גוט צו וויסן ! וועלן מיר אָנשטעלן אַ ביסל שטילער.

— יאָ, טאַקע אַ ביסל שטילער ! — האָט דער שוסטער געפאָדערט.

— דער גערויש מאַכט עס אייך אַזוי נערוועז ?

— נישט נאָר דער גערויש, נאָר די ליגנס... נאָר נישקשה, איר וועט נאָך אַמאָל מוזן אָפּגעבן דין־וחשבון פאַר אייערע מעשים. אַ חרפה, פראַנ־צויזן זאָלן זיך אַזוי פאַרקויפן...

— און יענער, וואָס איז נאָר־וואָס געשטאַנען מיט אייך, אים שטערט אויך אונדזער ראַדיאָ ? אויף וועלכן שטאָק וווינט ער ?

— ער וווינט דאָ בכלל נישט, נישט אין דעם הויז, אַפילו נישט אין דער גאַס.

— וואָס הייסט ?

— ער איז אָבער אַ ריכטיקער פּראַנצויז, נישט ווי איר, איך האָב אים נאָר דערציילט וואָסערע שכנים איך האָב, האָט ער געוואָלט אייך אָנקוקן. אַ נייגעריקער אַזאַ...

— מיינט ער אויך, אַז מיר זיינען „קאָלאַבאָראַטאָרן״ ?

— מען דאַרף נישט זיין קיין גרויסער באַאָבאַכטער, דאָס באַלד איינ־צוזען אין אייך.

פון איין זייט האָט איר הנאה געטון, וואָס די „באַאָבאַכטער״ געפינען אונדז איין פאַר „קאָלאַבאָראַטאָרן״, פאַשיסטן; ס'האָט אָבער פאַר־דראָסן, וואָס אין די אויגן פון דאָזיקן פשוטן שוסטער זעען מיר אַזוי אויס. ער איז אָן שום ספק אַן ערלעכער פּאַטריאָט...

אויבן אין צימערל, האָט זי דעם דאָקטאָר באַלד איבערגעגעבן די גאַנצע געשיכטע.

חבר פיקאַר (אַזוי איז געווען זיין פסעוודאָנים) האָט דאָס מאָל טאַקע באַלד אָפּגעשטעלט דעם ראַדיאָ, די מאָטאָרן פון די ניי־מאַשינען און האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט עטלעכע מאָל אויסגעווישט די ברילן און האָט רואיק, אָבער אַנטשלאָסן צוגעגעבן :

— מיר מוזן שוין די מינוט אַרויספּעקלען זיך פון דאַנען... די גע־שטאַפּאָ איז אויף אונדזערע שפּורן...

דעניז האָט באַלד געמוזט צוגעבן, אַז דער דאָקטאָר איז גערעכט.

— אונדזער שכן איז טאַקע, לויט אַלע וואָרשיינלעכקייטן, אַן ערלע־כער מענטש, אָבער יענער איז זיכער אַ שפּיצעל.

— פון מיטנעמען דאָס „אויוועלע״ (אַזוי האָבן מיר גערופן די דרוק־מאַשין), קען קיין רייד נישט זיין אין איצטיקן מאָמענט. נישט מיר האָבן מענטשן דערצו און נישט מיר קענען זיך באַווייזן דערמיט אויף דער גאַס. איך מיין, אַז מיר מעגן קודם כל דרייסט גיין דערציילן אונדזער שכן די גוטע בשורה, אַז מיר האָבן דעם ראַדיאָ אָפּגעשטעלט. איינס אַוועק, צווייטנס, קענען מיר אים אָנגעטרויען, אַז מיר זיינען ווייט נישט קיין פאַשיסטן, ווי ער מיינט. דאָס וועט אים זיכער הנאה טון. דערפאַר וועט ער

אונדז אָפּטאָן די טובה און צוהיטן, אויב די פּאָליציי איז ווירקלעך געפאַלן אויף אונדזערע שפּורן...

כך הווה. דער שוסטער האָט אַ לענגערע ווײַלע נישט געקענט קו־מען צו זיך פון דער רעוואָלוציע, וואָס פּיקאָר און דעניז האָבן אים געמאַכט.

— ווען וואָלט עס גאָר אײַנגעפאַלן ? — האָט ער זיך נישט גע־קענט שענקען...

ער האָט זיך נישט אויפגעהערט צו וווּנדערן. ער האָט אויך גע־מוזט צוגעבן, אַז דער „באַקאַנטער" זײַנער איז זיכער אַ שפּיצעל. מען האָט דאָ באַדאַרפט לויפן און פאַרכאַפּן עפּעס. ער האָט אונדז אָבער צוגע־זאָגט צו פאַרנעמען זיך מיט דעם ענין און מודיע זײַן, טאָמער פּאַסירט עפּעס, לויט אַן אָפּגערעדטן פּאַראָל, אין דער פּאַפּיר־האַנדלונג, אין דער־בײַיאיקן געסל.

איצט איז די דרוקערײַ געווען „פאַרשאָטן". נאָך אין דער זעלבער נאַכט איז מען געקומען מאַכן אַן אונטערזוכונג אין אונדזער בוידעם־שטיבל. די נעסט איז שוין אָבער געווען אָפּגעליידיקט. פאַר כעס, האָט די פּאָליציי צעבראָכן די ניי־מאַשינען און דעם ראַדיאָ. זיי האָבן אויך אָפּגעשטעקט אַ קורצן באַזוך ביים שוסטער. זיי האָבן אים געהאַלטן אין איין מאַטערן : ווער, וואָס, ווען ? אָבער קיין שום וויכטיקס האָט זיך זיי נישט אײַנגע־געבן צו דערוויסן פון אים. אים גופא, האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, אין גאָרנישט חושד געווען. איי, זײַן אומצופרידנקייט מיטן „ראַדיאָ־פּאַריז", וואָס פאַרשפּרייט ליגנס, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, דאָס איז נישט געווען פאַררעכנט פאַר אַזאַ גרויסן חטא, אַז מען זאָל אים דאַרפן אַרעס־טירן צוליב דעם. מען האָט אויך נישט געוואָרפן קיין אויג אויף אים להבא, ווײַל מען האָט אים געהאַלטן פאַר צו ווייניק באַהאַוונט און פאַר אַ קנאַפּן חכם.

שפּעטער איז ער אונדז גוט צונוץ געקומען, דער „פּאַטערל פּיער", ווי מיר האָבן אים אַ נאָמען געגעבן.

קאפיטל 12.

מיר גרייטן באַמבעס קעגן שונא

איך אַרבעט אין דער פּרימיטיווער לאַבאָראַטאָריע, וואָס איז איינגע־ריכטעט געוואָרן אין אַ ווייטער פּאַריזער פאָרשטאָט.

זאַלבע אַכט זיינען מיר דאָרט. מיר לעבן ווי די נזירים. מיר קוקן די ליכטיקע שיין פון טאָג נישט אָן. מיט עסן באַזאָרגט מען אונדז שוין.

שווערלעך איז מיטן רויכערן. אַלע זיינען מיר „פאַרברענטע רויכערער", און רויכערן טאָר מען נישט אין דעם ענגן רוים, וואָס איז אָנגעפילט מיט כל המינים עקספּלאָזיע־שטאָפן. דאָס איז געוויס די גרעסטע אָפּקומעניש, וואָס מיר האָבן אויף זיך גוזר געווען.

מיר האָבן אָבער אויך אַ געגנוג גרויסן שכר, נישטאָ וואָס צו באַ־קלאָגן זיך. אונדזער שכר איז די ידיעה פון צייט צו צייט, אַז נאָך אַ צוג איז אַראָפּ אין אונדזער סעקטאָר פון די רעלסן און צעשמעטערט געוואָרן, ווידער זיינען אַזויפיל און אַזויפיל דייטשע אָפיצירן און זעלנער „אַרי־בערגעפעקלט" געוואָרן אויף יענער וועלט.

מיר זיינען דריי אינזשיניערן, צוויי כעמיקער און די איבעריקע — לאַבאָראַנטן.

איינער פון זיי איז אַ ייד פון אונדזערע קאַנטן. איך האָב זיך שטאַרק צוגעבונדן צו אים.

אין דער איזאָלירטקייט פון דער לאַבאָראַטאָריע, אין נאָענטער שכנות מיטן טויט, איז גוט צו וויסן, אַז ביי דער זייט געפינט זיך עמיצער, וואָס רעדט אויף דעם זעלבן לשון, מיט וועלכן דיין מאַמע פלעגט דיך איינ־שלעפערן מיט אַזעלכע זיסע וויג־לידער. מיט וואָס פאַר אַ תענוג איך כאַפּ זיך עס אַ שמועס צו טון מיט אים. דער קלאַנג פון דעם היימישן לשון גופא, דווקא דאָ, דערפרייט מיך שוין. יעדער שמועס איז אַ בריק צו

עפּעס אַ שטעגעלע, צו עפּעס אַ ווינקעלע אין לעבן, ווען עס איז נאָך געווען לעבן אין אונדזער וועלט.

אינמיטן דער נאַכט וועק איך זיך טיילמאָל אומרואיק איבער פון שלאָף.

— שלום — רוף איך שטיל — שלום, דערצייל מיר עפּעס...

— וואָס עפּעס אינמיטן דער נאַכט, פון דער העלעד הויט, דערציילן ? שלאָף, זיי נישט משוגע, משה !

— ניין, דערצייל עפּעס. דערצייל ווי האָט אויסגעזען אַ שבת נאָכן עסן ביי אייך אין שטעטל.

— פונקט ווי אין אייער שטעטל, אַ האָרעלע נישט אַנדערש, קענסט מיר גלויבן.

— איך ווייס, אַז נישט אַנדערש... ביסט אַ גולם. וויל איך דען וויסן ווי עס האָט אויסגעזען ביי אייך אין שטעטל ? ווייס איך דען נישט אַליין ?

— טאָ וואָס, משוגענער, וועקסטו מיך ?

— איך וויל דיך הערן רעדן.

— דול מיר נישט קיין ספּאָדעק, שלאָף.

און וואָס איז דער סוף ? שלום לאָזט זיך תמיד איבעררעדן און ער הויבט טאַקע באַלד אָן דערציילן ווי ס'האָט אויסגעזען ביי זיי אין שטעטל אַ שבת נאָכן טשאָלנט. און נישט נאָר שבת, נאָר אויך שבת־צונאַכט און אַ גאַנצע וואָך. אַזוי — ביז אין גרויען טאָג אַריין. מען קען אים מער נישט אָפּשטעלן. אָן אַ שיעור מעשיות האָט ער און זיי לאָזן זיך גאָר קיינמאָל נישט אויס. און ער קען דערציילן. אַ וועלט מיט געשטאַלטן לעבן אויף. מענטשן, וואָס האָבן זיך אַמיינסטן געראַנגלט מיטן אַבסורדן גורל, גרויע, אָבער ביז גאָר פֿאַנטאַסטישע געשטאַלטן.

אָט איז אַ שבת נאָכמיטאָג, ברכי נפשי, פאַרשלאָפענע הייזלעך, מיט קונדסים, יינגלעך, וואָס לויפן אַרום אין די פעלדער, אַרום קלויז, שלינגען שנעל אַרונטער אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים, צו פאַרעדן די ציין דעם בייזן, שטרענגען טאַטן, מיט דער קאַלטענוואַסער באָרד. דער טאַטע שרייט כסדר :

— געוואַלט, וואָס פאַר אַ תכלית וועט פאַרט זיין פון דיר ?

זיינע שיינע קינדער־יאָרן האָט דער שלום פאַרבראַכט אין ליטע. עלף יאָר איז ער אַלט געווען, ווען זיי האָבן זיך אַריבערגעקליבן אין שטעטל. אַ מיטעלע שטאָט, אייגנטלעך, לויט איר פאַרנעם און לויט אירע השגות : רעפאָרמירטע חדרים, דאָס הייסט, כמעט היינטצייטיקע פאָלקס־שולן, יידן מיט אונטערגעשוירענע פאות, יינגעלייט מיט שטעקעלעך אין די הענט,

פאַרלייגטע קראַגנס, פלירט, ליבע, ראָמאַנען, הכלל : „אַ פענצטער קיין אייראָפּע".

ביז עלף יאָר איז ער געווען צווישן וועלדער, פעלדער, בלויען הימל און גרינע לאָנקעס. אין זיינע רייד, אין שלומס, הער איך רוישן די נאָדל־ביימער.

— וואָס וויסטו דען, משה — זאָגט ער צו מיר — וואָס פאַר אַ שפּראַך ס'פאַרמאָגט אַ נאָדל־וואַלד !

ער מאָלט די סעדער; אָט איז פרילינג, אָט איז האַרבסט. שלום איז פּשוט קראַנק אויף זיין קינדהייט.

— אין אַן אָמתער כאַלופּע האָבן מיר געוווינט אויפן דאָרף, אַ ירושה נאָך פון זיידן. שוין באַלד אַ מעשה פון דרייסיק יאָר, ווי אָט די הייזקע קומט מיר נאָך אַלץ צו חלום. צוויי צימערן האָבן מיר געהאַט פאַר אַ געזינדל פון זיבן נפשות. ווי מיר האָבן דאָרט אַלע געקענט געפינען פלאַץ, דאָס איז נאָך ביז היינט אַ רעטעניש פאַר מיר. נישטאָ וואָס צו רעדן, ס'איז געווען ענג, אָבער מען האָט געקענט לעבן. דער טאַטע איז געווען אַ שמיד, אַ ייד אַ דעמבּ. ווי קום איך צו אים ? אַ גאַנצן טאָג איז ער געשטאַנען אין דער קוזשניע און געקלאַפּט מיטן האַמער. דאָס האָט ער אויסגעשמידט דאָס ביסל חיונה. די מאַמע האָט געפירט די באַלעבאַטישקייט, פאַרזאָרגט די בהמה אין שטאַל. דערנאָך, מלחמה־צייט, בעת די פּאָגראָמען, זיינען זיי פון דאָרט אַוועק און מער האָט ער שוין די שטוב נישט צוריקגעזען.

— פאַרוואָס שרייבסטו נישט שלום ?

— שרייבן ? צו וואָס ?

— ביסט אַ ראָמאַנטיקער, שלום. איך האָב זיך עס גאָרנישט גערעכנט פון דיר. דו, וואָס זאָגסט שטענדיק, אַז מען דאַרף נאָר לעבן מיטן היינט. כ'האָב זיך נישט גערעכנט דאָס אַלץ פון אַזאַ ניכטערן מענטש, ווי דו ביסט.

— ביסט אַ שוטה, דו זעסט נישט, אַז אונטער דער ניכטערער מאַסקע באַהאַלט זיך כמעט אַלע מאָל דאָס אמתע פּנים פון מענטש, פון יעדן מענטש.

— מיר האָט מען תמיד פאַרגעוואָרפן ראָמאַנטיק, מען האָט געזאָגט, אַז איך האָב נישט קיין זין פאַרן פּראַקטישן לעבן.

— איצט — מאַכט ער לסוף — איז שוין אָבער צייט צו שלאָפן. באָמ־בעס פאַבריצירן דאָס איז אונדזער היינט...

ער איז גערעכט, שלום. צייט צו שלאָפן. ער האָט עס קוים באַוויזן אַרויסצומורמלען און ער שלאָפט שוין, כראָפּעט אויף וואָס די וועלט שטייט. איך באַוואונדער אים, ווי לייכט עס גיט זיך אים איין זיך אַליין צו קאָמאַנ־

דירן. איך קען עס נישט. אַט איז ער צוריקגעקומען פון אַן עקסקורסיע פון זײַן קינדהייט און ער איז שוין ווידער אַ היגער. אַ היגער דאָ, אין דער לאַבאָראַטאָריע פון פיזיקאַלישע און כעמישע פאָרמולן, פון דינאַמיט, פון אַקטיוון ווידערשטאַנד, פון „טעראָריסטישן", ווי די דײַטשן רופן אונדז...

איך קען אָבער נישט אײַנשלאָפן. איך וויל זיך אויך אויסלערנען צו דאַזירן, קענען זיך אַליין באַפעלן, מיט וואָס הייבט מען אָן ? מיט דער פאַרגאַנגענהייט, מיטן היינט, אָדער אפשר מיט דער צוקונפט ?

כראָנאָלאָגיע איז דאָ נישט שייך. מײַן היינט איז : מיך רופט מען משה לעמבערג, אַן אינזשיניער; מײַן פרוי רופט זיך דבורהלע. זי איז אין דער אמתן גאָרנישט מײַן פרוי, פונקט ווי, מײַן קינד, איז — נישט מײַן קינד. דערפון אַליין איז שוין צו זען, ווי שווער מיר קומט אָן צו דעפינירן דאָס אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט מײַן היינט. און דעניז איז דען יאָ מײַן פרוי ?

פאַמעלעך. איך טאָר זיך נישט לאָזן פאַרפּלאָנטערן. אַנשטאָט צו דער־גרונטעוועט זיך, פאַרמיש איך זיך אַליין אַלץ מער.

ס'איז נאַכט. אַכט פאַרשוין זײַנען מיר דאָ : אינזשיניערן, כעמיקער און לאַבאָראַנטן. זיי שלאָפן אַלע. זיי זײַנען מיד. דאָ באַלד, לעבן מיר, ליגט שלום. פון זײַן כראָפּן הערט מען אַרויס, ווי ער וואָלט געוווען אַ ביסל ביייזלעך. אַ פּאָר טריט ווייטער שלאָפט מאַרטען, אַ פראַנצויזיש בחורל, וואָס האָט ערשט ערב־מלחמה פאַרענדיקט דעם פּאָליטעכניקום און האָט זיך געגרייט צו ווערן אויף דער עלטער אַ גענעראַל. ער איז אַ זון פון אַן אַריסטאָקראַטישער קאַטוילישער פאַמיליע. ער גופא איז אויך אַ גלוי־ביקער, מער צוליב „נאַציאָנאַלע" טעמים, זאָגט ער, ווי צוליב רעליגיעזע, ווייל ער האַלט, אַז עס איז אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן פראַנקרייך אָן דעם קאַטוילישן גלויבן. ער האַלט זיך אין דער שיטה פון גרויסן פראַנ־צויזישן שרײַבער בערנאַדאָס, ביי וועמען עס פאַרט זיך שטרענגער קאַטוי־ליציזם, מיט פּאַטריאָטיזם און מיט שנאה צו דײַטשלאַנד. ער זעט אויס ווי אַ מיידעלע : צאַרט, שלאַנק, פאַרטראַכט און דיסקרעט אין זײַנע באַ־וועגונגען.

לינקס פון מיר ליגט און שנאַרכט דער אַ ביסל האַסטיקער גאַסטאָן, וואָס האַלט זיך פאַר אַן אמתן „מעק" (אַ בלאַטער יונג, אויפן פּאַריזער פּאָלקס־זשאַרגאָן). ער רעדט דעם בילדלעכסטן און זאַפטיקסטן פראַנצוי־זיש, וואָס איך האָב ווען נישט איז געהערט. ער איז אַ שאַרפזיניקער, קייַ־בער איז צו אים נישט גלײַך אין די כלערליי קונצשטיק — ער קען ציען

סטענגעס פון מויל, מאַכן פאַרשידענע אַקראָבאַטישע שטיק. ס׳איז קיין וווּנדער נישט. דאָס האָט ער פון זיין מאַמען, אַ צירק־טענצערין, גערירשנט. עד־היום נאָך באַדויערט ער, וואָס זיין טאַטע, אַ גבירי׳ש זונדל פון אַן אינדוסטריעלער־דינאַסטיע, האָט אָוועקגענומען זיין מאַמען פון צירק, נאָך איידער ער האָט מיט איר חתונה געהאַט. דאָס קען ער אים פונקט אַזוי נישט שענקען, ווי דאָס, וואָס ער, זיין טאַטע, אַרבעט היינט מיט די דייטשן און איז אַן איבערגעצייגטער קאָלאַבאָראַטאָר „על פי שכל און על פי אויס־רעכענונג״...

— אַזאַ איז ער „דער מחבר פון מיינע טעג״, ווי די שרייבערוקעס וואָלטן זיך אויסגעדריקט... — מאַכט ער גאַסטאָן — דאָס מויל זאָל זיך זיי נאָר פאַרקרימען אויף הינטן, וואָס זיי טראַכטן צו אַזוינע קאָמפּליצירטע אויסדרוקן !... ער וואָלט וועלן הערט איר, מיין טאַטע, אַ ווידערשטאַנד־באַוועגונג, וואָס זאָל לאָיאַל מיטאַרבעטן מיט די דייטשן און זאָל צושטיין צום אַנטי־באָלשעוויסטישן לעגיאָן קעגן רוסלאַנד, קעגן דע גאָלן, קעגן ענג־לאַנד און קעגן דער אַלטער אָרדענונג... מעג ער נישט ברענען אויפן פייער ? זאָגט איר אַליין...

דער לאַמער קאַמיל, וועלכער זאָגט אויף זיך אַליין, אַז ער שטאַמט פון „הייליקן גייסט״, וואָרום זיין טאַטע איז געווען אַ ביסקופּ (ווי ער האָט זיך עס שפּעטער דערוווּסט), גיט גאַסטאָנען צו פאַרשטיין, אַז ער דאַרף זיך אַזוי נישט אויפרעגן קעגן זיין אייגענעם, אַזוי צו זאָגן, נאַטירלעכן טאַטן... זאָל ער זיך פרייען, אַז ער איז געקומען אויף דער וועלט, ווי עס באַדאַרף צו זיין, אָן האָקוס־פּאָקוס, פון אַ טאַטן אַן אינדוסטריעלן און פון אַ מאַמען אַ צירק־טענצערין... וואָרום נישט יעדערן גיבן זיך איין צו קריגן אַזוינע עלטערן... און דאָס, וואָס זיין טאַטע האָט אַזאַ מאָדנע פאַרשטע־לונג פון אַן אמתער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, איז עס גיכער אַ פראַגע פון דערציאונג, ווי פון איבערצייגונג. וואָלט ער געווען אַן אַרבעטער, אָדער אַן אָרעמער אינטעלעקטועלער, וואָלט ער געוויס אַנדערש גערעדט.

גאַסטאָן איז קיינמאָל מיט אים נישט מסכים. דערציאונג, מיינט ער, שפּילט אין דעם ענין די הויפּט־ראָל. זאָל ער נעמען, אַ שטייגער אים אַליין, גאַסטאָנען: די דערציאונג, וואָס ער האָט געגאָסן אין שטוב, איז געווען דורך און דורך אַ בורזשואַזע : דינער און דינערינס, לאַקייען און אַמען, מוזיק און ווינטער־ספּאָרט, גימנאַזיעס און אוניווערסיטעטן, פּריי־וואַט־לערערס און לוסט־רייזעס אין אויסלאַנד, טאַשן־געלט לרוב, און דינסט־מיידלעך צו פאַרפירן, און וואָס נישט ? האָט ער דאָך געדאַרפט

זיין איצט נאָך מער דייטש, ווי די דייטשן, און אַ קאַפּיטאַליסטישע מענטאַ־ליטעט האָט ער געדאַרפט האָבן... אַנשטאָט דעם, איז ער שיעור נישט גע־וואָרן אַ קאָמוניסט, דערצו איז ער נאָך אַ „מעק", ווי אין פּסוק שטייט: ער פּייפט אויף רייכקייט, פּייפט אויף די דייטשן. ער איז גרייט זיי אַלע־מען אומצוברענגען, וואָס, אפשר נישט?

— ווייל איך האָב, פאַרשטייסטו מיך; מיין טייערער קאַמיל, דו זון פון הייליקן גייסט, אַ קאַפּעלע, וואָס טראַכט, וואָס אַרבעט... איך האָב אַ האַרץ, וואָס קלאַפּט נישט נאָר פאַר מיר, נאָר אויך פאַרן געמיינעם פאָלק...

— ס'איז נישט אינגאַנצן אַזוי ווי דו זאָגסט — גיט ער נישט נאָך, קאַמיל — דו ביסט געווען אין דער וועלט, האָסט זיך צוגעקוקט ווי מענטשן ליידן, דאָס איז אויך דערציאונג...

— און מיין טאַטע? ער איז דען נישט געווען אין דער וועלט? ער האָט זיך נישט צוגעקוקט ווי מענטשן ליידן?

— דיין טאַטע — איז גאָר עפּעס אַנדערש. האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז ער איז אַ „קאַלאַבאַראַטאָר", קען ער דאָך נישט האָבן די זעלבע מיינונגען וואָס דו.

איבער דעם אַרגומענט לוינט זיך צו פאַרטראַכטן. גאַסטאָן פּרוווט נאָך אויפוויַיזן קאַמילן, אַז דערציאונג שפּילט קיין שום ראָל נישט, אָבער באַלד שטייט ער אַליין אויך צו צום אַלגעמיינעם געלעכטער.

דאָס איז נאָר איין איינציקער שיכט פון דער אומרואיקער ווירקלעכ־קייט. עס געפינט זיך נאָך אַ צווייטער שיכט, אַ דריטער שיכט. ס'איז נאַכט אין דער לאַבאָראַטאָריע. אַלץ שלאָפט, די הייזער, די ברייזער, די תפיסות, די לאַגערן. אַ געדיכטע פינצטערניש הויערט איבער דער שטאָט און נאָר מיין געדאַנק אַליין קען אַהין צוקומען.

איך זוך אַרויסצורופן אין מיין פאַרשטעלונג מאַירן. ער איז, ווי דעניז האָט מיר מיט עטלעכע טעג צוריק איבערגעגעבן, אַריינגעפאַלן צו דער געשטאַפּאָ אין די לאַפּעס, טראָגנדיק אַ פאַרטפעל מיט פאַלשע פּאַפּירן. איך זוך אַרום אין מיין פאַרשטעלונג דאָס דאַרע בחורל מיט די גליענדיקע אויגן.

„געווען" — טראַכט איך — ווייל עס לאָזט זיך עפּעס נישט צוגלויבן, אַז אַט דער לונגען־קראַנקער, אויסגעצערטער בחור, וועלכער האָט פאַרמאָגט אויף זיך נאָר הויט און ביינער, זאָל נאָך צען טעג יסורים און כלערליי עבויים קשים, וואָס די נאַציס טוען אים אוודאי אָן, אַרויסגיין אַ גאַנצער פון זייערע הענט...

פאַר דער מלחמה בין איך געווען אַן אַפּטער איינגייער ביי זיי אין שטוב. ער האָט געוווינט נישט ווייט פון באַסטיל. דעמאָלט האָב איך זיך שטאַרק געחברט מיט אים און מיט זיין שוועסטער — אַ חנוודיק, שוואַרץ מיידל, מיט הענט ווי פון אַלאַבאַסטער אויסגעשניצט. זי איז מיר שטאַרק געפעלן געווען. דערנאָך האָט זיין שוועסטער פּלוצים חתונה געהאַט מיט אַ פראַנצויז און האָט זיך אַרויסגעקליבן פון דעם אָרעמען דירהלע. מאיר פלעגט דערנאָך זעלטן ווען אַרויסגיין פון שטוב, ער האָט נישט געוואָלט לאָזן די בלינדע מאַמע זיינע אַליין.

ווו איז איצט זיין בלינדע מאַמע ? ווער ווייס, מען האָט זי אפשר אויך צוגענומען, אָדער די טאָכטער האָט באַצייטנס באַוויזן זי ערגעץ אַוועקצופירן. ווייס זי, אַז איר זון מאַטערט מען איצט, ער זאָל אויסזאָגן ווער עס האָט אים געגעבן די פאַלשע פּאַפּירן און פאַר וועמען זיינען זיי באַשטימט געווען ?

די טראַכטענישן שטעלן זיך אויף אַ רגע אָפּ. קיינער גלויבט היינט נישט מער אין טרערן, ווען טייכן בלוט גיסן זיך אומעטום, דער געדאַנק וועגן דעם שוואַרצן בחורל קומט צוריק. מיט עטלעכע טעג פריער זיינען ווידער דערשאָסן געוואָרן פופציק ערובניקעס; צוואַנציק פון זיי זיינען געווען פשוטע יידן, אַלעמאָל ווייט פון פּאָליטיק. פּריוואַט־מענטשן, אַזוי צו זאָגן, מיט קליינע פריידן און קליינע ליידן. זיי האָט מען גענומען ערב צו זיין, אַז עס וועלן מער קיין אַטענטאַטן נישט פּאַרקומען.

ווי קענען זיי ערב זיין ?

אָבער אַ ייד ביי היינט צו טאָג איז נישט נאָר פאַר זיך אַליין פאַראַנטוואָרטלעך, נאָר אויך פאַר די מעשים פון אַ צווייטן יידן, און אַפילו פאַר די מעשים פון זיינע מיט־בירגער, נישט־יידן. אַ משכון אין די הענט פון די רוצחים. אַזוי מוז ער ליידן פאַר מיליאָנען, שטאַרבן פאַר מיליאָנען.

די צוואַנציק יידן קאָמוניסטן זיינען שוין אין אַ פּיל בעסערער לאַגע. ווען מען האָט זיי געפירט צום עקזעקוציע־פּלאַץ, האָבן זיי כאָטש געוווסט פאַר וואָס זיי גייען. גראָד דער טויט זייערער איז די בעסטע גאַראַנטיע די אַטענטאַטן זאָלן זיך איבערחזרן, אַזוי לאַנג, ווי עס וועט נישט קומען די ישועה; מיר וועלן אַזוי לאַנג פאַבריצירן באָמבעס און אויפרייס־מאַטעריאַלן, ביז דער נאַציזם וועט נישט אויסגעראָטן ווערן.

די איבעריקע צען זיינען געווען פראַנצויזן, נישט־יידן.

דערמאָן איך זיך ווידער אין אַלבערטס טאַטן, אַט דעם בכבודיקן פראַנ־

צווישן יידן, וואָס האָט אַזאַ שטאָלצער, אין קאָמיסאַריאַט, פּראָקלאַמירט זיין פראַנצויזיש־יידישן אַני־מאַמין.

אויך ער איז דערשאָסן געוואָרן, נאָך מיט אַ חודש צוריק. צופיל פאַר־דינסטן האָט ער געהאַט פאַר פראַנקרייך, צופיל מעדאַלן און דעקאָראַציעס. מען האָט דאָס אים נישט געקאָנט שענקען אין אַ צייט, ווען פאַראַט, קריי־כעריי און שטיוול־לעקעריי, זיינען געוואָרן די בעסטע גאַראַנטיעס זיך צו דערדינען בענדלעך און אָנשטאָפּן זיך די קעשענעס פון פרעמדן האָב־און־גוטס.

דאָס איז געשען אַ וואָך פאַר מיין איבערקלייבן זיך אַהער. הויז איך שוין דאָ, הייסט עס, אַ קימאַ־לן פון דריי וואָכן.

יעדעס מאָל, ווען איך וויל אַ מעסט טאָן די צייט, מוז איך אָנקומען צו עפּעס אַן אויסגאַנג־פּונקט, אַ געשעעניש. שוין דריי וואָכן צייט, ווי איך בין אָפּגעשניטן פון דער אַרומיקער וועלט, ווי אַ פּרוש, קען מען זאָגן, ווייט פון ווייב און קינד, ווייט פון דער מאַמען, ווייט פון דעניזן.

די פאַרבינדונג מיט דער וועלט ווערט אויפגעהאַלטן דורך אונדזער עלטסטן. מיר זיינען זעלנער. נאָר אים קענען מיר. ער ווידער האָט צו טאָן מיט אַ צווייטן פאַרבינדונגס־מאַן, וועלכער קען נאָר אים. אַזוי אַרום ווערט די אַרומיקע וועלט, איידער זי שלאָגט זיך אָפּ ביי אונדז, פילטרירט; מיר פילן בלויז איר אָפּשיין.

אָט איז די פאָטאָגראַפיע פון אונדזער ווולקאַן. די לאַבאָראַטאָריע גע־פינט זיך אין אַ פאַבריקס־הויף, אין אַ פאַריזער אַרבעטער־פאָרשטאָט. אין דאָזיקן הויף געפינען זיך לויטער וואַרשטאַטן און קליינע פאַבריקלעך. די לאַבאָראַטאָריע פאַרנעמט זייער אַ געראַמען חדר צווישן אַ שלאָסעריי און אַ בוך־בינדעריי. סיי דער שלאָסער, סיי דער בוך־בינדער געהערן צו דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און שטייען מיט אונדז אין שטענדיקן קאָנטאַקט — אויך דורך אונדזער עלטסטן נאָר, פאַרשטייט זיך. די דערנערונג באַ־קומען מיר פון בוך־בינדערס פרוי, וואָס קאָכט פאַר אונדז אין דער דירה אויפן ערשטן שטאָק.

קיינער פון אונדז שטייט נישט אין קיין שום פאַרבינדונג מיט זיין איי־גענער פאַמיליע. נישט די מאַמע, נישט דבורהלע וויסן נישט, ווו איך בין און וואָס איך טו. דאָס פייניקט מיך מער ווי אַלץ, דער עיקר אין די לעצטע טעג, ווען עס קומען פאַר אין פאַריז גרויסע אָבלאַוועס. אַ שטיקל קאָנ־טאַקט מיט דעניזן האָב איך יאָ — אַ שריפטלעכן קאָנטאַקט — און דורך איר ווייס איך, ווי זיי לעבן דאָרט, מיינע אייגענע. אָבער אומרואיק בין

איך דאָך. — כ׳בין אַ סאָלדאַט, אַ שרייפּעלע אין דער גרויסער מאַשין פון ווידערשטאַנד.

האָב איך שוין אויסגעמאָסטן די גאַנצע אויבערפלאַך, פון מיין היינט. אויך ביי מיר איז אַמאָל געווען אַ נעכטן: אַ זומער, אַ ווינטער, אַ האַרבסט, אַ פרילינג. אויך איך בין, פונקט ווי שלום, קראַנק אויף מיין קינדהייט.

איך האָב זיך אויפגעהאָדעוועט אין אַ דאָרף, ביים זיידן. דעם וואַלד האָב איך ליב געהאַט, די סאַזשלקע, די פעלדער, דעם דונער, דעם בליץ, די זון. איך האָב זיך געיאָגט נאָך אַ שוועלבעלע, נאָך אַ זשוקעלע, נאָך די וואָלקנס אין הימל... דער, וואָס האָט דעם טעם נישט געפילט, ווייס נישט וויפל רחבות דאָס לעבן פאַרמאָגט, וואָס פאַר אַ גליק עס איז צו לעבן אויף דער וועלט!

איז דאָס געווען אַ לעבן!

און דערנאָך — די שטאָט, טאַטע־מאַמע, זאָרגן, דחקות, די מאַמע פאַר־גלעט אַלץ און פאַרפּוצט, די קינדער זאָלן נישט וויסן. יאָ חיונה, נישט חיונה — די קינדער זיינען געוואַקסן, עלטער געוואָרן. דער טאַטע איז פון עגמת־נפש געשטאָרבן, דאָס הויז פון זיידן איז אויך צעפאַלן.

ס׳איז קיין מזל נישט געווען. משהלע האָט זיך דווקא געוואָלט לערנען. אַן אינזשיניער האָט ער געוואָלט ווערן, בויען בריקן, געביידעס. און ער האָט זיך פאַרט דורכגעשלאָגן. צו פופצן יאָר, האָט ער בייטאָג געאַרבעט אין אַ פאַבריק, געאַרבעט צען שעה אַ טאָג, אויסגעהאַלטן די מאַמע, די אלמנה, דבורהלען, די יתומה, און ביינאַכט איז ער געגאַנגען אויף אָוונט־קורסן. ביז ער איז אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט, אין פראַנקרייך שוין, וווהין די מומע חוה האָט זיי אַלעמען געהאַט אַראָפּגעבראַכט.

משהלע איז געוואָרן אַן אינזשיניער. נישט קיין אינזשיניער, וואָס בויט בריקן, געביידעס; נאָר אַן אינזשיניער־כעמיקער. און דאָס קומט אים דאָ, אין דער לאַבאָראַטאָריע, ווו מען אַרבעט אויס באָמבעס און אויפרייס־שטאָפן זייער גוט צונוץ.

די פאַרבינדונג צווישן דעם עבר און דעם היינט איז, הייסט עס, ווי נישט איז געפונען. איצט בלייבט איבער אויסצוגעפינען אַ שפּאַרע פאַר דער צוקונפט.

ס׳איז אָבער נאַכט. צייט צו שלאָפן.

קאפיטל 13.

פיין, טרוימען, בענקשאפט

דבורהלע... צוויי טעג נאכאנאנד האט זיך מיר דבורהלע געפלאנטערט אין געדאנק. איז דען נאך עפעס וואס געבליבן נישט דערזאגט צווישן אונדז?

דער אומרו איז געשטיגן אין מיר וואס א שעה מער. דאס הארץ האט מיר געזאגט, אז עס האט עפעס וואס געמוזט פאסירן מיט איר. א פארגעפיל...

ארויסגעוויזן האט זיך טאקע, אז דבורהלע איז שטארק קראנק. דאס האט מיר דער בוך־בינדער געבראכט די ידיעה פון אונדזער פארבינדונגס־מאן. דעניז האט זי אים געבראכט, שריפטלעך האט זי וועגן דעם מודיע געווען אונדזער פארבינדונגס־מאן.

אזא ידיעה האט די קאמפליצירטע קאמוניקאציע־מאשינעריע געבראכט פון דרויסן. וואס האבן אונדזערע פריוואטע גרוסן צו טאן מיט ווידער־שטענדלער און קאנספיראציע? איך בין ארומגעגאנגען שטארק צערו־דערט. אין דעם לאקאנישן צעטל האב איך ארויסגעלייענט מי יודע וואס פאר אן אומגליק. האב איך באקומען אורלויב און בין געגאנגען מבקר־חולה זיין דבורהלען. דאס הארץ האט זיך אין מיר געווארפן.

געוווינט האבן זיי איצט אין א פאריזער פארשטאט, אויף פאלשע פא־פירן, פארשטייט זיך. צו דער צייט האבן א סך יידן זיך שוין אויסבאהאלטן, זיי האבן נישט ארויסגעשטעקט די נאז אינדרויסן.

איך פיל, אז איך בין שיכור פון דער פרישער לופט, וואס האט מיר א שלאג געטאן אין פנים אריין. גלייך ווי איך וואלט נאר וואס באפרייט געווארן פון א טורמע. די גאסן זיינען פול מיט מענטשן, די באוועגונג איז א געדיכטע. עפעס דערקען איך אינגאנצן נישט פאריז.

אבער ס'איז גוט צו וויסן, אפילו אין דער אפגעפרעמדקייט פון א שטאט,

אַז ערגעץ ווו וואַרט אויף דיר אַן איינן צימערל, אַ היימיש ווינקעלע, אָבער אַזאַ היימיש ווינקעלע האָב איך איצט אין ערגעץ נישט פאַרמאָגט.

ס'איז געווען אָפּגעמאַכט, איך זאָל אָפּוואַרטן דעניזן אין דער ראַגאָוער קאַפע. זי האָט עס מיך באַדאַרפט פירן צו דער קראַנקער דבורהלען.

כ'בין אין כעס געווען אויף דעניזן, פאַרוואָס זי האָט מיר אין איר צעטעלע נישט צוגעשריבן כאָטש איין וואָרט מער. זי זאָל מיר זאָגן ווו דבורהלע ליגט אין שפּיטאָל, אָדער ביי זיך. איך ערגער זיך, פאַרוואָס זי לאָזט מיך אַזוי לאַנג וואַרטן. שוין אַ האַלבע שעה פאַרביי. וואָס איז געשען? צי האָט מען זי אַמאָל נישט אַרעסטירט אויפן וועג?

צו דעם אַלעמען קומט נאָך צו מיין אומרו איבער דעניזן. איך זיץ און זופ די ביטערע קאַווע אַן צוקער און קוק אַרויס אינדרויסן. שטייפע, גרין־גרויע מונדירן שווימען פאַרביי. איך זע זיי ווי אין נעפּל.

סוף כל סוף האָט זי זיך צוגעשטעלט, דעניז. דריי־פערטל שעה האָט זי מיך געלאָזט וואַרטן. געקומען איז זי אַ לופטיקע, אַ לייכטע, כמעט אַ פריילעכע, גלייך ווי דער פרילינג אַליין וואָלט זי געשיקט צו מיר. אַזוי, אַז איך האָב שוין גאָר פאַרגעסן אין דער ערשטער רגע — איך מוז זיך עס מודה זיין — איך האָב פאַרגעסן אין דבורהלען, אין איר קראַנקייט. איך האָב גאָר געציטערט איבער דעניזן אַליין. אָט שטייט זי לעבן מיר מיט האַלב־צעעפנטע ליפּן, גרייט מיר אָנצוזאָגן מי יודע וואָס פאַר אַ בשורה. און אָנשטאָט צו בייזערן זיך אויף איר, פאַרוואָס זי האָט אַזוי פאַרשפּעטיקט, מורמל איך גאָר אַרויס:

— דעניז, טייערע, ס'איז גוט וואָס ביסט געקומען. איך האָב שוין נישט געוווסט וואָס איבערצוטראַכטן.

— דבורהלע האָט נישט געקענט זיך דערוואַרטן אויף דיר און איז איבערגעשטאַנען דעם קריזיס אָן דיין אינטערווענץ...

— דעם קריזיס?...

— יאָ, זי איז געווען געפערלעך קראַנק.

— געווען? — האָב איך עפּעס ווי נישט פאַרשטאַנען.

— איך האָב דאָך דיר געשריבן, אַז זי איז קראַנק, דבורהלע, זעסט מיר אויס אינגאַנצן צעחושט. וואָס איז מיט דיר?

— זאָג מיר גיכער — בין איך געווען אומגעדולדיק — וואָס מאַכט זי? וואָס איז איר?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז זי איז איבערגעשטאַנען דעם קריזיס און איז אויסער יעדער סכנה. אַזוי זאָגט דער דאָקטאָר.

— אָבער וואָס איז איר געווען ?

— אַ פרויען־קראַנקייט. מען האָט איר געמוזט שנעל אָפּערירן.

— ווו ליגט זי אַצינד ?

— אין אַ קליניק. וועסט זי באַלד זען.

— און די מאַמע וואָס מאַכט ?

— די מאַמע פילט זיך גוט. פרעגסט גאָרנישט וואָס דאָס קינד מאַכט ?...

— דאָס האָט געזאָלט זיין מיין דריטע פראַגע— האָב איך מיט אַ ביסל ערגערונג זיך אַרויסגעכאַפּט.

מיין ערגעריש איבער איר טאַקטלאָזיקייט איז געשטיגן, הגם זי האָט זיך אפשר אַרויסגעכאַפּט אָן אַ זייטיקער כוונה.

— אַ גאָלדן קינד — האָט זי עס געריִמט — שיין ווי די וועלט, און קלוג, אַ טייערע מויד...

— און קלוג אויך ווי די וועלט ? — האָב איך זיך פאַרגונען אַ וויצל צו טאָן.

— אַז דו לאַכסט, איז שוין גוט.

— און דו גופא, ווי האַלסטו אין דער וועלט ?

— ס'ווענדט זיך. אויב וואָס שייך געזונט, פיל איך זיך ממש ווי אַ פיש אין וואַסער. וואָס שייך דער טעטיקייט, זיץ איך נישט מיט פאַר־לייגטע הענט. איך וועל דיר אַלץ אויסדערציילן שפּעטער. איך מיין, אַז וועסט נישט האָבן וואָס זיך צו שעמען מיט דיין ...שילערין.

איך האָב זיך געריכט, אַז זי וועט זאָגן „חברטע", מיטן אַקצענט פון גאָר אינטימער באַדייטונג. און ווידער האָט מיך עפּעס ווי אַ צי געטאָן צו איר. איך האָב זי באַטראַכט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך פיר מיט איר אַ שמועס שטומערהייט. אַ שמועס, וואָס ציט זיך פון אַזויפיל חדשים און טראַכטענישן אין מיינע לאַבאָראַטאָריע־נעכט. אָבער איין מינוט האָט דער דאָזיקער שמועס געדויערט, נישט מער.

— גוט, וואָס דו טראָגסט נישט קיין געלע לאַטע אויף דער ברוסט — האָב איך זיך אָפּגערופן נאַריש, נישט אייגנטלעך אַזוי, כדי אַנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט דער ווירקלעכקייט, וואָס האָט זיך מיר אַ רגע לאַנג ווי אַרויסגעגליטשט פון די הענט, נאָר ווי אַ סגולה צו בלייבן אין איר פּערזענלעכער וועלט.

— איך האָב — כ'שעם זיך דאָס אַפילו צו זאָגן — געהאַט דאָס גע־פיל ווי איך וואָלט געבענקט נאָך דיר. איך האָב דיך שטאַרק געוואָלט זען.

זי האָט זיך אַ ביסעלע פאַרויטלט און דאָס האָט איר צוגעגעבן נאָך מער חן. האָט זי זיך טאַקע אַזוי פאַרשעמט פאַר מיין פּלוצימדיקן זאָגן ?

איצט האָב איך געשוויגן. אַנשטאָט צו פריידן זיך, איז מיר געוואָרן אומבאַקוועם. דער אומרו האָט זיך ווידער אַראָפּגעלאָזן איבער מיר, ווי אַ כמאַרע. מיר איז אויסגעקומען ווי איך וואָלט דאָ אַרויסגעזאָגט אַ זייער נישט פּאַסיק וואָרט. „ווי מאָדנע קאָמפּליצירט" — האָב איך געטראַכט אָפּגעריסן און כדי צו פאַרווישן דעם איינדרוק פון דער גאַנצער סצענע, האָב איך זיך אויפגעהויבן פון אָרט.

— איך ווייס נישט, נאָך וואָס מיר זיצן דאָ אַזוי לאַנג ? — האָב איך זיך אָפּגערופן סתם — קום, דעניז, לאָמיר גיין.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָבן איך אָפּגעשטאַט אַ וויזיט דבורהלען אין דער קליניק. זי האָט זיך זייער דערפרייט מיט מיין קומען.

— מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך וועל דיך שוין מער נישט זען, טייער־ רער...

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן, דבורהלע. — האָב איך איר געפּרוווט באַרואיקן.

— זעסט דאָך, אַז כ'בין דאָ... וועסט באַלד מסתמא אַרויסגיין פון קלי־ ניק... ביסט שוין כמעט ווי געזונט, זאָגט דער דאָקטאָר...

— נישט די קראַנקייט — ווי זאָל איך עס זאָגן — האָט מיר אַזויפיל געזונט געקאָסט, נאָר די מורא, די שרעק, אַז איך וועל דיך שוין אפשר אַמאָל נישט זען... איך האָב אַזויפיל דיר געהאַט צו זאָגן, אַזויפיל...

— רעד דבורהלע — האָט זיך מיר אַרויסגעגליטשט — איך הער דיך...

— ניין... דאָס הייסט... איצט, וויבאַלד, אַז דו ביסט געקומען, ווייס איך נישט מער וואָס דיר צו זאָגן, וואָס דיר אָנצוגעטרויען. איבעריקנס, בלייב איך, ווייזט אויס, ביים לעבן אויך... ביים לעבן... איז שוין אַלץ מער נישט אַזוי וויכטיק.

— רעד, דבורהלע — האָב איך ווי אין עכאָ איבערגעחזרט דאָס פריערדיקע — איך הער זיך צו...

— משהלע !...

— וואָס, דבורהלע ? ווילסט עפּעס ?

— איך וויל, אַז דו זאָלסט מיך פאַרשטיין...

— אָבער איך פאַרשטיי דאָך דיך זייער גוט.

— געדענקסט ווי מיר פלעגן קינדוויז זיך שפּילן אין באַהעלטעניש, אין מאַן און ווייב פלעגן מיר זיך שפּילן, ווי אַלע קינדער...

— כ׳געדענק.

— דו ביסט געווען דער מאַן און איך דיין ווייבעלע.

— ווי דער מנהג איז, סיי ביי דערוואַקסענע און סיי ביי קינדער.

— ניין, נישט דאָס וויל איך דיר זאָגן. איינמאָל, געדענק איך, האָסטו זיך אָפּגעזאָגט צו שפּילן מיט מיר. דו האָסט געזאָגט, אַז די שפּיל פּאַסט נישט מער פאַר דיר. דו ביסט אַ גרויסער, ביסט אַ חדר־יינגל, האָסט גע־זען, אַז די שפּיל איז מער נישט פאַר דיר...

— אַ, ביסט פאַרקראָכן אַזוי וואַיט, דבורהלע... באַרואיק זיך איצט... אפשר דאַרפסטו נישט מער איצט רעדן אַזוי...

— עטלעכע נעכט האָב איך געהאַט גרויסע היץ, גריבלט מען זיך אין אַזאַ צושטאַנד. דערנאָך, ווען די היץ פאַרשווינדט, בלייבט איבער אַש פון די זכרונות.

— איך וואָלט וועלן דיר ווי אַמבעסטן עצהנען, ווייס איך אָבער נישט מיט וואָס...

— כ׳פאַרשטיי, כ׳פאַרשטיי... קיין עצות קענען מיר איצט נישט געבן... דאָס אַלץ פאַלט אויס פאַר מיר אַליין... אָבער איך דאַנק דיר, וואָס ביסט געקומען... וואָס מאַכט די מאַמע און דאָס קינד וואָס מאַכט ?

איך טראַכט, אַז אויך זי, פּונקט ווי איך, ביי דער באַגעגעניש מיט דע־ניזן, האָט דאָס קינד געשטעלט אויפן דריטן אָרט פון אירע דאגות. זי האָט דאָס אָבער געטאָן נאָר לפנים וועגן...

— איך האָב זיי נאָך נישט געזען. מיין ערשטער באַזוך איז געווען ביי דיר.

זי האָט מיר פאַר דאַנקבאַרקייט נאָך שטאַרקער געדריקט די האַנט. טרערן זיינען איר געשטאַנען אין די אויגן, האָבן זיך פאַמעלעך אַרונטער־געקייקלט אויף אירע באַקן. אַ פיינלעכע סצענע. אַ לענגערע צייט האָבן מיר ביידע געשוויגן. מיר איז זייער טרויעריק געווען. „אַ סך פיין איז פאַראַן — האָב איך געטראַכט אָפּגעריסן — פיין, טרויער, בענקשאַפט״...

—0—

פרוי דיוואַל האָט מיך אַריינגעכאַפּט אין אירע אָרעמס מיט אַ געוויין און מיט אַ געלעכטער, צו גלייכער צייט. וואָרום פרוי דיוואַל איז דאָך געווען... מיין מאַמע, מיין לייבלעכע מוטער, און גערופן האָט זי זיך אַצינד פרוי דיוואַל... צוליב דער היהשער, נאַצישער וועלט. אויך דבורהלע

האָט איצט געהייסן מאַדאַם דיוואַל, דאָס עופהלע אירס האָט געהייסן דיוואַל און אַלץ צוליב די זעלבע סיבות. מילא, אַ נאָמען ווי אַלע נעמען.

איך האָב דער מאַמען געלאָזט רואיק אויסוויינען זיך, מסתמא איז דערפון איר לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן.

און דערנאָך איז אַוועק אַ קאָן :

„מאַמע וואָס מאַכסטו״ ? — זונעלע מיינס, אַט ביסטו געקומען און ווער ווייס ווען איך וועל דיך ווידער זען״. — „זאָג מיר בעסער, מאַמע, ווי דו פילסט זיך אין געזונט... נאָר דבורהלע.. אַזאַ אומגליק, אַזאַ בראָך...״

„איצט איז שוין פאַרביי די געפאַר. דאַרפסט זיך מער נישט זאָרגן״.

— אויף וואָס, קינד מיינס, דאַרף מען פריער וויינען : אויף דבורהלעס קראַנק זיין צי אויף דעם, וואָס דו ביסט פלוצים פאַרפאַלן געוואָרן און איך באַקום קיין שום ידיעה נישט פון דיר ? צי גאָר אויף די שרעקלעכע בשורות, וואָס קומען אָן פון פוילן ? אויף וואָס פריער ? און ווו נעמט מען אַזויפיל טרערן ?

— מען האָט דאָך דיר די גאַנצע צייט — האָב איך געפרווט זיך פאַר־ענטפערן — מען האָט דאָך דיר כסדר איבערגעגעבן גרוסן פון מיר...

— מען ?... דיך אַליין האָב איך געגאַרט צו זען...

— ווייסטו דאָך, מאַמע, אַז ס'איז געפערלעך צו שרייבן מיט דער פאָסט.

— איך ווייס... אָבער אפשר וואָלסטו זיך אַ ביסל אויסגערוט פון דיין אַרבעט. זי מוז זיין אוודאי זייער געפערלעך, אַ ?

דעניז האָט מיך פאַרזיכערט, אַז די מאַמע ווייס נישט גענוי וואָס פאַראַ פונקציעס איך פיר אויס. אָבער לויט אירע ווערטער, שיינט מיר, אַז זי ווייס יאָ. דאָס האָט מיך אַ ביסל פאַרדראָסן. צו וואָס האָט זי עס איר באַדאַרפט דערציילן און איר פאַרשאַפן אַזויפיל שרעק און עגמת־נפש ? איך האָב דעריבער געוואָלט דערגיין, ווי וויט זי ווייס וועגן מיין טעטיקייט און האָב איר זייער פאַרזיכטיק גענומען אויספרעגן :

— עס איז גאָרנישט אַזוי געפערלעך דאָס, וואָס איך טו... דו ווייסט עס דאָך אוודאי...

— איך ווייס נישט און איך וויל נישט וויסן, מיין קינד, איך וויל גאָרנישט וויסן... דו טוסט דאָס, וואָס מען דאַרף. איך ווייס, אַז דו טרייבסט זיך נישט גלאַט אַרום... אַזעלכע צייטן, רבונו של עולם !... זע פונדעסט־וועגן, היט זיך, קינד מיינס...

אוודאי היט איך זיך... יעדער מענטש היט זיך.

סאָמער טרעפט עפעס, וועל איך עס נישט אויסהאַלטן... מער ווי

דיך האָב איך נישט... און דאַרפסט נישט פאַרגעסן, אַז דו ביסט אַ טאַטע פון אַזאַ ליב קינד... און דבורהלע... שאַנעווע זי... ווײ־געשריגן! חלילה, חלילה... ווי וואָלט איך נאָך געקענט לעבן אויף דער וועלט?...

און ווידער האָט זי זיך פונאַנדערגעוויינט מיט ביטערע טרערן. איך האָב געגומען זי באַרואיקן. איך האָב אַפילו גענומען זיך וויצלען, דער־ציילן מעשיות, נישט־געשטויגן, נישט־געפלויגן, אַבי איר נאָר אָוועקצונעמען פון אירע פינצטערע מחשבות.

איך האָב זיך געשפּילט מיט דבורהלעס קינד. די מאַמע האָט אָנגע־קוואָלן. אַ גאַנצן טאָג האָט זי מיר געהאַלטן אין איין דערציילן די חכמות פון דער קליינער, אירע גרויסע השגות, אירע אויפטועז. און איך בין אויף זיך אַליין אין כעס געוואָרן, פאַרוואָס איך אַנטדעק איר נישט קיין אויסערגעוויינלעכעס און וואָס איך קען זיך נישט אַזוי באַגייסטערן, ווי די מאַמע...

אינאָונט איז געקומען דעניז. זי איז געווען ביי דבורהלען אין קלי־ניק און האָט מיטגעבראַכט אַלע פּרטים פון דער בעסערונג.

דערנאָך האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און דעניז האָט מיר איבערגעגעבן פון אַלץ, וואָס איז אין משך פון דער צייט געשען אין קרייז פון אונדזערע געמיינזאַמע באַקאַנטשאַפטן. גאָרנישט קיין פריילעכס, פאַר־שטייט זיך. דער איז אין דראַנסי, יענער — אין קאַמפּיען, אין פּיטיוויע, אין באָן־לאַ־ראָלאַנד. פאַראַנען אַפילו אויך אייניקע דערשאָסענע, צעקאַ־ליעטשעטע... אַ סך זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן... אַ טרויעריקער צעטל, וואָס האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזן.

ס'איז געוואָרן שפּעטלעך. די פּאָליציי־שעה האָט זיך אונטערגערוקט. דעניז איז, אויף דער בקשה פון דער מאַמען, פאַרבליבן נעכטיקן. איך בין מיט דעניזן געבליבן זיצן ביים היימישן טיש. אין צווייטן צימערל איז געשלאָפן די מאַמע צוזאַמען מיט דבורהלעס מיידעלע. אַ וואַנט־זייגער האָט דאָ ערגעץ געקלאַפּט. מיר זיצן און שווייגן, יעדער איינער פאַרטאָן אין זיינע געדאַנקען.

אַ געמיטלעכע שטילקייט וויקלט אונדז אַרום און מיר ווערן אין אָט דער שטילקייט עפּעס נעענטער איינער צום אַנדערן.

— דעניז! — רוף איך זיך אָפּ.

— וואָס, מאָריס?

— מאָרגן וועל איך שוין מוזן צוריקגיין אין דער לאַבאָראַטאָריע.

— דו ווייסט נישט דאַרפן מאָרגן צוריקגיין אין דער לאַבאָראַטאָריע.

— איך האָב גענומען אורלויב אויף צוויי טעג, נישט מער. אגב, באַ־טראַכט איך דאָס גאָרנישט פאַר אַ שטראָף, ווי דו קענסט זיך אַליין פאַר־שטעלן. איך האָב, ווי דו ווייסט, אַליין זיך פאָרגעשלאָגן צו אָט דער אַר־בעט, מיט שמחה האָב איך אָנגענומען דעם דאָזיקן פּאָסטן. נאָר איינס פעלט מיר דאָרט...

— וואָס פעלט דיר דאָרט ?

— לאָמיר רעדן אָפן : דו פעלסט מיר דאָרט, דעניז, דו...

— ועסט מאָרגן נישט צוריקגיין אין דער לאַבאָראַטאָריע...

— וואָס הייסט, איך וועל נישט צוריקגיין ?

— וועסט אַרבעטן אין מיין גרופּע, אויב דו ווילסט.

— איך פאַרשטיי דיך וואָס אַמאָל ווייניקער...

— דו ווייסט דאָך, אַז מיר האָבן אין פּרינציפּ שוין געפּועלט דו זאָלסט אַנקומען אויף אַן אַנדער „שטעלע".

— יאָ, אָבער ביז היינט איז דאָך וועגן דעם קיין שום תשובה נישט געקומען.

— ס'איז שוין יאָ געקומען.

— מיר האָט מען עס נאָך נישט איבערגעגעבן.

— היינט־מאָרגן וואָלסטו עס שוין געוווסט אַן מיר אויך, ווען עס קומט נישט אונטער דבורהלעס קראַנקייט און דו קריגסט נישט סיי־ווי דיין אורלויב.

— דאָס שמעקט שוין כמעט מיט פאַרשווערונג, דאָס, וואָס איר האָט דאָ אָפּגעטאָן אָן מיין וויסן...

— אַ פאַרשווערונג מיט דער הסכמה פון דער באַוועגונג.

— אַ פאַרשווערונג קעגן מיין פּערזאָן, מיין איך.

— מיר האָבן דיך אָנגעפרעגט, צי דו ביסט געגוייגט אויף אַ געוויסער צייט צו פאַרלאָזן דיין לאַבאָראַטאָריע און קומען צו אונדז. דו האָסט, אויף וויפל מיין זכרון דינט מיר, מסכים געווען.

— עס שטימט נישט אינגאַנצן. איך האָב געענטפערט, אַז איך בין גרייט איבערצונעמען די אַרבעט, וואָס וועט נויטיק זיין. דאָס האָב איך געזאָגט.

— און די אַרבעט איז זייער אַ נייטיקע.

איך מוז זאָגן, אַז פון דעם אופן, ווי אַזוי דעניז האָט געפּועלט ביי די געהעריקע אינסטאַנצן איך זאָל „אויסגעבאָרגט" ווערן אויף אַ געוויסער צייט פון דער לאַבאָראַטאָריע און זאָל צוגעטיילט ווערן צו איר גרופּע, בין איך

נישט גאַר שטאַרק צופרידן געווען. זי האָט אַ היפּש ביסל איבערגעטריבן די וויכטיקייט פון מיין פּערזאָן, פאַרשטייט זיך. זי האָט איבערצייגט דעם פאַראַנטוואָרטלעכן פון איר גרופּע, אַז איך וועל באַזונדערס צונוץ קומען. און געפּועלט האָט ער, בערנאַרד, דער פאַראַנטוואָרטלעכער פון דער גרופּע — ער, נישט זי — איך זאָל צוגעטיילט ווערן צו זיין סעקטאָר. דאָס האָט אַ שטיקל טעם פון... שיעור־שיעור נישט אינטריגע. און דאָס טאַקע גע־פעלט מיר נישט אין דער גאַנצער מעשה.

— די מעשה איז אַזאַ : בערנאַרד...

— אָבער ווער איז דער בערנאַרד ? — לאָז איך איר נישט פאַרענדיקן.

— בערנאַרד זאָגט, אַז ער קען דיך גוט, פון פאַר דער מלחמה נאָך.

— דאַרף איך אים דאָך אויך קענען.

— געוויס קענסטו אים, נאָר נישט אונטער דעם נאָמען, ווייל אונטער זיין אמתן נאָמען עקזיסטירט ער נישט, ווי מיר אַלע, אייגנטלעך. אַחוץ דעם, האָט זיך מיר סתם געוואָלט מיר זאָלן אַרבעטן צוזאַמען אַ שטיקל צייט. איך האָב ליב מיט דיר צו שמועסן, דיר צו פאַרטרויען...

— אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס צו דעם ענין ?

— ס'האָט יאָ אַ שייכות, אַן ענגן שייכות, ווי דו וועסט באַלד זען.

— איך פאַרשטיי שוין, צוליב ריין־פּערזענלעכע ענינים האָסטו בער־נאַרדן צוגערעדט, ער זאָל מיך אַרויספאָדערן צו אייך.

— ס'איז נישט אינגאַנצן אַזוי.

דער וואַנט־זייגער האָט שוין מער נישט געקלאַפּט אַזוי רואיק, ווי פריער. זיין טיק־טאַק איז געווען ווי מיט אַ געבייזער.

— דעניז, דו האָסט זיך פאַר דער צייט גאָרנישט געביטן, ביסט גע־בליבן די אייגענע, וואָס אַמאָל.

— וואָס מיינסטו ? — האָט זי קאָקעטיש איבערגעפרעגט און שטיפע־ריש געבליצט מיט די אויגן.

— איך מיין פּראָסט־פּשוט : האָסט זיך נישט געביטן.

— פיזיש ?

— דו ווייסט אַליין, ווי איך מיין. אין כאַראַקטער, דער עיקר, האָסט זיך גאָרנישט געביטן. די זעלבע.

— וואָס פאַר אַ פעלער האָסטו שוין ווידער אַנטדעקט אין מיין כאַ־ראַקטער ?

—לאָמיר בעסער זאָגן — טעמפּעראַמענט — האָב איך זיך באַלד גע־פּרוווט צוריקציען.

— וואָס פאַר אַ ניי פאַרברעכן בין איך דען באַגאַנגען ?

— אַ פאַרברעכן ?... גאָרנישט, אייגנטלעך...

— אַזוי זשע רעד...

— אָבער אויסטערליש איז עס פּאָרט, וואָס דער פאַרלאַנג מיך צו זען, מיט מיר אַ שמועס צו טאָן פון צייט צו צייט, איז געווען איינער פון די הויפּט־מאָטיוון פון דיין האַנדלונג.

— איז דאָס אַזאַ חטא ? בפרט נאָך, אַז דער דאָזיקער פאַרלאַנג גייט בייזאַמען מיט רעאַלער באַדערפעניש. אונדזער גרופּע נויטיקט זיך אין דיר. וואָלסטו נישט געווען, וואָלט זיך בערנאַרד געמוזט אַרומזען וועגן אַ צווייטן. איך האָב נאָר אָנגעוויזן אויף דיר. דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב אָפּ־געטאָן.

— דעניז, פאַרשטיי מיך גוט, — האָב איך אָנגענומען אַ ווייכערן טאָן — איך וואָלט צופרידענער געווען, ווען דאָס קומט אַרויס נישט דורך דיין האַנט. דיין־פאַרלאַנג מיך צו זען אָפטער איז אפשר אין איינקלאַנג מיט מיין אייגנליבע, אָבער עפּעס איז דאָ פּאָרט נישט גלאַטיק... שיקסט מיר פּלוצים אַ צעטל איך זאָל פאַרלאַנגען אורלויב... ווי וועט עס אויס־זען פאַר אַנדערע ?

— צוליב דבורהלען — האָט זי זיך אויפגעריסן — איך האָב איר קראַנקייט נישט אויסגעטראַכט...

— כ׳ווייס, איך ווייס...

— נאָך גוט, אַז דו באַשולדיקסט מיך נישט אין דעם...

— אַזאַ נאַר בין איך נאָך נישט.

ביידע האָבן מיר זיך פאַנאַדערגעלאַכט, שטיל האָבן מיר געלאַכט, כדי נישט איבערצוּוועקן די שלאָפנדיקע אין אַנדערן צימערל.

און ווידער איז שטיל געוואָרן, ווידער הערן מיר זיך צו צום אָרום, צום זייגער, צו דער נאַכט און צו אונדזער אייגענעם אָטעם.

פּלוצלונג דערלאַנג איך אַ פרעג :

— ווייס דבורהלע וווּ איך פאַרברענג מיינע טעג און וואָס איך טו ?

— ניין, דוכט זיך, אַז דאָס האָב איך איר, אויף יעדן פאַל, נישט אויס־געזאָגט.

— און די מאַמע ווייסט דאָך אויך נישט ?

— ניין.

— זי ווייס נאָר, אַז איך שטיי מיט דיר אין פאַרבינדונג.

— ווער ?

— דבורהלע.

— יאָ, אָבער דערפון, זעט אויס, נעמט זי זיך נישט צופיל צום האַרצן.

— צו וואָס טויג דיר אַזאַ באַמערקונג?

— סתם אַזוי... דו האָסט דאָך געפרעגט.

— איך האָב דיר נאָר געפרעגט, צי זי ווייסט, וואָס איך טו.

— איך האָב דיר פאַרשפאָרט די צווייטע פראַגע.

— ווילסטו דערמיט זאָגן, אַז איר אַרט נישט, וואָס איך טרוי זיך גיכער אָן דיר ווי איר?

— זי האָט זיך פאַר מיר נאָך קיינמאָל נישט באַקלאָגט אויף דעם.

איך שווייג. איך מוז מודה זיין, אַז דאָס לעצטע האָט מיך אַ ביסל געטראָפן. אַ נייער וואָרעם נעמט זיך גראָבן אין מיין געמיט. איך מאַך זיך נישט ווויסנדיק, איך באַמי זיך דאָס נישט אַרויסצווייזן און זוך אַ פּאַסיק וואָרט, וואָס זאָל מיר העלפן אויסצוקערעווען זיך אומבאַמערקטערהייט צו אַן אַנדער טעמע.

דעניז איז אָבער פלינקער פון מיר. זי פאַרכאַפּט:

— דבורהלעס קראַנקייט האָט דיר נישט פאַרשאַפט קיין צו גרויסן עגמת־נפש?

— ווי קענסטו אַזוינס זאָגן, דעניז?

— זיי מיר מוחל, איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ נאַרישקייט.

— מער ווי אַ נאַרישקייט.

— ביסט גערעכט. אַ ספּעציפישער ווייבערישער אופן איז דאָס געווען אָנצומאַכן אַ שלעכט לעבן צווישן ווייב און מאַן, בפרט נאָך, אַז דער מאַן איז אַ חבר...

— אַבי דו ווייסט.

— איך ווייס, איך ווייס. איך קען זיך צו גוט און דאָך פאַרהיט עס מיך נישט פון ביליקע מאַנעוורעס. ס'איז זייער שווער, נאָך אַלעמען, זיך אַליין איבערצומאַכן...

— איך גלויב אָבער נישט, אַז דאָס נעמט זיך פון שלעכטקייט. דיין קאָקעטעריע, פאַר אַלעם... זי איז נישט ווייניק שולדיק אין דעם.

— אויך צו מיין קאָקעטעריע וועט זיך מסתמא אַמאָל געפינען אַ רפואה. איך וועל עלטער ווערן, געלאַסענער, מיושבדיקער... אויף יעדן פאַל, ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט אין דיין מאַמען, וואָלט איך דיר אויף אַן אַנדער אופן געווען אַרויסגעפירט פון דער לאַבאָראַטאָריע. איך וואָלט דיך מער נישט געשאַנעוועט...

— ביסט זייער דעליקאַט, דעניז! — האָב איך זיך אָפּגערופן מיט אַן איראָנישן ביי־טאָן.

— איך אויף דיין אָרט, וואָלט מסתמא געמאַכט די אייגענע איראָנישע באַמערקונג, וואָס דו.

— און איינזען האָסטו אויך...

— מיין אייגענע קראַנקייט וואָלט איך דיר געוויס אויך מיטגעטיילט אַנדערש.

— דעניז, נאָך וואָס טויגן דיר אָט די אַלע אָנצוהערענישן?

אונדזער שמועס איז אַוועק אין אַ זייט און האָט אָנגענומען אַ טאָן, וואָס פּאַסט נישט פאַר אונדזביידן.

— און אין דעם פאַל — האָט דעניז נישט געלאָזט זיך אָפּשלאָגן — וואָלט דאָס געווען אין הסכם מיטן פולן אמת. איך בין טאַקע אויף אַן אמת קראַנק געווען.

— וואָס איז דיר געשען?

— אַפּאַנדיסיט־קריזיסן. אַן אָפּעראַציע וואָלט מיך צוגעבונדן צום בעט אויף לאַנגע וואָכן, האָב איך אַלץ אָפּגעלייגט. מיר זיינען פאַרוואָרפן מיט אָפּעראַציעס פון אַן אַנדער מין... וויכטיקערע, בויטיקערע...

— די כללים פון דער קאָנספּיראַציע פאַרווערן מיר דיך צופיל אויס־צופרעגן.

— פאַר דיר איז עס נישט קיין סוד. דו וועסט דאָך איצט מיטאַרבעטן מיט אונדזער גרופּע.

— וואָס טוט אייער גרופּע?

— קאָנטער־שפּיאָנאַזש מיט... גאַלאַנטע מיטלען, ווי מען רופט עס אין געוויסע ראָמאַנען.

— רעדסט שוין ווידער מיט רעטענישן...

— אין אַלגעמיין איז דיר אונדזער טעטיקייט שוין באַקאַנט. אָט וועל איך דיר איבערגעבן אייניקע פּרטים. מיר זיינען אַ גרופּע פרויען, וואָס זוכן זיך צו שטעלן אין קאָנטאַקט מיט דייטשע אָפיצירן און מיט געשטאַפּאָ־לייט. אונדזער געווער — דאַרף איך דיר עס באַטאָנען? — איז אונ־דזער ווייבלעכער חן.

— וואָס? און ווייטער?

— ווייטער, באַמיען מיר זיך, עס זאָל נישט זיין קיין — ווייטער.

— זייער שיין פון אייער זייט.

— און טאָמער איז עס נישט צו פאַרמיידן...

האָבן מיר צוגעטראַכט אַ קעגן־מיטל... און דאָרט, ווו עס לאָזט זיך — אויך קעגן לעבן פון די אונדז אַרויפגעצוווּנגענע „ליבע־פּאַרטנערן"...

— זייער אַ געוואָגטע און זייער אַ טרויעריקע שליחות. אַן אויסער־געוויינלעכער מוט געהערט דערצו, דאָס מוז איך צוגעבן.

— יאָ, ביסט אפשר גערעכט. אָבער עמיץ דאַרף זי דאָך אויספירן. מאָריס, דו, וואָס קענסט אַזוי גוט דעם תנ"ך, דערמאָן זיך נאָר אין אסתרן און אין יהודיתן... איז עס נישט עפּעס ענלעכס ?...

— איך מאַך אייך נישט קיין פאָרוואורף. פרעגט זיך נאָר, וואָס פאַר אַ ראָל איר האָט ביי דער דאָזיקער אַרבעט צוגעטראַכט פאַר מיר ?

— שאַ, בייזער זיך נישט אַזוי, איידער דו ווייסט נאָך וואָס און ווען. הער פריער אויס וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

— טאָ זאָג שוין, וואָס אייגנטלעך, פאַרלאַנגט איר פון מיר ? צי מיר נישט אַרויס די עצמות, רעד.

— מיר דאַרפן דיך האָבן פאַר אַ מיטאַרבעטער פון גיפט און סם־אַר־טיקלען. איך האָב דאָך דיר שוין דערציילט... ווי אַזוי מיר ווילן זיך פאַרהיטן פון מענטשן און „ראַסן־שאַנדע"...

— וואָס נאָך פאַר אַ ראָל האָט איר פאַר מיר צוגעטראַכט ? איך בין נישט קיין טאָקסיקאָלאָג.

— דו גופא האָסט מיר דערציילט, אַז דו האָסט שוין געאַרבעט אַנומלטן אין אַ לאַבאָראַטאָריע אויף דעם געביט.

— איך בין דער עיקר אַן אינזשיניער־כעמיקער.

— כ'ווייס. אגב, וועסטו זיך דאַרפן נאָר פאַרנעמען מיט קאָנטראָלירן.

— אויף דעם דאַרפט איר אַ פאַכמאַן.

— האָבן מיר טאַקע אַן אַפּטייקער. איז אָבער די צרה, וואָס ער איז גראָד קראַנק געוואָרן, אונדזער פאַכמאַן. ער איז אין שפּיטאָל. מען האָט אונדז אַפילו צוגעזאָגט באַלד צו שטעלן אין אונדזער רשות אַ נייעם חבר, אַן אַפּטייקער. אייגנטלעך, וואָלטן מיר דערווייל געקענט אויסקומען אויך מיט די פאַרטיקע פּראָדוקטן, וואָס מיר פאַרמאָגן אַ היפּש ביסל, אָבער עס איז תמיד גוט צו האָבן עמיצן ביי דער האַנט, וואָס זאָל קענען ביישטיין מיט אַן עצה און מיט... סם...

— דעניז, דאָס אַלץ, וואָס דו זאָגסט — ס'איז ממש זיך נישט פאָרצו־שטעלן, דו אַליין זאָלסט עס נישט איינזען — איז סתם גערעדט. עפּעס קלעפּט זיך דאָ נישט די גאַנצע מעשה...

אַחוץ דיינע טאָקסיקאָלאָגישע קענטעניש, דאַרפן מיר דיך אויך האָבן...

ס׳איז אַ סעקטאָר, וואָס נויטיקט זיך שטאַרק אין מענטשן מיט דיינע פּעאי־קייטן, מיט דיינע שוין אַזויפיל מאָל אויסגעפּרובירטע פּעאיקייטן. דו קוקסט מיר עפּעס אָן מיט אומצוטרוי...

— מיר׳ן זען. — האָב איך סתם געלאָזן פאַלן און אין קאָפּ האָט זיך מיר אַ היפּש ביסל געמישט פון די מאָדנע איינפאַלן און פון די מאָדנע קאָמישע און אפשר טראַגי־קאָמישע סיטואַציעס, וועגן וועלכע מיר איז ביז איצט נישט אויסגעקומען צו קלערן. דעניזן האָב איך יעדנפאַלס אָנגעקוקט ווי צום סאַמע ערשטן מאָל — זי איז אויפסניי געוועזן פאַר מיר אומבאַקאַנט.

— איבעריקנס — האָט נאָך דעניז צולעצט צוגעגעבן — וועט דיר שוין בערנאַרד אַלץ דערקלערן, און בעסער ווי איך.

קאפיטל 14.

„פאַרוואָס ביסטו אַזאַ ?"

די מעשה מיט דער טאָקסיקאָלאָגיע איז מיר שוין באַלד לכתחילה פאַרגעקומען מאָדנע. איך האָב זיך אָבער געגעבן גערעכט נאָר אויף אַ העלפט. אַזאַ גרופּע האָט ווירקלעך עקזיסטירט. דעניז האָט נאָר אַ קליין ביסעלע איבער־געטריבן, וואָס שייך אירע פונקציעס. צו אַ מעשה אסתר, אָדער צו אַ מעשה יהודית, האָט קיינמאָל נישט געזאָלט קומען, אָדער איז זעלטן וואָס געקו־מען. אָבער אַפילו אין אַזאַ פאַל, איז די „אסתר" נישט געווען קיין מיטגליד פון דער גרופּע, נאָר אַ פרעמדע, אַזאַ, וועלכע האָט אויף איר אייגענעם חשבון, נאָך פאַר דער מלחמה, זיך פאַרנומען מיט אָט דער מלאכה...

איז מען צופרידן געווען, וואָס זי האָט נאָך דערצו געהאַט אַ פּאַטריאָ־טיש האַרץ און האָט מסכים געווען צו שפּילן אַזאַ ראָל.

די גרופּע האָט געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו „פאַרטשעפּען", ווי דאָס האָט געהייסן אויפן זשאַרגאָן־לשון (יעדע גרופּע, דאַרף מען וויסן, האָט פאַרמאָגט איר שפּראַך, אירע ווערטלעך, איר זשאַרגאָן, ווי דאָס טרעפט תמיד אין הערמעטיש־אָפּגעשלאָסענע, געהיימע סביבות), חברה־לייט פון דער געשטאַפּאָ, וועלכע האָבן געשפּילט אַ וועלכע נישט איז ראָל, מיט אַ שמייכעלע, מיט אַ קאָקעטישן דרייען זיך אויפן קנאַפּל, זיי צו פאַרשלעפּן אויף אַן אינטימען אָוונט־ברויט, צו אַ גלאָז וויין אין אַ קאַבאַרעט ערגעץ, און אַרויסקריגן פון זיי סודות. אויף גרויסע זאַכן איז נישט געווען צו האָפן. אָבער אויך קלייניקייטן זיינען צונוץ־געקומען. יעדע קלענסטע ידיעה פון דעם שונא האָט געהאַט אַ געוויכט און פאַרב. אַמאָל האָט גראָד אַ קליינער פּרט געהאָלפן אויפצודעקן אַ תליון, וועלכער איז געזוכט געוואָרן פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און האָט דערגענצט אַ קייט פון צונויפגעקליבענע פּרטים וועגן דער טעטיקייט פון דעם, אָדער יענעם באַנדיט.

יעדע פאַרבינדלערין האָט אַרומגעטראָגן מיט זיך סם־פּילן, וואָס זיינען געווען באַשטימט אויפן ערגסטן און לעצטן פאַל, ווען עס איז שוין קיין אַנדער ברירה נישט געווען. אָבער די סם־פּילן זיינען פאַבריצירט געוואָרן דורך אַן אַפּטייקער. זיי זיינען געוואָרן פאַרפּאַקט אין קעסטעלעך פון דער „באַיער"־פירמע, ווי כלומרשטע אַספּירין־טאַבלעטן.

איך האָב אין דער גרופּע נישט פאַרנומען זיך מיט טאָקסיקאָלאָגיע, נאָר מיט באַאַרבעטן די ערשטע ידיעות, וואָס אונדזערע פאַרבינדלערינס פלעגן ברענגען. דאָס איז געווען אַ מין פאַראַרבעט פון אַ מאַטעריאַל, וואָס פלעגט דערנאָך, דורך פאַרשידענע קאַנאַלן, גיין אין הויפּט־שטאַב פון פראַנצויזישן קאָנטער־שפּיאָנאַזש.

די פאַרבינדלערינס פלעגן דאָס רוב פון מיר גענומען ווערן אויף אַ פאַרהער. איך פלעג זיי טיילמאָל שטעלן די משונהדיקסטע פראַגעס, וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלן, ווי אַ שטייגער: צי האָבן זיי באַמערקט וויפל גאָלדענע ציין דער, אָדער יענער בעל־דבר האָט אויף זיין געביס? אָדער: צי האָבן זיי איבערגעציילט די בראָדאַווקעס אויף זיין צורה? ווי לאַכט ער? ווי ווייט גייט זיין קענטעניש אין פראַנצויזיש? און נאָך אַזעלכע, ווי עס קען זיך דוכטן, משונהדיקע פראַגעס.

טיילמאָל ווידער פלעגט בערנאַרד דורכפירן דעם פאַרהער. דאָס איז געווען אַ מייסטער־שטיק פון אַ פאַרהער. איך פלעג בייזיין ביי דער חקירה ודרישה און זיך גאַרנישט קענען אָפּוווּנדערן פון דער געשיקטקייט זיינער, פון דער גענויאיקייט פון די אויספירן, וועלכע ער פלעגט מאַכן. ער איז געבוירן געוואָרן, זעט אויס, צו זיין אַן אויספאָרשונג־ריכטער, אָט דער בערנאַרד.

מיט בערנאַרדן האָב איך זיך נאָך מיט אַכט יאָר צוריק באַקענט אין אַ קאַפע אין לאַטיינישן קוואַרטאַל.

ער איז געווען אַ דייטשער פּליט און האָט אין האַמבורג אַמאָל געשפּילט, נישט געקוקט אויף זיינע דעמאָלטיקע צוואַנציק יאָר, זייער אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. ווי נאָר דער בירגער־קריג אין שפּאַניע האָט זיך אָנגעהויבן, איז ער פּלוצים נעלם געוואָרן פון פּאַריז. ער האָט דערנאָך ערגעץ אָנגעשפּאַרט אין קאַרטאַגענאַ, ווו ער האָט באַוויזן צו אַרעסטירן דעם דייטשן קאָנסול פריקע. ער האָט דאָרטן פאַרכאַפּט דעם גאַנצן נאַצישן אַרכיוו און איז אַזוי אַרום דערגאַנגען צו אַלע ווינקעלעך פון דער שפּיאָנאַזש־נעץ, וואָס די היטלעריסטן האָבן אין שפּאַניע געהאַט פאַרלייגט. אין קאַרטאַגענאַ האָט ער אַ צייט לאַנג אויסגעפירט די פונק־

ציעס פון אַ פּאָליציי־פּרעפעקט. דערנאָך איז ער אַוועק אויפן פראָנט, איז פאַרוואונדעט געוואָרן. האָט זיך, אַ נאָכנישט אינגאַנצן אויסגעהיילטער, צו־ריק געריסן אויפן פראָנט און ער איז אויפסניי פאַרוואונדעט געוואָרן. אָבער פון שפּיטאָל נאָך האָט ער אַנגעפירט מיט געוויסע אָפּעראַציעס.

ביים אויסברוך פון דער מלחמה, איז ער געווען אינטערנירט אונטער אַ שפּאַנישן נאָמען, אין דעם ניי־געגרינדעטן לאַגער אין פראַנקרייך, נישט ווייט פון דער שפּאַנישער גרענעץ, אין גירס. ער איז פון דאָרטן אַנטלאָפן, און אונטער אַ צווייטן, פאַלשן נאָמען, האָט ער זיך געמאָלדן פרייוויליק פאַר אַ סאָלדאָט. בעתן דייטשן דורכברוך אויף אַלע פראָנטן, איז ער גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט, אָבער אויך פון די דייטשן האָט ער באַוויזן צו אַנטלויפן.

און איצט איז ער דאָ — תמיד אַ שמייכלענדיקער, אַ לייכטער, אַ פלינקער, ווי אַ טענצער. ער זעט אויס, ווי נישט אים מיינט מען עס, ווי ער וואָלט גאָרנישט געווען ער, נאָר אַן אַנדערער, — אַ בלאָנדער בחור מיט בלויע אויגן. ווי ער וואָלט מיט דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג געהאַט אַזויפיל שייכות, ווי אַ געשטאַפּאָ־מאַן — מיט מענטשלעכקייט.

בערנאַרד איז דאָס, וואָס רופט זיך אין דער ראַסיסטישער טערמינאָ־לאָגיע, אַ פּערטל־ייד. פונוואַנען אָבער נעמט זיך ביי אים אַזאַ בענק־שאַפט צו יידישקייט? געוויינטלעך לאָזט ער מיך צורו. אָבער פון צייט צו צייט נעמט ער אויך מיך אויף אַ פאַרהער מכוח דעם און יענעם, מכוח די און יענע דינים און מנהגים, ווי אַ ייד פירט זיך אויף אין אַזאַ פאַל, און ווי — אין אַן אַנדער פאַל. ווען עס האַנדלט זיך וועגן דינים, קען מען נאָך ווי נישט איז זיי געבן צו פאַרשטיין אַ מענטש, וועלכער ווייס לכתחילה נישט, אַזוי צו זאָגן, „מיט וואָס מען עסט עס". אָבער אַז עס קומט צו מנהגים, צום לעבנס־שטייגער — דאָ איז אַרויסגעוואָרפן די גאַנצע מי, מען דאַרף עס, זעט אויס, האָבן אַריינגעזאַפּט מיט דער מאַמע־מילך.

פאַרשטייט ער טאַקע נישט מיינע דערקלערונגען, קנייטשט דעם שטערן און זיפצט: „נישט פאַרשטאַנען"! איך עצה אים זיך אָפּצוזאָגן פון דעם לימוד, אָבער ער איז איינגעעקשנט, ער גיט זיך נישט נאָך. ער וויל פאַר־שטיין, ער וויל זיין אַ ייד, ווי איך און ווי אַלע אַנדערע פאַרשטענדיקע מענטשן. יאָ, ווו נאָר אַ פאַרשטענדיקער מענטש, איז ער אין זיינע אויגן אַ ייד — און טו אים עפּעס... אומזיסט זאָג איך אים, אַז ביי יידן, ווי ביי יעדן אַנדערן פאָלק, זיינען פאַראַן די און יענע: גוטע און שלעכטע, צדי־קים און רשעים; אָבער ער האַלט זיך ביי דאָס זייניקע.

ער האָט זיך אַזוי שטאַרק צוגעטשעפּעט צו יידישקייט, אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען פון זיין חברטע — און נאָר צוליב דעם, דערקלערט ער מיר, וואָס זי איז אַ בלאָנדע און האָט נישט קיין יידישן חן, וואָס ער האָט לכתחילה ביי איר געזוכט, ווען ער האָט זיך פאַרליבט אין איר, ווייל זי איז געווען אַ טאָכטער פון אַ רב און האָט זיך גערופן שולמית.

— אין שפּאַניע האָסטו דאָך אוודאי לייכטער געקענט געפינען שוואַרץ־חנוודיקע מיידלעך...

— געוויס. אָבער די שפּאַנישע מיידלעך רעדן נישט קיין יידיש.

— וואָס ?

— קיין איין שפּאַניש מיידל רעדט נישט קיין יידיש, מעג זי זיין ווי שוואַרץ און אויסזען, ווי אַן אמתע יידישע טאָכטער.

— ביסט אַ לץ, בערנאַרד.

— איך מיין עס גאַנץ ערנסט. דאַרפסט עס אָבער נישט נעמען ווערט־לעך. איך בין פאַרליבט אין יידיש. דאָס איז מיין שוואַכקייט פון תמיד אָן. איך ווייס נישט ווי אַזוי דיר עס צו דערקלערן. די יידישע שפּראַך פאַר־מאָגט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס איז נישט דערזאָגט, אָדער האַלב־דער־זאָגט, און ווו מען דאַרף זיך כסדר אָנשטויסן. זי איז אַ שפּראַך מיט פאַלדן, אין יעדן פאַלד שטעקן אוצרות, וואָס וואַרטן עמיץ זאָל זיי אַנטדעקן. יידיש איז זייער אַ דינאַמישע שפּראַך, זי איז ווי דאָס לעבן גופא : דינאַמיש, פילפּאַרביק און דער עיקר — בויגעוודיק. זי איז דאָס זינבילד פון אַ פרוי, ווי איך שטעל זי זיך פאָר, זי איז ווי דעניז, אַ שטייגער.

— דעניז איז אָבער אַ בלאָנדע...

— דאָס איז איר איינציקער חסרון.

— ביי איר איצטיקער אויפגאַבע איז דאָס אָבער אַ מעלה. זי זעט אויס ווי אַן עכטע „אַריערין", ווי אַ „נאָרדישע אַריערין".

— איך האָב נישט קיין מזל. גראָד איך דאַרף שטיין אין שפּיץ פון אַ גרופּע פרויען, וואָס זיינען טאַקע, אָדער וואָס זעען טאַקע אויס ווי „נאָר־דישע אַריערינס".

איך האָב זיך אַזוי אַרום דערוווּסט, אַז צווישן בערנאַרדן און דעניזן האָט זיך געשפּונען, אָדער שפּינט זיך נאָך ביז היינט, אַ שטיקל ראָמאַן. ווידער האָט זיך אין מיר אַריינגעכאַפּט דער וואָרעם פון אייפערזוכט. פרעגט זיך נאָר : נאָך וואָס האָט מיך דעניז געבראַכט אין דער גרופּע ? אָדער האָט אפשר בערנאַרד טאַקע זי „פאַרוואָרפן" צוליב איר בלאָנדקייט ? ווייל זי זיך, הייסט עס, נוקם זיין אין אים. איך בין דורך איר באַשטימט געוואָרן

אויפצוּוועקן זיין אייפערזוכט. ס׳איז נישט אומעגלעך, אַז איך ווער דאָ באַנוצט נישט מער ווי צו אַ מאַנעוור־אָביעקט. מיין כעס אויף איר וואַקסט.

איך קליג זיך אַהין און אַהער. מיר פאַלט פלוצים איין, אַז דעניז קען מיך האָבן גענומען צו איר גרופּע, כדי בערנאַרדן צו באַווייזן, אַז זי האָט שוין עמיצן, וועמען זי האָט ליב. איך בין אויף אַזאַ אופן איר שוץ־וואַנט.

איך אָבסערוויר בערנאַרדן, איך אָבסערוויר דעניזן, אָבער קיין שום פאַרדעכטיקס קען איך, נישט אין זיין האַלטונג און נישט אין איר האַל־טונג, נישט אַנטדעקן.

איין טאָג איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיך אויפסניי שטאַרק דערנענטערט צו דעניזן. און געווען איז עס אַלץ אין שייכות מיט דער לאַבאָראַטאָריע. דעניז האָט מיך באַצייטנס פון דאָרטן אַרויסגענומען, אַנישט וואָלט איך שוין איצט אוודאי נישט געווען צווישן די לעבעדיקע, ווי מיין טייערער חבר שלום; אָדער איך וואָלט פאַרבליבן אַ קאַליקע, ווי קאַמיל און גאַסטאַן.

אָט וואָס עס איז געשען : די לאַבאָראַטאָריע איז נעכטן געשפּרונגען אין דער לופט, מיטן מאַטעריאַל, מיט די מענטשן, וואָס זיינען דאָרט גע־ווען. איך האָב זיך עס דערוווּסט אַ שעה נאָכדעם. היינט זיינען שוין אַלע צייטונגען פול דערמיט.

וואָס די סיבה פון דעם אויפרייס איז געווען, ווייס איך נאָך דערווייל נישט. נאָר אַדאַנק דעניזן, בין איך, הייסט עס, ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט. איך בין איר אַפילו גרייט צוצושרייבן אָקולטישע פעאיקייטן. די סכנות, אין וועלכע זי לעבט נאָכאַנאַנד, האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אויף איר געזיכט. זי איז כסדר קאָנצענטרירט אין זיך. דער אָפּגלאַנץ אין אירע אויגן האָט עפּעס אין זיך פון שטאָל און גלייכצייטיק — אַזאַ פאַרחלומט־קייט. אַ בליק, וואָס קען, דוכט מיר, יעדן מאַן באַלד בינדן און פענטן.

יאָ, נישטאָ מער וואָס צו באַהאַלטן, איך האָב זי ליב, דעניזן, שטאַרק ליב.

זי אָבער הערט נישט אויף מיט מיר זיך צו רייצן, קוים באַמערקבאַר רייצט זי מיך. פון ספּאָנטאַנישקייט אין אונדזערע באַציאונגען קען קיין רייד נישט זיין. דאָס ערגערט מיך באַזונדערס.

זיך אויסטענהען מיט איר, וואָלט אָבער צו גאָרנישט נישט דער־פירט. וויפל מאָל פרעג איך זיך, צי זי טוט עס בכיוון, אָדער דאָס ליגט אין איר נאַטור ? איך האָב דערויף נישט קיין ענטפער. וואָרט איך דען אויף אַן ענטפער ? איך לאָז גיין, ווי עס גייט, איך נעם אויף אירע זיג־זאַג־

שטימונגען, איך נעם זיי אויף שטילערהייט אין זיך און באַמי זיך, זיי צו פאַרגעסן.

איך וווּנדער זיך טײַלמאָל פֿונוואַנען עס דערנעמט זיך ביי מיר נאָך דער אינטערעס צו קימערן זיך וועגן אַזעלכע ענינים, אָבער איך ווייס אויך, אַז זיי פאַרנעמען, אַזוי צו זאָגן, דעם אָפּפאַל פון מיין ענערגיע. נישטאָ קיין שום סכנה, איך זאָל צוליב זיי פאַרנאַכלעסיקן דאָס, וואָס איז אויף אַן אמת ווּיכטיק; דאָס, צוליב וועלכן מיר אַלע האָבן געשטעלט אונ־דזער לעבן אין קאָן. דעניז איז אינטים וויבקעלע מיינס, וואָס איך האָב געראַטעוועט אין מיין לעבן. אַ קליין טישל שטייט אין דעם ווינקעלע און אויף אים — אַ וואַזע מיט בלומען. טאָ ווּעמען אַרט עס ? וועמען קע־נען דען די בלומען ברענגען שאָדן ? קיינעם נישט.

— דעניז — זאָג איך איר — איך האָב פונדעסטוועגן דעם איינדרוק, אַז דו טרויסט מיר נישט אַן פול און גאַנץ, אַן באַוואָרעניש, אַזוי ווי, אַ שטייגער, אַ שוועסטער טרויט אַן אירן אַ ברודער, וועלכן זי האָט ליב.

— פון וואַנען נעמסטו עס ?

— איך נעם עס פון דיין בליק, וואָס באַגעגנט מיך טײַלמאָל אַזוי פאַר־שלייערט, גלייך ווי ער וואָלט געקומען פון אַ פאַרהויכטן שפיגל; איך נעם עס פון דיינע רייד, וועלכע שלענגלען זיך אָפּטמאָל אַזוי מאָדנע; פון דיינע געשפּאַנטע באַוועגונגען. איך נעם עס אפשר אויך פון מיין אייגענעם אומרו. דער אומרו באַפאַלט מיך אָבער תמיד, ווען איך געפין זיך מיט דיר. פאַר־שטיי מיך גוט : איך מיין נישט דעם אומרו, וועלכער באַפאַלט איטלעכן פון אונדז, דער נאַטירלעכער אומרו, וואָס טראָגט דעם שטעמפּל פון דער צייט. ניין, נאָר דאָס, וואָס באַפאַלט אַ מענטשן פּלוצים, אַן שום סיבה. אַן אומרו — מחוץ אַלע זייטיקע געשעענישן.

ס'איז אַלעמאָל אַ שפּאַנונג צווישן מענטשן, וועלכע האָבן זיך ליב און ציטערן פאַר זייער אייגענער ליבע. אַן שפּאַנונג קען קיין ליבע, דוכט זיך, גאָרנישט געמאָלט זיין.

אין דעם זעלבן אָוונט, ווען מיר האָבן אַזוי פילאָזאָפירט וועגן ליבע, איז עס פאָרגעקומען די קאַטאַסטראָפע אין דער לאַבאָראַטאָריע.

האָב איך זיך טאַקע געערגערט אויף זיך אַליין, וואָס עס קריכן מיר אין קאָפּ אַריין אַזעלכע רעיונות. איך האָב אָפּגעקירעוועט פון דער געוויינ־לעכער טעמע. איך האָב דעניזן אָנגעוּומען דערציילן וועגן שלומען, וועגן זיין קינדהייט. זי האָט אָבער, זעט אויס, נאָר האַלב אויסגעהערט. עפּעס האָט זי נישט פאַרשטאַנען אַלץ. איז דאָך דעניז כמעט אויסגעוואַקסן אין

פראַנקרייך, אין אַ סביבה, ווייט פון וועלדער און סאַזשלקעס פון קעל־בעלעך. זי איז אַ קינד פון דער גרויס־שטאָט, פון גאַסן, בולוואַרן, פון לאַטייניש קוואַרטאַל. קען זי עס טאַקע נישט פאַרשטיין.

— דיין שלום — רופט זי זיך אָפּ — האָט געהאַט קליינשטעטלדיקע השגות. אַפילו זיין ניכטערקייט, לויט ווי דו שילדערסט אים, איז אויך די ניכטערקייט פון אַ קליינשטעטלדיקן בעל־תכלית.

ביי דער באַמערקונג האָב איך זיך צעקאָכט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך דאַרף פאַרטיידיקן דעם כבוד פון אַ מענטש, וועלכן איך האָב אין דער לעצטער צייט שטאַרק ליב באַקומען; דעם כבוד פון מיינעם אַ לייב־לעכן ברודער:

— שלום — אַ בעל־תכלית ? — בין איך אויפגעשפרונגען פון אָרט — איך קען נישט נאָך איינעם צו אים — דו הערסט, דעניז ? — איך קען נישט נאָך איינעם צו אים, וואָס זאָל האָבן אַזוי געווען פריי פון מאַטעריעלע ענינים, ווי ער.

— איך מיין נישט תכלית — האָט זי זיך פאַרענטפערט — אין מאַ־טעריעלן זין, נאָר לויטן טעמפעראַמענט, אַ בעל־תכלית פאַר אַנדערע, נישט פאַר זיך.

— ביסט אומגערעכט, דעניז.

— קען זיין, איך בין אומגערעכט !

— נישט אומגערעכט לגבי אַ מענטש, וועלכן דו קענסט נישט. ווי קען מען זיך דערלויבן אורטיילן אַ מענטש, וועלכן מען קען נישט ?

— האָסט מיר גענוג דערציילט פון אים, איך זאָל אים אַ ביסעלע קענען.

— וואָס האָב איך דיר דען דערציילט ?

— האָסט וויפל מאָל געזאָגט און דערציילט און אַרויסגעשטעלט אים ווי אַ מאָדעל, ווי איינעם, וואָס האָט אַ פּראַקטישן קוק אויף אַלץ, ווי אַ מענטש מיט אַ ביז גאָר ניכטערנעם שכל, נישט געקוקט אויף די ראָמאַנ־טישע עקסקורסיעס, וועלכע ער פלעגט פון צייט צו צייט מאַכן אין זיין קינדהייט. איך חזר איבער דאָס, וואָס דו אַליין האָסט דערציילט וועגן אים.

— איך מעג ! ער איז געווען מיין חבר. איך וועל אויף אים קיין שלעכט וואָרט קיינמאָל נישט רעדן.

— האָב איך דען גערעדט שלעכטס ?

— ניין, דער טאָן דיינער...

— מיין טאָן איז געווען אַ זייער פריינטלעכער.

— דו פאַרגעסט, אַז ער איז אומגעקומען ווי אַ העלד.

— איך ווייס עס. איך האָב דעם גרעסטן דרך־ארץ פאַר אים.

— דעניז, פאַרוואָס ביסטו אַזאַ ?

— אַ וואָס פאַראַ בין איך ?

— איך ווייס נישט ווי דיר דאָס צו דערקלערן, נאָר תמיד זוכסטו מיט דיינע באַמערקונגען מיר ווייַ צו טאָן.

— דיר דאַכט זיך אַזוי אויס.

— די מעשה מיט דער קאַטאַסטראָפע, דער טויט שלומס האָט אויף מיר געמאַכט אַ שרעקלעכן רושם.

— איך פאַרשטיי.

— זיי מיר מוחל, דעניז, די געדאַנקען מיינע פליען. די צייט, אין וועלכער מיר לעבן, איז אַזוי אַנדערש, ווי פריער, אַז מען פאַרלירט אָפט די מאָס. עס כאַפּן זיך מיר אַמאָל אַרויס רייד, איבער וועלכע איך בין נישט דער באַלעבאָס.

— כ׳פאַרשטיי דיך.

— דעניז, זאָג, וואָס קלערסטו וועגן מיר ?

— איך האַלט דיך פאַר אַ גוטן חבר, אַ ליבן, גוטן חבר. דו ווייסט עס אַליין. פאַרוואָס פרעגסטו ?

— נאָר — פאַר אַ חבר ?

— פאַר אַ ליבן, גוטן חבר, האָב איך געזאָגט.

— בערנאַרדן האַלסטו אויך פאַר אַ ליבן, גוטן חבר ?

— איר שטייט ביידע אויף איין מדרגה.

— ער שטייט אויף אַ העכערער.

— מאָריס, איך האָב דיך פריער געקענט אַנדערש. ביסט געוואָרן אין דער לעצטער צייט שווער און קאָקעט, ווי אַ פרויענצימער.

— איך פאַרלויף דיר דעם וועג. פרעג איך דיר אויס, נעמסטו גאָר מיר שטעלן קשיות.

— איך האָב מער גרונט ווי דו. דו האָסט דאָך אַחוץ מיר, נאָך דבורהלען. און אפשר נאָך וועמען נישט איז... כ׳ווייס נישט...

— דו וואַרפסט מיר שטענדיק פאָר דבורהלען. דו ביסט דאָך די ערשטע געוועזן מיך צוצורעדן, איך זאָל מיט איר חתונה האָבן.

— דבורהלע איז אַ ווילע, אַ סימפּאַטישע און חנוודיקע פרוי.

— זי איז אָבער נישט מיין פרוי.

— דאָס איז נישט מיין שולד.

— איך בין נישט גאַנץ זיכער. דו האָסט זי צוזאַמענגעבראַכט מיט אַלבערטן, דו האָסט זי...

— וואָס נאָך ? וואָס ווילסטו זאָגן אפשר, אַז איך האָב זי אים אין די אָרעמס געוואָרפן ?

— איך האָב דאָס נישט געזאָגט. שרייב מיר נישט צו, כ׳בעט דיך, געדאַנקען, וואָס שטאַמען נישט פון מיר.

— אַלבערט האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַ מוטיקן קעמפער. ער איז, ווי דו ווייסט, אָנפירער פון דער דרייסטער גרופּע „ר. 3״.

— ביסט צו אים נאָך עד־היום נישט גלייכגילטיק.

— דעם אמת געזאָגט — ניין.

— הער איך כאָטש קלאָרע רייד.

— זיי זיך מודה, אַז דיר ווילט זיך עס הערן פון מיין מויל.

— ס׳איז דען נישט אמת ?

— הער אויף, מאָריס, הער אויף ! לאָמיר נישט פאַרדאַרבן די שטימונג. מאָרגן דערוואַרט מיך אָן אַ שיעור אַרבעט. לעש אויס דאָס ליכט. ס׳איז צייט צו שלאָפן.

דער שלאָף אָבער וויל אַזוי לייכט נישט קומען. טויזנטער בילדער און געשטאַלטן קומען מיר אויף. אַזוי זעט אויס אַלעמאָל אַרום מיר, ווען דער שלאָף וויל נישט קומען, ווען איך בין מיט דעניזן צוזאַמען און מיר רעדן און מיר נעמען זיך קעגנזייטיק אויף אַ פאַרהער. מיר פאַרפלאָנטערן זיך ביידע און מיר ווייסן נישט ווו איין און ווו אויס.

ק אַ פּ י ט ל 15.

16־טער יולי 1942

אין דעם אָונט איז דעניז געקומען צולויפן אַ פּאַרסאָפּעטע, אויסער זיך פאַר אויפרעגונג, אין אונדזער בוידעם־שטיבל פון אַ פינף־שטאָקיקן הויז.

— גיכער... מען זאָל לויפן אַלאַרמירן... זאָלן זיי וואָס שנעלער זיך ראַטעווען !...

— וועמען אַלאַרמירן ? ווער זאָל זיך ראַטעווען ?

— אַלע יידן, אַלע.

— וואָס רעדסטו, דעניז ? נאָר אָן פּאַניק ! דערצייל וואָס איז געשען ?

— פּאַניק, זאָגט איר ? עס גייט וועגן לעבן פון אַלע יידן. עס וועלן גענומען ווערן נישט נאָר מענער, נישט נאָר די איינגעוואַנדערטע, נאָר אויך אַלט־איינגעזעסענע, מענער, פרויען, קינדער, אַלטע לייט, געזונטע, צי קראַנקע. אַלע, אַלע וועלן דעפּאָרטירט ווערן.

— וואָס הייסט אַלע ? ווי איז עס מעגלעך ? און ווי האָסטו זיך עס דער־וווּסט ? פון וועמען ?

— לאָזט כ'בעט אייך, איבער אויף שפּעטער די פראַגן און אויספרע־גענישן. כ'וועל נאָכדעם אַלץ דערציילן. לאָמיר תיכף אָרגאַניזירן עפּעס, אַן אַלאַרם־אַפּאַראַט, מען זאָל גיין פון שטוב צו שטוב און וואָרענען די יידן, זיי זאָלן זיך שוין אָפּטראָגן פון זייערע הייזער און זאָלן זיך ראַטעווען יע־דער, ווו ער קען נאָר.

— דו גיסט זיך דען אָפּ אַ רעכענונג, דעניז, וואָס דאָס הייסט : אָנזאָגן צענדליקער טויזנטער מענטשן, פון היינט אויף מאָרגן, זיי זאָלן אַנטלויפן ?

— פאַרלירט נישט קיין צייט, אַנישט וועלן מיר אַליין זיין שולדיק אין דעם חורבן, וואָס גרייט זיך אויף איבערמאָרגן פאַר דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג...

ווי אַזוי די ווידערשטאַנד־גרופּעס אין פּאַריז האָבן באַוויזן אין איין

טאָג נישט נאָר צו אַלאַרמירן אַזוי פיל יידן, נאָר אויך אַ גרויסע צאָל פון זיי צו באַזאָרגן מיט פאַלשע פּאַפּירן און אַריבערפּעקלען זיי אין אַ מער־וויניק זיכער אָרט — איז נאָך עד־היום אַ רעטעניש.

ס'איז אמת, עס האָבן זיך איינגעפונען פּאָליציאַנטן און פּאָליציי־אינ־ספּעקטאָרן, וועלכע האָבן — ווער דורך אָנצוהערעניש און ווער מיט אָפענע וואָרנונגען צו זייערע באַקאַנטע יידן — באַצייטנס צוויסן געגעבן, אַז זיי פיגורירן אין די רשימות פון די קרבנות. אָבער קליין איז געווען די צאָל פון די „כאַפּערס", וואָס האָבן געהאַט דעם מוט דאָס צו טאָן.

איך בין באַלד געלאָפן צו די פאַרבינדלער, וועלכע איך האָב געקענט. זיי האָבן תיכף וועגן דעם מודיע געווען די פאַראַנטוואָרטלעכע אין די פאַרשידענע שטאָט־פערטלען; און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפעניש אי־בער די שטאָקן און איבער די יידישע הייזער: „ראַטעוועט זיך! ראַטעוועט זיך וואָס גיכער!".

נישט אַלע, צום באַדויערן, האָבן געפאָלגט, נישט אַלע האָבן געקענט פאָלגן. נישט אַלע האָבן געהערט דעם רוף, ווייל פאַר אַ סך האָט עס באַדייט: שפּרינגען אין וואַסער אַריין. נישט אַלעמען אויך האָט דער דאָ־זיקער רוף דערגרייכט. די קראַנקע זיינען געווען צוגעשמידט צו די בעטן, אַנדערע ווידער האָבן זיך נאַריש געפילט צוגעשמידט צום ביסל פאַרהאָ־רעוועטע באַלעבאַטישקייט, צום ביסל בעבעכעס, וואָס זיי האָבן בשום אופן נישט געוואָלט איבערלאָזן אויף הפקר; זיי זיינען אַזוי שטאַרק צעטומלט געוואָרן פון דער אומגעריכטער ידיעה, אַז הענט און פיס זיינען געליימט געוואָרן און זיי האָבן נישט געקענט צונויפנעמען איין געדאַנק מיטן צווייטן.

אין משך פון צוויי־דריי שעה האָט זיך פאַרשפּרייט דער אַלאַרם־רוף: „ראַטעוועט זיך וואָס גיכער!" נישטאָ קיין ווערטער איבערצוגעבן דאָס, וואָס איז זיך פאַרלאָפן דעם 16־טן און 17־טן יולי 1942. עס פעלן ווערטער.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן די ליכטער אין די פּאָליציי־קאָמיסאַריאַטן גע־ברענט. אָן אויפהער האָבן צירקולירט די שטאַפעטן פון דער פּאָליציי־פּרע־פעקטור. די טעלעפאָנישע אַפּאַראַטן האָבן נאָכאַנאַנד געקלונגען, דורכגע־שניטן דעם עטער מיט די לעצטע אינסטרוקציעס און אָנווייזונגען: קיינעם נישט שאַנעווען! אַרויסשלעפּן קראַנקע פון די בעטן, קינדער פון די וויגן! קיין שום טענות! אַלע די, וואָס פיגורירן אויף די ליסטעס, מוזן מיטגע־נומען ווערן. יעדער קאָמיסאַר איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אָפּעראַציעס פון זיין קוואַרטאַל, יעדער פּאָליציאַנט פאַר דער יידישער פאַמיליע, יעדער

פּאָליציי־אינספּעקטאָר — פאַרן הייזער־בלאָק, וואָס איז אין זיין רשות — להרוג ולאבד !

ניין, שלאָגן זאָל מען קיינעם נישט. שפּעטער... די פּאָליציסטן באַקומען נאָכאַמאָל די אָנווייזונגען : קיין שום רחמנות נישט ! זיי זיינען דאָס נישט ווערט ! איר פירט אויס די שליחות, וואָס די „נייע אָרדענונג” האָט אייך אָנגעטרויט...

אַזוי שרייען די ציטונג־קעפּ, דאָס זאָגט דער ראַדיאָ. דאָס איז געווען די שפּראַך פון די „לאַיאַלע מיטאַרבעטער”...

דער 16־טער יולי, די נאַכט פון 15־טן אויפן 16־טן אייגנטלעך, — דאָס איז דער טאָג פון אונדזער טרויער.

פּאַריז שלאָפט נאָך. אויף די גאַסן זעט מען כמעט קיין מענטשן נישט. אָבער צענדליקער אויטאָמאָבילן לויפן אָן פון אַלע עקן, הונדערטער אויטאָמאָבילן. די גאַסן זיינען אָפּגעשפּאַרט. אַ סיגנאַל — די אָפּעראַציעס האָבן זיך גלייכצייטיק אָנגעהויבן אין יעדן הויז.

די הויז־וועכטערין עפנט דעם טויער. אַ באַנדע פּאָליציאַנטן מיט טאַשן־לעמפּלעך רייסן זיך אַריין.

— מיר זיינען געקומען נאָך די יידן, אויפן צווייטן, אויפן דריטן, אויפן פערטן שטאָק !

— אַלע יידן ווילט איר אַרעסטירן ?

— נישט אַלע, נאָר די, וואָס זייערע נעמען געפינען זיך אויף די ליסטעס. אַ באַפעל !

די הויז־וועכטערין פּרווט אויסדינגען כאָטש איין און איינציקן ייד, אַ געליימטער, ער קען זיך פון אָרט נישט רירן, אַ שטילער מענטש, אַן איידעלער. מאַכט קיינמאָל נישט קיין סקאַנדאַלן, ער איז נישט ווי די אַנדערע שכנים.

— ליידער, מיר קענען גאָרנישט !

— איז ער אַ פאַרברעכער ?

— ער איז אַ ייד...

די הויז־וועכטערין זיפצט אָפּ. אַ שאָד דער ייד, כאָטש ער איז נישט קיין אַריער, ווי די צייטונגען ווייזן אָן, אָבער קיין קאַפּיטאַליסט — דאָס ווייס זי אויף זיכער — איז ער נישט, און טאָן אַ טובה, איז ער תמיד דער ערשטער, אַ סך מער אפשר ווי דער, אָדער יענער פראַנצויז.

זי גייט זיי נאָך אין קאָרידאָר, הערט ווי די פּאָליציאַנטן האַקן אויף די טיר. אָן רוגזה טוען זיי עס, קאַלט, געלאַסן. די יידן זיינען פון תמיד

אַן איינגעשטעלט קעגן דער אָרדענונג, קעגן דער אַלטער ווי קעגן דער נייער... דאָס האָבן זיי שוין געגנוג אָנגעהערט זיך... דאָס איז זייער נאַטור... דאַרף מען אויפברעכן די טירן, אויב זיי ווילן נישט עפענען מיט גוטן. אַזוי האָט מען זיי אָנגעזאָגט...

— ס'איז פונדעסטוועגן אַ מיאוסע אַרבעט, דאָס וואָס איר טוט — קען זי זיך נישט איינהאַלטן, די הויז־וועכטערין.

— יאָ — איז איינער פון זיי מסכים — שווערע צייטן... די ריכטיקע פראַנצויזן ליידן אויך...

— אָבער דער דאָזיקער ייד איז געווען אַ מוסטער פון אַ לאָקאַטאָר. רואיק, ניכטער. וואָס קען מען האָבן צו אים ? איבעריקנס, איז אַ שאָד אייער מי, ער איז געליימט, די פאַמיליע איז ערגעץ אַוועק...

— אַזוי ?

— איך וואָלט זיך שטאַרק געוווּנדערט, ווען איר וואָלט זיי דאָ איצט געפונען אויבן.

— מילא, איז נישט...

דערנאָך זעט זי, ווי די פּאָליציאַנטן טראָגן אַרונטער דעם האַלב־גע־ליימטן מענטש. ער קרעכצט :

— וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך דען געטאָן ? וווהין שלעפּט מען מיך ?...

— באַפעל !

איצט זעט זי עס אַלץ אויף דער וואָר, די הויז־וועכטערין, זי זעט די שמוציקע אַרבעט זייערע.

— מישט זיך נישט אַריין, מאַדאַם — בייזערט זיך אַ פּאָליציאַנט.

— אָבער די פרוי מיט די קינדער האָט איר פונדעסטוועגן נישט גע־פונען — טריומפירט זי.

— עס וווינען דאָ נאָך יידישע פאַמיליעס — שרייט דער קאָמיסאַר — פאַמיליע בענדער, קליינמאַן, די פאַמיליע...

ביי דער פאַמיליע בענדער האָבן זיי נאָר געפונען די פרוי און אירע צוויי עופהלעך. דער מאַן איז אייערנעכטן אַוועק פון שטוב. אַ פרוי מיט קינדער, האָט ער געטראַכט, וועט מען נישט טשעפּען. דריי־יעריקע שוועל־בעלעך, וואָס פאַראַ שלעכטס האָבן זיי געטאָן ?

די הויז־וועכטערין שטייט און וויינט. די פּנימער פון די פּאָליציסטן זיינען פון שטיין, ווי סטאַטועס שטייען זיי.

— וואָס קומט דאָ פאַר ? איז עס נישט אַמאָל אַ קאָשמאַר ?

די פרוי שרייט:

— ראַטעוועט, ראַטעוועט! מען פירט מיך מיט מיינע קינדער צום עשאַפאָט. און פאַרוואָס, פרעג איך?

— מאַמע, איך וויל שלאָפן — שרייען די קינדער — איך וויל נישט פאָרן...

און די פּאָליציסטן וואַרפן זיי אַלע צוזאַמען אין אויטאָמאָביל.

— שנעלער, נישטאָ קיין סך צייט צו פטרן...

דאָס טירל פון אויטאָ פאַרקלאַפּט זיך. אינעווייניק — געשרייען, איינער שטויסט זיך אויפן אַנדערן, מען קרעכצט, מען זיפצט.

— רבונו של עולם, וווהין פאַרשלעפּט מען אונדז?

און אָט עפנט זיך דאָס טירל — נאָך אַ יידישע פאַמיליע איז אַריינגעשליידערט געוואָרן. אַלע פינף. קיינער פון דער פאַמיליע פעלט נישט.

— אויב אומקומען — רופט זיך עמיץ אָפּ — טאָ זאָל מען כאָטש אומקומען צוזאַמען...

איין פרוי רייסט זיך די האָר פון קאָפּ, איר פאַרדריסט, פאַרוואָס זי האָט זיך נישט ווי געהעריק אַנטקעגנגעשטעלט. זי האָט זיי באַדאַרפט אויסדראַפּען די אויגן, און נישט לאָזן זיך נעמען! מיט אַ האַק זיי באַגעגענען. און וואָס פאַר אַ מאַמע איז זי דען? אַן אמתע מאַמע לאָזט נישט רירן אירע פּיטשינקע עופהלעך.

זי רייסט זיך מיטאַמאָל צום אויטאָ־טירל. צוויי פּאָליציסטן פאַרשטעלן איר דעם וועג. זי ווערט זיך. זי רייסט זיך פון זייערע הענט. זי פאַלט אין ספּאַזמעס. די קינדער האַלטן זיך אָן איר קלייד און פאַרגייען זיך פון געוויין. זי איז לסוף צוריקגעשליידערט געוואָרן אין ווינקל אַריין.

איבער צוואַנציק טויזנט יידן זיינען אין דעם טאָג פאַרשפּאַרט געוואָרן אין וועלאָדראָם ד׳היווער. מערסטנס פרויען, ווייל די מענער האָבן זיך באַצייטנס אָפּגעטראָגן. ס׳האָט זיך אַלץ נישט געגלויבט, אַז זיי זאָלן נעמען פרויען מיט פּיצלעך קינדער.

אין דעם טאָג בין איך געלאָפן צוזען, וואָס עס שפּילט זיך אָפּ אויפן בעלוויל, אין געדיכטסטן יידישן קוואַרטאַל. ווי אַ משוגענער בין איך געלאָפן. מיר האָבן שוין אָבער אָנגעטראָפן ליידיקע הייזער. פאַרזיגלטע טירן.

נישטאָ מער קיין יידן אויפן בעלוויל. אויך די פּישטראָנס זיינען מיטגענומען געוואָרן: דער מאַן, די פרוי, די פיר קינדער, איינס קלענער ווי דאָס אַנדערע. וואָס איך האָב זיך נישט צעבעטן ביי זיי, זיי זאָלן איבערלאָזן די מאַשינען, די סחורה און אַנטלויפן.

— ניין און ניין — האָט ער זיך איינגעשפּאַרט. — אים וועט גאָרנישט פּאַסירן. אויב אַפילו די קלאַנגען פון אַ ריזן־אַבלאַווע זאָלן זיך אַרויס־ווייזן פאַר אמת, אַפילו אויב זי איז טאַקע באַשטימט געוואָרן אויפן אַנדערן טאָג. וואָרום ער איז גוט באַקאַנט מיטן פּאָליציי־קאָמיסאַר. יענער האָט אים שוין נישט איינמאָל אַ טובה געטאָן נאָך פאַר דער מלחמה; און ער איז גאָרנישט אַזאַ רשע, ווי אַנדערע זאָגן. זיי ווייסן נישט ווי אומצוגיין זיך מיט אים. אַחוץ דעם, האָט ער אַ זון, אַ פרייוויליקער, וואָס געפינט זיך אין געפאַנגענשאַפט. דער קאָמיסאַר ווייס עס. ער האָט אויך די נויטיקע באַווייזן. ער ווייסט אויך, דער קאָמיסאַר, אַז ער, פישטראָן האָט זיך קיינמאָל אין פּאָליטיק נישט געמישט...

וואָס האָב איך געהאַט צו ענטפערן אויף דעם אַלעם ? איך האָב געהאַט אַ סך וואָס צו ענטפערן. מייַן צייט איז אויך געווען אַ שאָד. מען האָט געמוזט ווייטער לויפן.

אַנדערשווו האָב איך געהאַט מער גליק. די יידן האָבן זיך שוין אַליין, פון פריער, געהאַט פאַרשטעקט, אָפּגעטראָגן זיך.

יאָרנלאַנג זייַנען אַט די יידישע האָרעפּאַשניקעס געזעסן מיט שער און אייזן, אָפּגעפינצטערט טעג און נעכט, זיך נישט פאַרגונען דאָס ביסל שלאָף, גענייט און געפּרעסט, ביז זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו אַ שטיקל דירה, צו אַ ביסל חיונה און אַמאָל אויך צו אַן אָפּגעשפּאָרטן גראָשן. איז געקומען דער טייוול און האָט אַלץ חרוב געמאַכט. דאָס פּשוטע רעכט צום לעבן האָט מען ביי זיי צוגעגזלט.

איך בין געלאָפן צו יאָסל שוסטער פון רי ראַמפּאָנאָ. צופעליק האָט זיך די פאַמיליע געראַטעוועט, זי מיט די פינף קינדערלעך, וואָרום ער אַליין האָט זיך שוין פון לאַנג געהאַט געפונען אין אַ לאַגער. אַ ווילע קריסט־לעכע שכנה האָט זיי באַוויזן צו באַהאַלטן. איך האָב זיי באַזאָרגט מיט אַלעם נויטיקן, ביז די מהומה וועט אַריבער, זיי זאָלן דערנאָך קענען אַוועק „אויף יענער זייט". די קינדער וועט מען אַריינעמען אין אַ קינדער־היים און זי זאָל זיך באַזעצן ערגעץ אין אַ דאָרף, ווי אַ סך פּליטים.

מען האָט מיר דערציילט, אַז זי האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן די שטוב מיט די פאַר בעבעכעס אירע. זי האָט נישט געוואָלט אַוועקגיין.

איך בין געלאָפן... איך בין געלאָפן...

אויך דעניז איז געלאָפן צו אירע באַקאַנטע און גוטע פריינט.

דער אימפּעט האָט אונדז געטראָגן. נישט קיין הונגער, נישט קיין דורשט האָבן מיר געפילט. אַלע נערוון זייַנען געווען אָנגעשפּאַנט אויף

איין איינציקן רעגיסטער: וואָס מער יידן אַרויסרייסן פון די היטלערישע לאַפּעס. און כאָטש אין די גאַסן און געסלעך האָבן זיך אַרומגעדרייט געגוג פאַרדעכטיקע פאַרשוינען, איז אָבער קיינער פון די אונדזעריקע, די, וואָס זיינען געלאָפן אָנזאָגן, נישט דורכגעפאַלן. האָבן זיי דען נישט באַמערקט, אַז מיר זיינען יידן און אַז מיר טראָגן נישט דעם געלן מגן־דוד? זעט אויס, אַז די פּאָליציי האָט נישט געוואָלט צו שטאַרק אָנציען די סטרונע. די שטימונג פון דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג איז געווען אַזאַ, אַז דער פּאָליציי האָט זיך נישט געלוינט צו גיסן נאָך מער אייל אויפן פייער.

ווייל די אָבלאַוועס האָבן אַרויסגערופן בייז בלוט ביי דער „אַרי־שער" באַפעלקערונג, ביי די שכנים, ביי די הויז־וועכטער.

גענומען האָט מען דערווייל בלויז די, וואָס זייערע נעמען האָבן פּי־גורירט אויף די פאַרויס צוגעגרייטע רשימות.

אין וועלאָדראָם־ד'היווער פלעגן פאַר דער מלחמה פאַרקומען ריזיקע מיטינגען, פאַר אויסבעסערן די לעבנס־באַדינגונגען, פאַר גערעכטע לוינען, קעגן דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג.

איצט איז דער וועלאָדראָם־ד'היווער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זאַמל־לאַגער, וווּ עס זיינען אַריינגעשליידערט געוואָרן טויזנטער יידישע פרויען און קינדער, אין עלטער פון צוויי ביז פינף און פופציק יאָר. גאָרנישט איז געווען צוגעגרייט פאַר זיי; נישט קיין געלעגער, נישט קיין עסן, נישט קיין מעדיצינישע הילף. אַלע זיינען געלעגן אויף דער הוילער ערד און איין גרויסער יאָמער האָט זיך געטראָגן איבער אַלעמען.

איבער צוואַנציק טויזנט נפשות. די אָפּעראַציע איז געווען דורכגע־פירט ווי עס באַדאַרפט צו זיין. פונדעסטוועגן זיינען די דייטשן נאָך נישט געווען צופרידן. נישט גענוג. ס'האָט אויסגעזען, אַז די אָבלאַוועס הייבן זיך ערשט אָן. אָבער מיט וויניקער דערפאָלג. די דייטשן האָבן זיך שוין מער נישט אַזוי שטאַרק פאַרלאָזן אויף די פראַנצויזן. זיי האָבן גענומען די אָפּעראַציעס אין די אייגענע הענט אַריין.

קאַפּיטל 16.

דער אַרעסט פון דעניז

אַזוי לאַנג בין איך געווען באַלעבאָס איבער מיינע נערוון. נאָר אָט, שפּיר איך, רייסן זיי זיך אַרויס פון מיין רשות.

ס'איז נישט קיין וואונדער אויך, ווען איך נעם אין באַטראַכט די זעקס־זיבן פּאַרפאַלן אין משך פון דריי טעג.

קודם — דעניז.

איר האָט זיך געהאַט איינגעגעבן צו ווערן אַ סעקרעטאַרין אין אַ פירמע, וואָס איז געשטאַנען אין ענגע פאַרבינדונגען מיט דער געשטאַפּאָ, אויף אַוועני דע פאָש. אַזוי ווי זי קען גוט דייטש, איז זי געוואָרן די רעכטע האַנט פון דירעקטאָר און דורך אים האָט זי אַנגעקניפּט באַציאונ־גען מיטן שעף פון אַ וויכטיקן געשטאַפּאָ־אָפּטייל. אַנגעגאַנגען, פאַרשטייט זיך, איז זי ווי אַן אַריערין דורך און דורך, אַ טאָכטער פון אַן עלזאַסערין און אַ פראַנצויז.

ביסלעכווייז האָט זיך דער געשטאַפּאָ־שעף אין איר אַזוי שטאַרק פאַר־ליבט, אַז ער האָט איר אָנגעבאָטן חתונה צו האָבן, ווייל זי האָט זיך גע־האָט אָנגעגעבן פאַר אַ פריילן. (שוין לאַנג, אַז זי האָט איר קינד געהאַט אָפּגעגעבן אין אַ פאַמיליע, כדי נישט געשטערט צו זיין אין איר אַרבעט. אויך פון איר דירהלע האָט זי זיך געהאַט אַרויסגעקליבן, כדי אָפּצווווישן אַלע שפּורן פון איר אַמאָליק לעבן).

איר ראָל, מוז מען זאָגן, האָט זי געשפּילט און אויסגעפירט מיט דער העכסטער מאָס טאַקט און אינטעליגענץ. וואָלט זי מסכים געווען זיך צו פאַרבינדן מיטן „הערן דאָקטאָר" פון דער ס.ס. און גיין מיט אים צוזאַמען ווינען, וואָלט זי אַוודאי אויפגעטאָן וואונדער. זי האָט עס אָבער נישט גע־קענט פועלן ביי זיך.

נאָך אַלע ישוב־הדעתן, וואָס זי האָט געהאַט מיט די חברים און מיט

זיך גופא, האָט זי כסדר אָפּגעלייגט אָט דעם שריט פון טאָג אויף טאָג. זי האָט געשפּילט די „טוגענדהאַפטע" און האָט אים איינגערעדט, אַז זי איז שוין פון פריער פאַרקנסט מיט איינעם אַ פראַנצויזישן אָפיציר, וועלכער געפינט זיך אין געפאַנגענשאַפט, זי האָט אים טאַקע מער נישט ליב און איז אַנטשלאָסן איבערצורייסן מיט אים, זי וויל אים דאָס אַליין פערזענלעך זאָגן. עס איז נישט נאָבל, האָט זי געטענהט, יענעם אַזוי מיאוס אָפּצונאַרן, דערצו, ווען ער איז הינטער שטעכל־דראָטן.

ער האָט איר אַפילו אָנגעבאָטן צו לאָזן קומען איר חתן פון געפאַנגענ־שאַפט. דעמאָלט וועט זי האָבן די מעגלעכקייט אויסצופירן איר באַשלוס. זאָל זי אים נאָר זאָגן זיין נאָמען, אים איבערגעבן אין וועלכן „אָפלאַג" ער געפינט זיך, וועט ער שוין אַלץ דערליידיקן. צום ערשטן מאָל — האָט ער זיך געוווּנדערט — הערט ער פון אַ פראַנצויזיש מיידל מאַכן אַזאַ ווענז פון אַזעלכע סובטיליטעטן, וואָס שייך טריישאַפט.

דעניז האָט זיך אָבער אַרויסגעדרייט. זי קען נישט אויסזאָגן דעם נאָ־מען פון איר חתן, ווייל קענענדיק זיינע מיינונגען און זיין פּאַטריאָטישע איינשטעלונג, וועט ער, צוריקקומענדיק, אוודאי גלייך צושטיין צו דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. בפרט נאָך, ווען ער וועט זיך דערוויסן מיט וועמען זי חברט זיך. דאָס קען זיי ביידן אויף געוויס קאָסטן דאָס לעבן. ניין, זי קען דאָס ביי זיך נישט פּועלן. זאָל ער בעסער אונטערוואַרטן אַ שטיקל צייט, וועט זיי אפשר מער גאָרנישט שטיין אין וועג. איצט פאַר־בינדן זיך מיט אים — קען זי נישט.

ער איז לאַנג צוגעשטאַנען צו איר מיט ציטאַטן פון דייטשע פילאָ־זאָפן, מיט זיסע רייד און מיט אַלערליי מתנות, וועלכע זי האָט געמוזט אָנ־נעמען. אָבער זי האָט אַזוי לאַנג זיך געוועדט, ביז ער איז מיד געוואָרן און האָט גענומען קריגן אַ חשד אויף איר.

זי האָט באַמערקט, אַז ער נעמט זיך היטן מיט די רייד און מיט די פּאַפּירן זיינע. זי האָט זיך אַפילו געכאַפּט, אַז מען שפּירט זי נאָך.

איין טאָג האָבן מיר דריי — דעניז, בערנאַרד און איך — זיך גע־זאָלט טרעפן אין אַ קאַפע אויף אַוועני שאַנז עליזיי. געווען איז אָפּגעמאַכט, פון אַלעמאָל, אַז טאָמער זעען מיר זי טראָגן דעם האַנט־בייטל אויפן אָרעם, זאָלן מיר צו איר טישל נישט צוגיין. איך ווייס נישט, וואָס מיט דעם תמיד־פאָרזיכטיקן בערנאַרדן האָט זיך דעם טאָג געטאָן. זי האָט דעם בייטל אויפן אָרעם געטראָגן און ער איז צו איר פאָרט צוגעגאַנגען. איך

האָב אים געוואָלט אַ צי טאָן פאַרן אָרעם, אָבער ער איז שוין געזעסן לעבן איר. איך האָב נאָך באַוויזן באַצייטנס צו אַנטלויפן.

אין עטלעכע מינוט שפּעטער האָט מען אים אַרעסטירט. דעם אַנדערן טאָג, האָב איך זיך דערוווּסט, האָט מען אויך דעניזן אַרעסטירט. ווי-זיי געפינען זיך איצט, אין וועלכער פייניקונגס־קאַמער, בין איך נישט דער־גאַנגען. אויף יעדן פאַל, איז אונדזער גרופּע דערווייל אויפגעלייזט.

די צווייטע געשעעניש איז די:

אין דעם אייגענעם נאָכמיטאָג, ווען בערנאַרד איז אַרעסטירט געוואָרן, טאַקע גלייך דערנאָך, ווי איך האָב באַוויזן זיך אָפּצוטראָגן פון דער קאַפע, וווּ דער אַרעסט איז פאָרגעקומען, באַגעגן איך מיין שוועסטער־קינד אין ציווילע מלבושים. אין מעטראָ האָב איך אים געטראָפן. ער איז געזעסן אין אַ ווינקל וואַגאָן און כלומרשט געלייענט אַ צייטונג. איך האָב אים נישט גלייך באַמערקט. אַזוי ווי אויפן בענקל איז נאָך געראָד געווען אַ פרייער פּלאַץ, טו איך אַ זאָג: „פּאַרדאָן" און וויל זיך דאָרט אַנידער־זעצן. כאַפּט ער אַ בליק פון דער זייט אויף מיר און זאָגט שטיל:

— משהלע, דו ביסט עס דאָך...

— אַוודאי בין איך עס — און די אויגן שפּרינגען מיר שיעור נישט אַרויס פון די לעכער — אוודאי בין איך עס... און דו? ווי קומסטו אַהער?

— רעד שטילער, משהלע.

— וואָס זאָל איך רעדן, וואָס זאָל איך זאָגן?

— איך בין אויסער זיך פון איבעראַשונג.

— אַ נס פון אַ באַגעגעניש — זאָג איך — געראָד איצט, ווען איך ווייס נישט וווהין צו פאַרפאָרן. דו פאַלסט מיר אַראָפּ ווי פון הימל...

רופט ער זיך אָפּ:

— און איך, מיינסטו, ווייס יאָ וווהין צו פאַרפאָרן?

— וואָס הייסט?

— איך וועל דיר באַלד דערציילן, ווען מיר וועלן אָנקומען אויף אַן אָרט.

— וווּ איז דאָס אָרט?

— קלויב אויס אַ סטאַציע, וווּ דאָס האַרץ זאָגט דיר, דאָרט וועלן מיר אויסשטייגן, דו ביסט דאָך דאָ אַ גרינער איצט. אַ גרינעם העלפט דאָס מזל. נאָר אַרויסגיין וועלן מיר נישט צוזאַמען, ווייל איך האָב גענוג סיבות צו מיינען, אַז מען גייט מיר נאָך.

— אַזוי גאָר?

— יאָ, אָט אַזוי לעבן מיר דאָ. ווו געטאָגט, נישט גענעכטיקט, ווו גענעכטיקט, נישט געטאָגט.

— אַלץ בעסער ווי ביי אונדז.

— אין סטאַלאַג ?

— אין סטאַלאַג, ווען מען איז נאָך אַ ייד דערצו.

— האָסט דאָך, דוכט זיך, געדינט אונטער אַ פרעמדן נאָמען ?

— יאָ, דערנאָך בין איך באַגאַנגען אַ נאַרישקייט, געשריבן צו דער מאַמען.

— פאַרוואָס האָסטו עס געטאָן ?

— מען האָט דערקלערט ביי אונדז, אַז ס׳וועט נישט געמאַכט ווערן קיין אונטערשיד צווישן פראַנצויזישע סאָלדאַטן, אַלץ איינס, צו וואָס פאַר אַ ראַסע זיי זאָלן נישט געהערן. איך האָב דער מאַמען געמוזט געבן צו וויסן, אַז איך לעב. ווי האָב איך אַנדערש געקענט אַנגעבן, ווי מיין ריכ־טיקן נאָמען ? אַנדערש וואָלט זי קיין איין בריוו מיינעם נישט דערהאַלטן. אגב, זיינען די דאָקטוירים פון אונדזער סטאַלאַג געווען נישקשהדיקע אַנטי־סעמיטן. זיי האָבן די איבעריקע יידן אויך אַרויסגעגעבן.

— האָט איר טאַקע ספּעציעל געליטן ווי יידן ?

— קליינע שיקאַנעס, אָבער דו ווייסט — ס׳ווערט סוף כל סוף פאַר־מיאוסט דאָס לעבן. דאָ איז מען דאָך פאָרט אַ פרייער מענטש. ווי נישט ווי.

— דו טרייבסט חוזק.

— איך ווייס, איך ווייס. אָבער אַז מען איז אויף דער פריי, איז דאָס די פרייהייט. יאָ, ווו געפינט זיך איצט דיין מאַמע, און דבורהלע ווו איז ? איך האָב געהערט, אַז דו האָסט חתונה געהאַט. קומט דאָך דיר אַ מזל־טוב.

— ביז איצט האָבן זיי געוווינט אין אַ פּענסיאָן, אין אַ פאָרשטאָט. אָבער מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן זיי פון דאָרט געמוזט זיך אַרויסקלייבן. צופיל פאַרשטעלטע יידן האָבן זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן. איך האָב זיי אַלע דריי איינגעאָרדנט ביי באַזונדערע פאַמיליעס.

— אַלע דריי ? יאָ, איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז דו האָסט שוין אַ קינד, אַ מיידעלע.

—פון וואַנען ווייסטו ?

— וואָס הייסט, פון וואַנען ? די מאַמע האָט מיר געשריבן און דו, דוכט זיך, אויך.

— איך האָב עס דיר נישט געשריבן. איך דערמאָן זיך נישט. יאָ, דבורהלע האָט אַ קינד, עס גייט שוין אַרום.

— פאַרוואָס עפּעס זאָגסטו: דבורהלע האָט אַ קינד...
— עס רעדט זיך אַזוי.
— האָלסטו, אַז ס'איז געפּערלעך צו גיין זען, וואָס אין אונדזער דירה טוט זיך? — האָט ער פּלוצלונג זיך אויפגעריסן.
— איך מיין, אַז יאָ. אגב, איז אייער דירה פאַרזיגלט און דער הויז־וועכטער ביי אייך געפעלט מיר אויך נישט. דו געדענקסט דאָך די פּיש־טראָנס?
— וואָס איז מיט זיי?
— די גאַנצע פאַמיליע דעפּאָרטירט. ער האָט זיך פאַרלאָזן אויפן יושר פונעם פּאָליציי־קאָמיסאַר.
— פון אָט דעם שונא־ישראל?
— יאָ.
— פונוואַנען ווייסטו עס?
— איין טאָג פאַר דער גרויסער אַבלאַווע בין איך געווען ביי אים. כ'האָב אין אים אַריינגעטענהט. געבעטן זיך ביי אים, ער זאָל אַנטלויפן. ער האָט מיר נישט געגלויבט. ער האָט זיך פאַרלאָזן אויף די פאַרזיכערונגען פון זיין קאָמיסאַר, אַז אים וועט מען נישט טשעפּען.
— און דו האָסט געוווסט, אַז ס'וועט זיין אַן אַבלאַווע?
— יאָ.
— ערשט מיט דריי וואָכן צוריק?
— האָסט גאָרנישט געהערט דערפון?
— ווי אַזוי ווילסטו זאָל איך הערן? אין די סטאַלאַגן ווייסט מען גאָרנישט, וואָס עס קומט פאָר אין פראַנקרייך.
— און אַוועק פון דאָרטן ביסטו ווען?
— מיט צען טעג צוריק.
— ווי אַזוי?
— פרעג נישט, דאָס איז אַ לאַנגע געשיכטע. איך וועל דיר נאָך אַלץ דערציילן...
— און ווען ביסטו אַהערגעקומען?
— ערשט נעכטן.
— ווו האָסטו גענעכטיקט?
— ביי אַ חבר אין סט. קלו. האַנרי הייסט ער.
— וווהין ביסטו איצט געפאָרן?
— איך האָב געוואָלט פּרובירן אַ גיי טאָן אַהיים.

— צו וואָס פּאַראַ היים ?

— נו, דאָרט, ווו מיר האָבן געוווינט.

— וואָס דיר פאַלט איין. זאָלסט נישט גיין אַהין.

— איך קען זיך פונדעסטוועגן נישט אָפּוואונדערן פון דאָזיקן מאָדנעם צופאַל, וואָס איך האָב דיך געטראָפן. אָבער וואוהין גייט מען פאָרט ?

— עס וועט אונדז אויסקומען צו פאַרפאָרן צו מיין מאַמען.

— ווו וווינט זי ?

אין וואַרען.

— וועלן מיר דאַרפן נעמען דעם אויטאָבוס ?

— יאָ.

— און דאָרט וועט מען קענען בלייבן ? איך פריי זיך אַזוי שטאַרק צו זען דער מומען.

— איין נאַכט, העכסטנס צוויי נעכט, וועלן מיר דאָרט קענען זיין.

— און דערנאָך ?

— דערנאָך וועט מען דאַרפן זוכן אַן אַנדער מקום־מקלט.

— איך וויל וואָס גיכער זיך אַריבערקלייבן אין דער צווייטער זאָנע, קיין שעטיני.

— נישט קיין שלעכטער געדאַנק. איך האָב זיך געקליבן דיר צו געבן די זעלביקע עצה.

— די דעמאַרקאַציע־ליניע איז עפּעס שווער אַריבערצוגיין ?

— מען דאַרף זיך אַריבערגנבענען. פאַראַן פירערס. קודם אָבער דאַרף מען דיר פאַרשאַפן די נייטיקע פּאַפּירן.

— עפּעס האָב איך שוין.

— ווער האָט דיר געגעבן ?

— האַנרי.

— ער איז פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג ?

— ווי שטעלסטו זיך פאָר ?

— אַ דעמאָביליזאַציע־צייגעניש, אַ לעבנסמיטל־קאַרטע און אַן אידענטיטעט־קאַרטע.

— דאָס איז כמעט אַלץ, וואָס דו דאַרפסט.

— האַנרי האָט מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף נאָך האָבן אַ טעקסטיל־קאַרטע און אַן אַרבעט־צייגעניש.

— ווי אַלט ביסטו לויט דיינע איצטיקע פּאַפּירן ?

— דריי און דרייסיק.

— גוט, דאַרפסט קיין ·פאָלקס־ציילונג־באַשטעטיקונג נישט האָבן. די באַשטעטיקונג ווערט נאָר געפאָדערט פון מענער, וואָס זיינען נישט ייגגער פון צוואנציק און נישט עלטער ווי איין און דרייסיק. וועט ער דיר באַזאָרגן אויך מיט די איבעריקע פאַפירן ?

— איבערמאָרגן דאַרף איך זיי אָפּנעמען.

— וועלן מיר קענען פאָרן אין אַ פיר־פינף טעג אַרום צוזאַמען.

— דו פאָרסט אויך ?

— איך וועל אַריבערפירן די מאַמע אַהין. וואָרום דאָ איז אומזיכער.

— נאָר דיין מאַמען ?

— ניין, אויך דבורהלען מיטן קינד.

— און דו, ווו וועסטו בלייבן ?

— איך וועל זיין דאָרט, ווו מען וועט מיר הייסן זיין.

— ווער וועט עס דיר הייסן ?

— דו ווייסט, זע איך, גאָרנישט מיין טייערער... כ׳בין אַ זעלנער, אַ סאָלדאַט...

קאַפּיטל 17.

דורך דער דעמאַרקאַציע־ליניע

נאָך די יולי־אַבלאַוועס, איז אין אַ פּאַריזער פאָרשטאָט פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון די פאַראַנטוואָרטלעכע פון פאַרשידענע ווידערשטאַנד־גרופּעס און ווידערשטאַנד־רעסאָרטן.

אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ איז באַשלאָסן געוואָרן אַריבערצו־פּעקלען וואָס מער יידישע פרויען און יידישע קינדער אין דער „פרייער זאָנע". די אַלע האָבן נאָר געשטערט און זיינען געווען אַן איבעריקער באַ־לאַסט. צופיל ענערגיע איז אָפּגעגעבן געוואָרן זיך צו פאַרנעמען מיט זיי, צופיל געלט האָבן די אַקציעס איינגעשלונגען, צופיל מענטשן האָבן זיך געפּאָדערט.

ס'איז אָבער לייכט צו זאָגן : אַריבערפּעקלען... טויזנטער יידן באַהאַלטן זיך אויס אין פּאַריז און אין דער אומגעגנט — ווער אויף פאַלשע פּאַפּירן און ווער — בכלל אָן פּאַפּירן. אַלץ איז געווען קעגן זיי : דער געררויש פון אַ טיר, וואָס עפנט זיך ערגעץ, דער שלעכטער הומאָר פון אַ שכן, וועלכער ציטערט, אַז ער אַליין זאָל אַמאָל אומשולדיק נישט אַריינפאַלן. יעדער נאַרישער צופאַל האָט געקענט ווערן אַן אומגליק.

מען ווייס אָבער נישט ווו די יידן באַהאַלטן זיך אויס. ווו זיינען זיי ערגעץ פאַרשטעקט. האָט מען זיך געמוזט באַגנוגענען מיט די מיטלען, וואָס זיינען געשטאַנען אין אונדזער רשות. יעדער האָט געמוזט אויפשטעלן אַ רשימה פון זיינע באַקאַנטע מיט אָנגאַבעס פון דער באַהעלטעניש. פאַר־שטייט זיך, אַז די רשימות זיינען געווען שיפרירטע.

מען האָט אָבער נישט געוואַרט. ווי נאָר עס זיינען אויפגעקליבן גע־וואָרן אַ פּאָר פאַמיליעס, זיינען זיי אַריבערגעשיקט געוואָרן. ס'איז צוגע־גאַנגען נישט אַזוי לייכט. מען האָט מיט די „בלינדע פּאַסאַזשירן" גוט צו־

ערשט באַדאַרפט אײנשטודירן זײער ראָל. אָן אַ שיעור פאַרמולן, סיגנאַלן, סימנים.

ערשט מיט אַ יאָר שפּעטער זײנען באַקאַנט געוואָרן די אַנווײזונגען, וועלכע די פראַנצויזישע ווידערשטאַנד־נעץ „דעפּאַנס דע לאַ פראַנס" (פאַר־טײדיקונג פון פראַנקרײך) האָט אַרויסגעגעבן ווי זיך צו באַנוצן מיט פאַלשע דאָקומענטן.

אַלגעמײנע כללים :

1) דער, וואָס לעבט אויף פאַלשע פּאַפּירן, דאַרף ביז אין די מינדסטע אײנצלהײטן פאַרטרויט ווערן מיט זײן נײעם פיקטיוון איך, כדי ער זאָל זײן אימשטאַנד אויסצוהאַלטן מיט דערפאָלג יעדן פאַרהער.

עס איז בכן נויטיק, ער זאָל זיך דערוויסן אַלע פּרטים, וואָס האָבן אַ שײכות צו :

א) דעם אָרט, וווּ ער איז כלומרשט געבוירן געוואָרן.

ב) זײן איצטיקן וווין־אָרט.

ג) זײן באַרוף.

2) ער דאַרף גוט צעקנײטשן זײנע פאַלשע פּאַפּירן, זײ זאָלן אויס־זען אַלט, אָפּגעריבן, ווײל מען גיכער מײנען, אַז זײ זײנען נישט נאָכגעמאַכט.

3) אידענטיטעט־קאַרטע :

א) דער, וואָס לעבט אויף פאַלשע פּאַפּירן, דאַרף זײ שטענדיק טראָגן בײ זיך.

ב) זײ גיבן אים די מעגלעכקײט, אויב זײ זײנען גילטיק פאַרן יאָר 1943, אַריבערצוגײן די דעמאַרקאַציע־ליניע.

באַמערקונג : גילטיק פאַר דער דרום־זאָנע ווערט די קאַרטע ערשט נאָכדעם, ווען עס ווערט אַרויפגעדרוקט אויף איר דער שטעמפּל „ביסיער". די קאַרטע ווערט נאָר אויף די פּאַריזער וואָקזאַלן, נאָכן קויפן אַ באַן־בילעט, אויף דער דרום־זאָנע, געשטעמפּלט, אויך אין די יום־טוב־טעג.

ג) קאָנטראָל פון דאָקומענטן אין גאַס. — דאָס רוב איז די קאָנטראָל נישט זײער קײן גרינטלעכע. אַלע פּאַפּירן דאַרפן אין דעם פאַל שטימען.

פונדעסטוועגן קומט פאָר, אַז די פּאָליצײ פרעגט אָן דאָרט, וווּ דער פאַרהאַלטענער וווינט, לויט ווי ס'איז אָנגעגעבן אויף די פּאַפּירן. ער מוז דעריבער אויף דעם אמתן, אָדער פיקטיוון אַדרעס האָבן עמיצן, וואָס זאָל באַשטעטיקן זײנע אָנגאַבעס, טאָמער עס קומט דאָרט פאָר אַן אָנקעטע.

4) אַרבעט־באַשײניקונג.

א) אַן אַרבעט־באַשייניקונג ווערט געפאָדערט פון יעדן מאַן, אין על־טער פון 18 ביז 50 יאָר.

ב) דער אויסוואַל פון באַרוף. — אויסקלייבן (אין די פּאַפּירן) אַ באַרוף, וואָס איז אין הסכם מיט זיינע פעאיקייטן. אַ שוואַרץ־אַרבעטער, זאָל, אַ שטייגער, זיך נישט אַנגעבן פאַר אַ מעכאַניקער, אַ באַרוף, וואָס פאָדערט אַ היפּש ביסל צוגרייטונג און קענטענישן. ער דאַרף קענען, ווי ווייט מעג־לעך, די עווענטועלע פירמע, אָדער דעם וואַרשטאַט, וווּ ער אַרבעט כלומרשט.

5) פּאַלקס־ציילונג־באַשייניקונג.

א) אַ פאָלקס־ציילונג־באַשייניקונג ווערט געפאָדערט פון יעדן מאַן, פון 20 ביז פולע 31 יאָר.

6) דעמאָביליזאַציע־באַשייניקונג.

דער, וואָס לעבט אויף פאַלשע פּאַפּירן, דאַרף האָבן אין זינען, אַז נאָך זיין דעמאָביליזירונג, האָט ער געמאַכט צוויי קורצע נסיעות:

א) איינע אַהין, וווּ די זשאַנדאַרמעריע האָט אָפּגעשטעמפּלט זיין דעמאָ־ביליזאַציע־באַשייניקונג.

ב) אַ צווייטע — וווּ ער האָט געקראָגן די „פּערצעפּציע״־וויזע.

די דאָזיקע דירעקטיוון זיינען ערשט מיט איין יאָר שפּעטער אַרויסגע־געבן געוואָרן דורכן אַלגעמיינעם פראַנצויזישן ווידערשטאַנד־קאָמיטעט און האָבן דער עיקר געהאָט אין זינען די מאַסע „פרייוויליקע״ פראַנצויזישע אַר־בעטער, וועלכע זיינען רעגיסטרירט געוואָרן צו פאָרן אַרבעטן קיין דייטש־לאַנד.

מ׳האָט צוערשט אַליין באַדאַרפט צוטראַכטן כלערליי ענטפערן פאַר די יידן, וועלכע זיינען געוואָרן אויסגעשטאַט מיט „אַרישע״פּאַפּירן. אַ סך יידן האָבן נישט גוט געקאָנט די פראַנצויזישע שפּראַך און האָבן זיך שוין ביים ערשטן ענטפער, וואָס אַ זשאַנדאַר, אָדער אַ געהיים־אַגענט, האָט זיי געשטעלט, „פאַרשאָטן״. מער פּיפּיקע זיינען דורכגעפאַלן ביי דער צוויי־טער, אָדער דריטער פראַגע. די גאַר־באַהאַוונטע — די מענער — האָבן דעם „אַנאַטאָמישן״ עקזאַמען נישט אויסגעהאַלטן. מיט קינדער, ווידער, איז געווען די סכנה, אַז זיי וועלן זיך צעטומלען ביים קלענסטן פאַרהער און אַלצדינג אויסזאָגן.

איצט די נסיעה גופא. נישט לייכט איז געווען צו פאָרן פון דער אָקו־פּירטער אין דער „פרייער זאָנע״, אַפילו פאַר פראַנצויזן, „אַריער״, בפרט נאָך פאַר יידן.

פונדעסטוועגן האָט אַ שיינע פאַר טויזנט יידן זיך אַריבערגעפּעקלט קיין

ליאָן, קיין גרענאָבל, טולוז, מאַרסעי, ניצע. יעדן טאָג זיינען נייע גרופּעס יידן אַריבערגעגאַנגען די דעמאַרקאַציע־ליניע — אַ טייל אַדאַנק די באַמי־אונגען פון די יידישע ווידערשטאַנד־גרופּעס און אַ טייל — דורך „פּרי־וואַטע״ „פירער״ מכל המינים.

מענטשן האָבן זיי געצאָלט, די „פירער״, וויפל נאָר זיי האָבן געבעטן. געקענט האָט מען פאָרן ערשטע קלאַס, צווייטע אָדער גאָר דריטע. „קלאַס״ האָט נישט באַדייט פאָרן אין דער באַן, נאָר לויט דעם גראַד זיכערקייט ביים אַריבערפירן די גרענעץ.

ערשטע קלאַס האָט באַדייט: פאָרן אין אַ פאַרדעקטן לאַסט־אויטאָ ביז צו דער ליניע. דער שאָפער זאָל האָבן אַ באַשייניקונג, אַז ער אַרבעט פאַר דער „ווערמאַכט״. די פּאַסאַזשירן זאָלן זיין אויסגעשטאַט מיט באַ־שייניקונגען, וואָס דערלויבן זיי צו באַוועגן זיך אין ביידע זאָנעס. פונ־דעסטוועגן פלעגן אַפילו די פּריווילעגירטע פּאַסאַזשירן אַריבערגיין די גרע־נעץ, אין ס׳רוב פאַלן, נישט גאָר לעגאַל, דורך אומוועגן, גערטנער, פעלדער.

צווייטע קלאַס האָט באַדייט: פאָרן נישט מיט קיין לאַסט־אויטאָ, נאָר מיט דער באַן. און דווקא צווייטע קלאַס, כדי מען זאָל אויסזען עפּעס מער מענטש. אָנגעקומען ביי דער ליניע, אָנווייזן זיי: „אָט איז אַ וועג־געלע, אָט איז אַ שטעגעלע. גיט אַכטונג, ווען דער פּאָסטן וועט זיך אומ־דרייען, וועט איר זיך גיך אַריבערכאַפּן. אַ צען טריט — און איר געפינט זיך שוין אין „פרייען פראַנקרייך״. איי, דער פּאָסטן קען באַכשיסן. דאָס, זעט איר, איז שוין אַ מזל־זאַך... איינעם טרעפט יאָ די קויל, דעם צווייטן — נישט... געפינט איר זיך שוין אָבער אויף יענער זייט, טאָרן די דייטשן אויף אייך נישט שיסן. עס קומט פאָר, פאַרשטייט זיך, אַז זיי קוקן נישט אויף דעם און זיי שיסן יאָ. אָבער טאָרן, טאָרן זיי נישט, דאָס איז זיכער...

די דריטע קלאַס איז געווען — דער צופאַל אַליין. און דער צופאַל איז אַמאָל דער בעסטער וועג־ווייזער. על פּי צופאַל קען מען אויך אָנטרעפן אויף די פירער, וואָס געהערן צו דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און דורך זייערע הענט וואַרפן זיך אַדורך טאָג־טעגלעך הונדערטער אַנטלאָפענע פראַנצויזישע געפאַנגענע, וועלכע קלייבן זיך קיין שפּאַניע, כדי פון דאָרטן זיך צו דערשלאָגן צו די אַלירטע אַרמייען; פּאַרטיזאַנער, וואָס פאָרן אין שליחות פון דער באַוועגונג און מענטשן, וואָס ווערן געזוכט פון דער געשטאַפּאָ. דאָ קאָסט גאָרנישט דאָס אַריבערגעפירט ווערן.

די פּאַסאַזשירן פון די לעצטע צוויי קלאַסן זיינען אָבער, אַפילו אין דער „פרייער זאָנע״, נאָך אויך נישט פּטור. די זשאַנדאַרן ווייסן שוין פון

דער נייער „אינדוסטריע״ און די מערסטע, וועלכע פרייען זיך שוין, וואָס ס׳האָט זיך זיי איינגעגעבן, נאָך אַזויפיל מי און מאַטערניש און האַרץ־קלאַ־פעניש, אַריבערצוגנבֿענען זיך די דעמאַרקאַציע־ליניע, פאַלן אַריין אין זייערע הענט.

די, וואָס האָבן פאַלשע פאַפּירן (און וועלכער ייד פאַרט עס אויף זיינע דאָקומענטן ?), ווערן אַרעסטירט און געשטעלט פאַרן געריכט. עס ווערט זיי צוגעפּסקנט אַ געוויסע געלט־שטראָף און זיי קריגן צוגעוויזן אַ צוואַנג־ווויִן־אָרט, ערגעץ אין אַ שטעטל, אָדער אַ דאָרף. טאָמער געהערן זיי נאָך צו דער קאַטעגאָריע יידן־אויסלענדער, וואָס זיינען אַריינגעקומען אין פראַנקרייך אָנהויב מלחמה ווי פּליטים און זיינען נישט געווען קיין פריי־ווילליקע אין דער פראַנצויזישער אַרמיי — ווערן זיי אינטערנירט אין איינעם פון די לאַגערן, וואָס זיינען פון דער ווישי־רעגירונג אויפגעשטעלט גע־וואָרן פאַר מענטשן פון זייער גלייכן.

דערפאַר האָט זיך געלוינט צו זיין אַ „בלינדער פּאַסאַזשיר״ פון ערשטן קלאַס. זיי האָט מען נישט געטשעפּעט. אַזעלכע מענטשן האָבן אויך די נויטיקע סומע געלט צו באַוויזן, אַז זיי זיינען פאַרזאָרגט מיט חיונה און, אַז זיי וועלן נישט פאַלן קיינעם צו לאַסט, אָדער אַרבעטן און — „אַרויס־רייסן דעם פראַנצויז דעם לעצטן ביסן פון מויל״...

מיר — אַ גרופּע פון צען פּערזאָן — זיינען געפאָרן דריטע קלאַס. מיר האָבן געגאָסן פון גוטן צופאַל און אונדזער נסיעה איז אַדורך גלאַט, אָן שטערונגען.

מרדכי איז געפאָרן מיטן מאַשיניסט אין זיין ביידל. ער איז דאָרט פאַר־שוואַרצט געוואָרן פון רויך, אָבער דערפאַר האָט ער אַפילו נישט באַדאַרפט זיך מטריח זיין און אַרויסגיין פון וואַגאָן זיך לאָזן קאָנטראָלירן דורך די ס.ס.־לייט די פּאַפּירן.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער לעצטער באַן־סטאַנציע פאַר דער דעמאַרקאַציע־ליניע און אָנשטאָט דורכצוגיין דורכן בילעטן־ און דאָקומענטן־קאָנטראָל, ווי אַלע פּאַסאַזשירן, האָט אונדז דער וואָקזאַל־פאַרשטייער אַריינ־געקערעוועט צו זיך אין זיין ביוראָ. פון דאָרט זיינען מיר זיך פונאַנדערגע־גאַנגען אינציקווייז, אין אַ פּאָר מינוט אַרום, דורך דער דרויסנדיקער טיר און צונויפגעטראָפן זיך אין דער קאַפע, ווו חברים האָבן שוין געוואַרט.

איין טאָג זיינען מיר נאָך פאַרבליבן אין שטעטל און צומאָרגנס זיי־נען מיר אין אַן אויטאָ געפאָרן ביז צו דער דעמאַרקאַציע־ליניע. ווי אויף קאָמאַנדאָ, איז צוגעגאַנגען די אָפּעראַציע פון אַריבערגיין די ליניע. אַ חבר,

אַ פּראַנצויז, וואָס האָט געוווינט אין דעם דאָרף, האָט אַ פּופּציק טריט פון אונדז פאַרדרייט דעם דייטשן פּאָסטן דעם קאָפּ. ער האָט איינגעטענהט מיט אים אין אַ צעבראָכענעם פראַנצויזיש, אַז ער וויל, אויפן סמך פון זיין גרענעץ־קאַרטע, דווקא דאָ אויף דעם אָרט, אַריבערגיין אויף יענער זייט זאַנע און נישט בייםביידל, ווו עס געפינט זיך דער אָפיציעלער אַריבער־גאַנג. ער האָט אַריינגערעדט אין אים אַזוי לאַנג, ביז ער האָט זיך משער געווען, אַז מיר זיינען שוין געוויס אַריבער און אַזוי ווי ער האָט גאָרנישט געפועלט, איז ער זיך אַוועקגעגאַנגען.

אויף דער צווייטער זייט האָט שוין געוואַרט אויף אונדז אַ וואָגן. מיר האָבן געפרישטיקט ביי אַ פּויער און זיינען אַריינגעפאָרן קיין קלערמאָן־פערראַן. פון דאָרט האָבן מיר גענומען די באַן קיין שעטיני.

קאפיטל 18.

אַ שטעטל אין די פּירענייען

שעטיני איז אַ קליין שטעטל אין די פּירענייען. פון אַלע זייטן איז עס אַרומגערינגלט מיט די בערג. אַהין איז פאַרוואָרפן געוואָרן אַן עדה יידן מכל המינים: פּוילישע, רוסישע, אונגאַרישע, רומענישע און אַפילו עטלעכע פראַנצויזישע יידן, דער עיקר — עלזאַסער.

שוין איבער צוויי יאָר ווי זיי האָבן זיך דאָ אַרומגעוואַלגערט. קיין שום מעגלעכקייט צו אַרבעטן איז אין דעם פאַרוואָרפענעם עק, וואָס ליגט הינ־טער די הרי־חושך, נישט געווען. האָט מען ביסלעכווייז אַראָפּפאַרקויפט פון זיך, וואָס מען האָט נאָר פאַרמאָגט: פינגערלעך, שטיינדלעך, גאָלדענע זייגערלעך. די, וואָס ביי זיי האָבן זיך שוין לאַנג אויסגעשעפּט די זאַפּאַסן, האָבן געלעבט דערפון, וואָס יידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אַריינגעשיקט. לעבן דערפון האָט מען אוודאי נישט געקענט.

אָבער קיינער איז פון הונגער נישט געשטאָרבן. מען האָט געלעבט ווי נישט איז, אָבער פאַרט — ווי אַזוי? דאָס איז איינע פון די רעטע־נישן, וואָס וועלן שוין אוודאי קיינמאָל נישט פאַרענטפערט ווערן.

וואָס טראַכטן זיך אָט די מענטשן, וואָס זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייערע היימען און פאַרוואָרפן געוואָרן אַהער? גאָרנישט. די טעג גייען אַדורך אין פּוסטקייט און אין אומקלאָרע האָפענונגען. און געווען זיינען עס דאָס רוב בעלי־מלאכות, מענטשן, וואָס האָבן אַ גאַנץ לעבן גע־אַרבעט: שניידער, שטעפער, בייטל־מאַכער, שטריקער. זיי זיינען געוווינט געווען צו אַרבעטן און צו שוויצן און — צו „מאַכן אַ לעבן".

געוועזענע מענטשן.

אָט שמועסט מען, אַז אַלע יידן, וואָס זיינען אַריינגעקומען קיין פראַנק־רייך נאָך יענער מלחמה, וועט מען אינטערנירן אין אַ לאַגער און מען

וועט זיי אויסליפערן דעם דייטש. קיינעם וועט מען נישט שאַנעווען. וווהין אַנטלויפט מען ?

לייכט צו זאָגן : וווהין אַנטלויפט מען ? מיט אַ יאָר צוריק, ווען אַמעריקע האָט זיך נאָך נישט געשלאָגן, האָט דער, אָדער יענער נאָך גע־קענט האָפן, אַז ס׳וועט אים סוף כל סוף געלינגען צו דערשלאָגן זיך צו אַ וויזע קיין טאַהיטי, קיין כינע, קיין האָצע־פלאַץ... אויך דעמאָלט זיינען זייערע האָפענונגען נישט מקוים געוואָרן, בפרט היינט, ווען אַלע וועגן זיינען אָפּגעשפּאַרט, אַפילו די וועגן קיין שווייצאַריע און קיין שפּאַניע. פון ביידע נייטראַלע לענדער ווערן יידן צוריקגעשיקט, סיידן מען האָט מזל...

איז אַ שאָד דעם קאָפּ זיך צעברעכן. בעסער מאַכן נאָך אַ דערדל. מיטן איינקויפן, וועלן די ווייבער זיך פאַרנעמען, זיי האָבן צייט און אויף דעם זיינען זיי אויך גרעסערע בריות ווי די מענער.

אויך אויף לשון־הרע זיינען זיי גרויסע בריות ! פלאָטקעס מאַכן, פאַר־קאָכן אַ קאַשע, פון וועלכער מען קען וואָכלאַנג נישט אַרויסקריכן : דער האָט געזאָגט אויף יענעם... יענער, ווידער, האָט געזאָגט אויף דעם... דאָס איז אַ חזיריי, וואָס האָט נישט זיינס גלייכן אין דער גאָרער וועלט... אַזאַ אויסוווּרף פון אַ מויד... אַזאַ בראָך... דער איז געשלאָפן מיט יענער... די ווידער האָט אונטערגעפירט דעם מאַן פון איר בעסטער חברטע...

אַ קריגעריי, אַ געוואַלט, ס׳גאַנצע שטעטל איז זיך צוזאַמענגעלאָפן.

און די פראַנצויזן קוקן אָן די יידן און וווּנדערן זיך : וואָס זיינען עס פאַר אַ מענטשן ? פאַרוואָס זיצן זיי דאָ איבערהויפּט ? פאַרוואָס ווערן זיי גערודפט דורך די דייטשן און דורך דער ווישי־רעגירונג ? וואָס איז אַזוינס אַן אַריער ? פאַרוואָס זיינען יידן נישט קיין אַריער, וויבאַלד, אַז זיין אַן אַריער איז אַזאַ כבוד ? מען זאָגט, אַז יידן זיינען אָנגעשטאָפּט מיט געלט, טאָ פאַרוואָס קויפן זיי זיך נישט איין דעם אַריער־טיטל ? זאָל מען זיי נאָר נישט דערציילן קיין מעשיות, אַז אַן אַריער איז מען פון געבורט... היינטיקע צייטן קען מען זיך אַלץ איינקויפן פאַר געלט...

די נידעריקע הייזלעך וווּנדערן זיך, דאָס אַלטע קלויסטערל אינמיטן מאַרק וווּנדערט זיך : ווי קומען זיי אַלע אַהער ?

אַזוי האָב איך געפונען דאָס שטעטעלע שעטיני. נישט צו באַגרייפן בשום אופן, וואָס דאָ קומט פאָר. אַ מין לאַנגווייליקער כאַאָס. עס ציט צוריק קיין פּאַריז, אַפילו נאָך די סכנות און נאָכן רעש.

איך בין אויף זיך אַליין אין כעס צוליב די טשעקאַווע ראָמאַנטישע

גלוסטעניש, וואָס זיינען מיך באַפאַלן. איך האָב צו זיך אַליין טענות, וואָס סכנה איז געוואָרן אַ טייל פון מיר, פונקט ווי ביי דעניזן.

מיך ציט צוריק צו דעניזן.

דערווייל צערעד איך זיך גאָר האַרציק מיט דבורהלען. נאָך אַזאַ לאַנ־גער צייט, האָב איך זיך ווידער מיט איר האַרציק צעשמועסט, ווי איר קינד וואָלט אונדז נישט מער געשטאַנען אין וועג. און מאָדנע: וואָס האַר־ציקער מיר שמועסן, אַלץ מער טראַכט איך פון דעניזן. יאָ, זעט אויס, דבורהלע פאַרבייט דעניזן אין מיין פאַרשטעלונג. מיינע אויגן זיינען ווי איבערגעצויגן מיט אַ הייטל. איך באַמערק נישט, אַז די, וואָס קלעטערט צוזאַמען מיט מיר באַרג אַרויף, איז נישט דעניז, נאָר דבורהלע. נאָך מער: איך וויל גאָר דעם טעות נישט קאָריגירן.

— דבורהלע — רוף איך זיך אָפּ צו איר — דו זעסט דאָרט יענץ הייזל אין די בערג? דאָרט וואָלט איך געוואָלט זיך צוריקציען צוזאַמען מיט דיר, ווייט פון אַלץ און פון אַלעמען.

זי קוקט מיך אָן מיט ווייט־אויפגעריסענע אויגן.

— יאָ, מיר וואָלטן דאָרט געלעבט איינער פאַרן צווייטן און עס וואָלט אונדז, דוכט זיך, גאָרנישט געפעלט.

זי כאַפּט מיך אָן ביי דער האַנט, אָן אַ וואָרט אַרויסצוברענגען.

— איך זאָג — חזר איך איבער — אַז דאָרט וואָלטן מיר אפשר גליקלעך געווען — זון, הימל, ליבע.

זי נעמט נישט אַראָפּ די אויגן פון מיר.

— וואָס ווונדערסטו זיך, נאַרעלע — צי איך ווייטער דעם געדאַנק — האָבן מיר עס דען ביידע נישט פאַרדינט? זיינען מיר דען נישט נאָך מער ווי מאַן און פרוי? אינאיינעם זיך אויפגעהאָדעוועט, אַלעמאָל גע־טיילט זיך מיט אונדזערע איינדרוקן און געדאַנקען. פאַרוואָס זאָלן מיר זיין אַזוי אָפּגעפרעמדט איינער פון אַנדערן?

זי האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ. איך זע, ווי צוויי טרערן לויכטן אין אירע אויגן.

— וויין נישט, דבורהלע, לויט ווי מיר דוכט זיך, שטייט אונדז קיי־נער נישט אין וועג. און איך האָב דיך נאָך אַלץ ליב, ליבער ווי פריער.

זי דריקט מיר די האַנט, אָן איין וואָרט.

— מיר וועלן זיך אַרויסקלייבן — זאָג איך — אין דאָרף אַריין.

— פאָרסט נישט צוריק? בלייבסט שוין מיט אונדז? — פרעגט זי און איך זע אין אירע אויגן פרייד.

אַט די פראַגע אירע האָט מיך אומגעריכט אַריינגעשליידערט צוריק אין דער ווירקלעכקייט.

— וואָס הייסט, איך בלייב ? ווי קען איך דען בלייבן דאָ, דבורהלע ? ווי קען איך דען ? צי האָב איך דען דאָס רעכט דאָ צו פאַרבלייבן ? זיי־נען מיר שוין דען צוריק געוואָרן פרייע מענטשן, וואָס קענען באַשטימען אונדזער אייגענעם גורל ? זאָל איך ווערן אַ דעזערטער, אין דער צייט, ווען די שלאַכט ברענט ?

— האָסט דאָך אַליין געזאָגט ?

— יאָ, אָבער איבערמאָרגן מוז איך שוין צוריקפאָרן.

— קיין פאַריז ?

— איך וואַרט אויף אינסטרוקציעס. איך גלויב, אַז מען וועט מיך צוטיילן אין ליאָנער סעקטאָר.

און דעמאָלט האָט זי אויפסניי אומעטיק געשוויגן.

קאַפּיטל 19.

די פרוי אויפן בית-עולם

איך האָב זיך קיין איין רגע נישט אויפגעהאַלטן. גלייך פון וואָקזאַל בין איך אַוועק צום בית־עולם. איך האָב געזאָלט טרעפן דעם, וואָס האָט געזאָלט אויפשטעלן די פאַרבינדונג צווישן מיר און די חברים.

אַ קאַלטער טאָג געווען. דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט. אַ פייכ־טער ווינט האָט געבלאָזן אין רוקן. איך בין געשטאַנען און געוואַרט און דער ווינט האָט מיר געפייפט אין די אויערן. איך בין מיד געווען. אַ גאַנצע נאַכט אונטערוועגנס בין איך נישט געשלאָפן.

כ'בין געשטאַנען אונטער אַ בוים, ווי צוגעקלעפּט. דעם אומבאַקאַנטן האָב איך נאָך אַלץ נישט געזען. אפשר האָט ער נישט געקענט קומען, אפשר לויערט אויף אים אַ סכנה ? אַז יעדער טריט, איז דאָ אַ פּאַסטקע און יעדער סעקונדע — אַ שונא. דאָס קוקן נאָכאַנאַנד אויפן זייגער, פאַר־גרעסערט נאָך די אומגעדולד.

ס'איז מיר איינגעפאַלן, אַז צוליבן רעגן איז ער נישט געקומען, אָבער באַלד האָט דער רעגן אויפגעהערט. דער הימל האָט זיך צוריק אויסגעליי־טערט. וואָס טוט מען און וווהין גייט מען ? יענער וועט שוין מסתמא נישט קומען. זאָל איך זיך האָבן טועה געווען אין דעם טאָג ? ניין !

איך האָב זיך געלאָזן צוריקגיין, געדרייט זיך צווישן די אַלייען פון בית־עולם. אַ פּיצעלע האָפענונג האָב איך נאָך געהאַט. פאַר דער מלחמה אַז איך פלעג אַמאָל פאַרברענגען מיינע פעריען אין עפּעס אַ שטעטל, אָדער אין דרום־פראַנקרייך, פלעג איך זיך דאָרט אויך אַריינכאַפּן אויפן בית־עולם. איך האָב ליב געהאַט צו לייענען די אויפשריפטן אויף די מצבות. פאַראַן קברים, וואָס זיינען תמיד באַצירט מיט בלומען.

„כדאי געווען — טראַכט איך — זיך צו שלעפּן אַ גאַנצע נאַכט מיט דער באַן, אין שרעק, אין פחד, אַבי צו קענען איינאָטעמען אין זיך דעם

גאַנצן ים ריחות אויף עפּעס אַ בית־עלמין, וואָס זעט אויס ווי אַ בלומען־גאָרטן".

פון איין שטעג ביז צום צווייטן, ביז איך בין אָנגעקומען צום אַנדערן עק בית־עלמין, לענגאויס דעם פּלויט, איז די ערד געווען פריש צעגראָבן. אַ ריי בערגלעך זייַנען געווען אָנגעשטעקט מיט פרישע הילצערנע צלמים. זעקס פרישע קברים. אָבער נאָר פינף האָבן פאַרמאָגט צלמים. פון זעקסטן קבר האָט אַרויסגעשטאַרצט אַ דינער שטעקן מיט אַ ברעטל אויף אים... איך האָב זיך נאָענט צוגעבויגן...

איך האָב מיט אַמאָל באַמערקט אַ פרוי אויף יענער זייט פון פרישן בערגל ערד. ווי אַזוי האָב איך זי גלייך נישט באַמערקט ? זי איז געשטאַנען אַ ביסל אָפּגערוקט, איר פּנים האָב איך נישט געזען, ווייל זי האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַרונטערגעבויגן. זי האָט מיך, זעט אויס, אויך נישט באַמערקט און אפשר... ווען איך בין צוגעקומען נעענטער צו איר און אַ מורמל געטאָן מיין פּאַראָל, האָט איר פּנים נישט אויסגעדריקט קיין שום איבעראַשונג.

— זייער גוט ! — האָט זי געזאָגט און האָט מיר מיטגעטיילט דעם אַדרעס : 36, רי אַנאַטאָל פראַנס. אַן אַדרעס, וואָס איז לייכט צו פאַרגעדענקען.

נישט זאָגנדיק מער גאָרנישט, האָט זי לייכט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט זיך אויסגעדרייט צום אַרויסגאַנג. איך האָב שוין געהאַט גענוג דערפאַרונג צו וויסן, אַז נאָכגיין עמיצן, אויב מען האָט נאָר דעם אַדרעס וווהין צו גיין, דאַרף מען נישט. איך האָב בכן געפונען פאַר נויטיק צו בלייבן נאָך אַ פּאָר מינוט אויפן בית־עלמין.

מיין פריערדיקע נייגעריקייט האָט זיך ווידער אויפגעכאַפּט. איך האָב דערווייל גענומען באַטראַכטן דעם קבר פון אַלע זייטן. איך האָב גענומען דאָס בינטל בלומען, וואָס די פרוי האָט דאָ אָקאָרשט איבערגעלאָזן און האָב איינגעאָטעמט דעם צאַרטן אַראָמאַט פון ווייסע ליליען. און מאָדנע, מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך פאַרנעם נאָך אַלץ מיט אַלע חושים אַזאַ שטיל רוישן פון אַ זיידן קלייד.

איך האָב געוואַרט מיט פלאַטער וואָס שנעלער אָנצוקומען אויפן נייעם אַדרעס. אפשר וועל איך די פרוי דאָרט נאָכאַמאָל באַגעגענען ? איר טרויעריקער שמייכל פאַרטרויט מיר טויזנט סודות פון קאַמף און פון געפאַר, פון ליבע און נאָענטע אירע, וואָס זייַנען געפאַלן; און פון איינעם, גאָר אַ נאָענטן, אוודאי, וואָס איז געווען מער ווי אַ חבר.

מאָריס שטיינמאַן — אַזוי איז געווען דער נאָמען אויפן פשוטן ברעטל, אויפן קבר. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס קען איך אים שוין. אַרויסגייענדיק פון בית־עולם, האָב איך געמורמלט „מאָריס שטיינמאַן", ווי ער וואָלט געווען אַ פּאַראָל.

גאַס־איין, גאַס־אויס. די דירה האָט זיך געפונען אין צווייטן עק שטאָט. איך האָב זיך געוואָלט דערשלאָגן אַהין, איידער עס ווערט טונקל. אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער, האָב איך זיך געשלעפּט אַהין. דער רעגן האָט ווידער געגאָסן איבער מיר.

איך בין געשטאַנען פאַרן נומער 36 פון אַ הויז, דער נאָמען מאָריס שטיינמאַן אויף די ליפּן און האָב זיך געשלאָגן מיט דער דעה : יאָ קלינגען, אָדער נישט קלינגען ? איך האָב אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון מיין מאַנטל, ווייל דער רעגן האָט גענומען האַסטיקער שמייסן.

אַ שטיל, איינשטאָקיק הויז, פון פאָרנט עטלעכע ביימער, אַ גערטל. רעכטס און לינקס הייזער. איין מעלה האָב איך דאָ גלייך באַמערקט : די שכנים זיינען יעדער אָפּגעשלאָסן פאַר זיך און אויך קיין הויז־וועכטער האָב איך נישט באַמערקט אין דעם הויז. אין די אויגן פון אומלעגאַלע רופט אַלעמאָל דער הויז־וועכטער אַרויס חשד. ס׳וואָלט נאָך גוט געווען — איז מיר דורכגעפלויגן — צו האָבן אָט די שוואַרץ־געקליידעטע, שלאַנקע פרוי פאַר אַ באַלעבאָסטע.

אויסרעכענענדיק פאַר זיך די מעלות פון דעם הויז, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך האָב אַ דריק געטאָן דאָס קנעפּל פון דער טיר. איך האָב צוריק אַ צי געטאָן מיין האַנט. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. דער קלונג האָט צו האַסטיק אַ הילך געטאָן פון יענער זייט טיר. כמעט אין זעלבן מאָמענט האָט עפּעס אַ מענער־קול זיך גענומען שטאַרק בייזערן. איך האָב פאַרנומען דעם לייכטן גערויש פון טריט. און באַלד האָט זיך דער שליסל גענומען איבערדרייען אין שלאָס. די טיר האָט זיך געעפנט און דורכן טיר־שפּאַלט האָט זיך אַרויסגערוקט אַ שטרענג פּנים פון אַן עלטערער פרוי.

— צו וועמען דאַרפט איר ? — האָט זי געפרעגט.

איך האָב אָנגערופן דעם נאָמען, וועלכן מען דאַרף און האָב זיך שיעור־שיעור נישט אַרויסגעכאַפּט : מאָריס שטיינמאַן.

אַ פריינטלעכע מינע האָט אַ שפּאַציר געטאָן צווישן די קנייטשן פון דער אַלטערס פּנים.

— קומט אַריין, כ׳בעט אייך ! מען וואַרט אויף אייך...

איך האָב שוין געהאַט צוגעגרייט אַ פּאַרטיקן זאַץ, עטלעכע ווערטער וואָס צו זאָגן ביים אַריינקומען. עס האָט געזאָלט זיין די רייד דערפון, אַז עס איז גוט אין אַזאַ רעגנדיק וועטער, נאָך עטלעכע נעכט אָן שלאָף, זיך צו געפינען אונטער אַ דאַך. אָבער אַצינד האָב איך בשום אופן קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען.

— איך דאַנק אייך — האָב איך נאָר באַוויזן צו זאָגן.

ווי נאָר איך בין אַריבערגעטראָטן די שוועל, איז מיר באַפאַלן אַ גרויסע מידקייט, כאָטש נעם און וואַרף זיך אַנידער אויפן נאַקעטן דיל אין קאָרידאָר.

בין איך דעריבער געווען זייער צופרידן, וואָס די אַלטיטשקע האָט מיר תיכף אָנגעוויזן די טיר פון איינעם פון די צימערן.

— דאָ איז עס! איר קענט, אויב איר ווילט, גלייך גיין זיך אויסרוען.

——0——

אַ האַלבן מעת־לעת בין איך געשלאָפן אין פאַרטראַגנקייט, אָן חלומות.

ערשט ווען איך האָב אויפגעמאַכט די אויגן, האָט זיך מיר גענומען דוכטן, אַז איך טרויב. מיר חלומט זיך, אַז איך געפין זיך ערגעץ ביי חברים, וואָס איך קען זיך בשום אופן זייער נאָמען נישט דערמאָנען. ווי זשע בין איך פאָרט אַהער געקומען? האָב איך נישט באַדאַרפט נעמען דעם צוג און פאָרן אין אַ שליחות? ווי אַזוי האָב איך עס געקענט פאַרגעסן?

דאָס בעט, וווּ איך ליג, איז מיר גיכער פאַרגעקומען ווי אַ חלום — דאָס נאַכט־טישל, דער היימישער לאָמפּ מיטן געלן אַבאַזשור. און איך האָב זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. מיר האָט הנאה געטאָן, וואָס דער חלום איז — ווירקלעכקייט. אויפן טיש איז געלעגן וווּרשט, טאָמאַטן, ברויט און איך האָב זיך גענומען עסן מיט גרויס אַפּעטיט.

ערשט דערנאָך האָב איך זיך אַרומגעקוקט וווּ איך בין דאָ אין דער וועלט. מיין צימער איז געווען מעבלירט טיפּיש פראַנצויזיש־קליינבירגערלעך. אַ פאָטער־שטול, אָן אומגעלומפּערטער פאָטעל, האָט פאַרנומען אפשר אַ פערטל פון צימער. ער איז געווען איבערגעצויגן מיט קרעטאָן־שטאָף. צוויי געשטריקטע סערוועטקעס, איינע אויפן פאָטעל־געזעס און איינע אויפן אָנ־לען. אַ פאַרצייטישע לאָמפּ, מיט גלעזערנע, בלוי־ווייסע פרענדז, אַ לאָמפּ, וואָס שטאַמט נאָך אוודאי פון די צייטן, ווען מען פלעגט זיך באַנוצן מיט גאַז־באַלייכטונג. געווען איז דאָ אויך אָן אומפאַרמיידלעכע קאָמאָד, אָנגע־שטעלט מיט פאַרצעלאַנענע הינטעלעך און קעצעלעך. אויף די ווענט — לאַנדשאַפטן, בילדער, מאַסיווע, וואָגיקע רעפּראָדוקציעס פון נאַטוראַליס־

טישע מייסטער, אין שווערע באַגילדעטע ראַמען. און דאָך אַטעמט אין דעם צימער עפּעס אַזוינס, וואָס אינטריגירט, און דאָס טרייסט מיך.

עס איז קענטיק געווען באַלד אויפן ערשטן קוק, אַז דאָס צימער איז אַ געוויסע צייט געווען אומבאַוווינט. געניטע מענטשן, וואָס וווינען יאָרן־לאַנג אין פרעמדע צימערן, קענען כמעט תמיד, זיך אַריינקלייבנדיק אין אַ נייער דירה, טרעפן מער־ווייניקער ווי לאַנג קיינער האָט דאָרטן נישט גע־וווינט. וואָס לענגער עס איז נישט באַוווינט, אַלץ שטאַרקער איז דער אויסזען פון פאַרלאָזנקייט, עלנט, קען מען אַפילו זאָגן. אין אַזעלכע צי־מערן שוועבט אַן אומעט, וואָס פאַרדריקט ביים האַרצן.

אַזאַ מין איינדרוק האָב איך לכתחילה געהאַט. איך האָב גענומען נע־ענטער זיך צוקוקן. אונטערן גלאָז־גלאָק איז געלעגן אַ שטיקל נישט־דער־רויכערטער פּאַפּיראָס. אין אַ ווינקעלע — אַ צאָן־בערשטל, אַ שוך־לעפל און אַ פאַרוועלקטע רויז. אויפן שרייב־טישל איז געשטאַנען אַ ליידיקע בלומען־וואַזע, איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרץ טיכל פון פלאָר־שטאָף, וואָס ווערט באַנוצט פאַר טרויער־שלייערס. אויף דער וואַנט איבערן שרייב־טישל — אַ קאַלענדאַר, וואָס האָט זיך, אַזוי צו זאָגן, אָפּגעשטעלט מיט עטלעכע חדשים פריער. דער 16־טער איז עס געווען, פרייטיק.

ביי דער ביכער־שראַנק בין איך לאַנג שטיין געבליבן, נאָך מער איינ־טריגירט ווי פון די איבעריקע חפצים, וואָס אַלע האָבן זיי דאָך עדות געזאָגט פון אַן איבערגעריסן לעבן, פון אַ מענטש, וואָס האָט אין דער שנעל געמוזט פאַרלאָזן זיין וווינונג און איז אוודאי פאַרשלעפּט געוואָרן ווער ווייסט ווו. אָנגעשפּאַרט אין אַ ריי ביכער, איז איינס געשטאַנען צע־עפנט. ס׳האָט אויסגעזען גלייך, ווי עס וואָלט זיך געקליבן אַוועקצופליען, נאָר דאָס גלעזערנע טירל פון דער ביכער־שראַנק האָט עס צוריקגעהאַלטן.

קאַפּיטל 20.

אין אַ שטיל הויז

דעם אַנדערן טאָג בין איך שוין גרייט געווען איבערצוגעבן זיך מיין שליחות אין אָט דעם נייעם עטאַפּ, ווו איך בין צוגעטיילט געוואָרן. אַלע מיינע חושים האָבן אויפסניי גענומען לויערן אויפן שונא, אויסצושפּירן דאָס אָרט, פונוואַנען עס וועט זיך לאָזן אים אָנגרייפן, נישט פאַרגעסנדיק, אַז מען דאַרף אַלעמאָל פאַרויסזען אַ וועגעלע, עפּעס אַ שטעגעלע, דורך וועלכן מען זאָל קענען בשעת אַ סכנה, אַנטלויפן. ראַטעווען זיך און די סודות, וואָס יעדער פון אונדז האָט געטראָגן מיט זיך.

די קאָמאַנדע פון דער אונטערערדישער טעטיקייט איז אַ לאַקאָנישע, עס ווערט נישט פיל גערעדט. מען דאַרף זיך פאַרשטיין אויפן ווונק. עס איז מער אַ העראָגליפן־שפּראַך, ווי אַ נאָרמאַל לשון. קאַרג אין ווערטער, ווי זי איז, פאָדערט זי פון אַלע, וואָס באַנוצן זיך מיט איר, אַ שאַרפן גע־הער, אויסגעשליפן אויפן שלייף־שטיין פון דער טויט־סכנה, וואָס לויערט אייביק.

אגב, איז טאַקע אויך קיין צייט נישט געווען צו שמועסן. עטלעכע סעקונדעס איז אַ וואָגשאָל, וואָס אויף איר ווערט געוויגן דער גורל פון אַ מענטשלעך לעבן, און אָפטמאָל אויך דער גורל פון משפּחות. שוין אָפּ־גערעדט דערפון, וואָס דאָס פלוידערן פּאַסט זיך כלל נישט פאַר שטרענגע, אַסקעטיש־פאַרביסענע ליפּן.

דעריבער טאַקע האָב איך לאַנג אויספרעגן וועגן מיינע נייע באַלעבאַטים, און דער עיקר, וועגן דעם געוועזענעם באַוווינער פון דעם צימער, נישט געקענט.

אויף אומוועגן, און מער דורך אַנצוהערענישן, האָב איך זיך דער־וווסט, אַז מיין גאַסט־געבערין איז מיט עטלעכע חדשים צוריק געווען אַק־טיוו טעטיק אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און אַז איצט — הן צוליב

קאָנספּיראַטיווע און הן צוליב פּערזענלעכע מאָטיוון — האָט זי זיך געמוזט אַ ביסל צוריקציען פון דער אַרבעט. מען קען צו איר האָבן דעם פולן צוטרוי, אָבער געזונטער איז קיין גרויסע שמועסן מכוח דער אַרבעט, אַפילו מיט די מיטגלידער פון קעמערל נישט צו פירן... געוויס איז דאָס זיכערער! דאָס האָב איך אַליין פאַרשטאַנען.

וואָס שייך איר מאַן — אַט פאַר אים, איז מיר געזאָגט געוואָרן, פאַר אים דאַרף מען זיך יאָ היטן! קיין חשד אויף אים איז נישטאָ, ניין, אָבער ס'איז בעסער זיך צו האַלטן פונדערווייטנס פון אים.

איך ווייס נישט פאַרוואָס איך בין עפּעס ווי אַנטוישט געווען אין דער שיינער, יונגער פרוי מיט די בלויע אויגן. זאָל עס זיין, ווייל איך האָב געהערט, אַז זי האָט אַ מאַן? אָבער וואָס קימערט עס מיך, צי זי האָט יאָ אַ מאַן, צי נישט? און אַז זי וואָלט געהאַט אַ געליבטן, וואָלט זי מיר מער געפעלן געוואָרן? מאָריס שטיינמאַן איז מיר אַרויפגעקומען אויפן זינען, מיין נייער באַקאַנטער, מיין גוטער פריינט פון דעם בית־עולם... יאָ, אַ וואָרעם געפיל האָט זיך געהאַדעוועט אין מיר פאַר אַט דעם מענטשן. איך האָב בשום אופן נישט געקענט דערקלערן מיט וואָס מיין טויטער פריינט האָט געוווּנען מיין סימפּאַטיע. און נישט נאָר אים האָב איך, זעט אויס, ליב באַקומען נאָר אויך די אַלע, וואָס האָבן אים ליב געהאַט, וואָס קומען פון צייט צו צייט אויפן בית־עולם צו אים און לייגן פרישע בלו־מען אויף זיין קבר.

כ'בין אין כעס אויף זיך אַליין, וואָס איך לאָז זיך אַריינציען אין אַזעלכע אומקלאָרע, לחלוטין אומפאַרשטענדלעכע געפילן, וואָס האָבן גאָר קיין שום ממשות נישט און זיינען, נאָך אַלעמען, קינדעריש.

איך האָב זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט און באַשלאָסן מער נישט צו טראַכטן דערפון. אַלס עדות פון מיין באַשלוס, האָב איך גענומען דעם פּאַראָל „דער קאַמעל". עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד האָב איך איבערגעחזרט דעם דאָזיקן פּאַראָל. פאַרוואָס זיינען די פּאַראָלן — האָט מיר געעגבערט — אַזעלכע נאַרישע? מען קען זאָגן, אַז וואָס געפערלעכער אַ שליחות איז, אַלץ נאַרישער איז דער פּאַראָל אירער...

שוין צום צווייטן מאָל שטיי איך פאַרן הויז. ווידער קווענקל איך זיך אַ דריק צו טאָן דאָס גלעקל. אייגנטלעך, האָב איך געקענט נאָך בלייבן אין שטאָט, וואָרעם עס איז איצט אינגאַנצן אַכט דער זייגער. איך האָב געגעסן אָונט־ברויט, צו פרי געגעסן, ווייל געווען איז עס גאָר מיטאָג־צייט. פריער האָב איך קיין צייט נישט געהאַט.

דאָס מאָל האָט געעפנט די טיר נישט די אַלטיטשקע, ווי נעכטן, נאָר די פרוי, וועלכע איך האָב נעכטן צום ערשטן מאָל געהאַט באַגעגנט אויפן בית־עולם. איך בין ווי מבולבל געוואָרן. מיר האָט איין רגע לאַנג — עס איז איצט אַפילו שווער צו טראַכטן וועגן דעם — אויסגעוויזן, אַז איך בין נישט קיין אַנדערער, ווי מאָריס שטיינמאַן. איך בין געשטאָרבן לויט אַלע כללים און באַגראָבן האָט מען מיך אויפן בית־עולם...

— מיר קענען זיך. איך האָב אויסגעשטרעקט די האַנט. — מיר קענען זיך, דוכט מיר, דווקא גוט, מאָריס... איך, איך. איך האָב געמוזט זיך אַ ביס טאָן די ליפּן, כדי נישט אַרויסצופּלאַצן דעם נאָמען שטיינמאַן. איך האָב געזען, ווי דאָס שמייכעלע אויף אירע ליפּן איז פאַרגליווערט געוואָרן.

— געוויס קענען מיר זיך ! פון נעכטן אָן קענען מיר זיך — האָט זי זיך אָפּגערופן מיט אַ בלאַס קול.

— איך בין די נאַכט געשלאָפן ביי אייך.

— איך ווייס ! — האָט זי געענטפערט.

— דאָס האָט איר אוודאי צוגעגרייט דאָס צימער פאַר מיינעטוועגן ?

— צוגעגרייט דאָס צימער האָט די מוטער, די פרוי, וואָס האָט אייך נעכטן געעפנט די טיר.

מיר איז עפּעס אומעטיק געוואָרן אויפן האַרצן. פאַרוואָס האָט איר מו־טער געדעקט דאָס טישל ? פאַרוואָס איז זי דאָס נישט געווען ?

שטייען מיר ביידע אין קאָרידאָר און ווייסן נישט — ביידע ווייסן מיר נישט, וואָס צו זאָגן, וואָס ווייטער צו רעדן. נישט אַנדערש, דער שאָטן פון טויט שוועבט דאָ אַרום און שטערט יעדן שמועס.

— איר זייט אוודאי הונגעריק ? קומט, כ'בעט אייך, אין עס־צימער !

— איך דאַנק אייך זייער, מאַדאַם ! אָבער איך האָב שוין געגעסן. שטערט אייך נישט. איך וועל אַריינגיין צו זיך אין צימער. נאָכן אוונט־ברויט, אויב איר וועט דערלויבן, וועט מיר זיין אַ גרויס פאַרגעניגן מיט אייך נענטער באַקאַנט צו ווערן און אַ פּלוידער טאָן מיט אייך אַ ביסל.

— ניין — האָט זי פּראָטעסטירט — איר האָט אוודאי נישט געגעסן. מיר האָבן גאָר אַנדערש נישט גערעכנט, ווי צו עסן מיט אייך בייזאַמען אָוונט־ברויט, קומט, לאָזט זיך נישט בעטן ! און טאָמער זייט איר אויף אַן אמת נישט הונגעריק, וועט איר טרינקען כאָטש מיט אונדז אַ גלאָז קאַווע.

איך האָב נאָך געפּרוווט ווערן זיך, אָבער זעענדיק איר אַנטשלאָסענע מינע, האָב איך געמוזט נאָכגעבן און בין אַריין אין עס־צימער.

ביים טיש איז שוין געזעסן די אַלטיטשקע, אַנטקעגן איר — אַ מיידעלע פון אַ יאָר זיבן אוודאי. דער טיש איז געווען געדעקט. באַלד איז אויך אַריינגעקומען די באַלעבאָסטע און האָט זיך גענומען פּאַרען ביים טיש.

— איר קענט זיך זעצן דאָ, אויב איר ווילט אַזוי גוט זיין — האָט זי מיר אָנגעוויזן אויף אַ שטול.

— ס'איז פאַרטיק. קום צום טיש, זשאַן!

פון הינטערן פּליוש־פאָרהאַנג, וואָס האָט פאַנאַנדערגעטיילט דעם עס־צימער פון דעם אַרבעט־קאַבינעט, איז אַרויסגעקומען אַ הויך־געוואוקסיקער מאַן פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק מסתמא, מיט בלאָנדע האָר און בלאָנדע וואָנסעס, פאַרקעמט אויפן אַלט־מאָדישן שטייגער, מיט די שפּיצן אַרויף. אַלץ אין זיין פּנים האָט אויסגעדריקט שטרענגקייט. קליינע, ביש־טערנדיקע אויגן, ווי די אויגעלעך פון אַ מויז, העל־בלויע, האָבן עפּעס ווי געלויערט פון הינטער די פּענסנע־גלעזער, און צו גלייכער צייט — אַזאַ איינדרוק האָט מען געהאַט — האָבן זיי געזוכט זיך צו באַהאַלטן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אין זיך גופא פאַרקריכן. פּענסנע האָט ער געטראָגן, ווי ס'איז די מאָדע געווען מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק. אַ דין, זילבערן קייטל איז נאָכגעהאַנגען ביז אין דער וועסטל־קעשענע אַריין.

איך ווייס נישט פאַרוואָס, ס'איז אויפגעשווומען פאַר מיר די געשטאַלט פון אַננאַ קאַרענינאַס מאַן, כאָטש יענער האָט, דוכט זיך, קיין וואָנסן נישט געטראָגן. אָבער אַזאַ נאָמען האָב איך אים געגעבן ביי זיך אין געדאַנק. אויך ער האָט איר געהערט ווי אַ חפץ, מיט וועמען מען שאַפט זיך. זיין פערזאָן איז געווען אַ נול, כאָטש ער האָט געמיינט, אַז ער גיט דעם טאָן אין הויז. איבעריקנס איז נישט וויכטיק ווי עס איז געווען אין דער ווירק־לעכקייט, מיר האָט זיך געוואָלט, אַז אַזוי זאָל עס זיין.

מיר האָבן זיך צערעמאָניאַל, און ווי געצווונגען, באַגריסט, און האָבן זיך געזעצט צום טיש.

דער שמועס האָט זיך עפּעס נישט געקלעפּט. איך האָב זיך באַגנוגנט מיט אַ „יאָ" און מיט אַ „ניין", ווען ער האָט גענומען מיך אויספרעגן מכות מיין פאַמיליען־לעבן, ווי אַ שטייגער: „איר זייט אַ באַווייבטער ?" — „האָט איר קינדער אויך ?" — „און עלטערן האָט איר ?".

איך האָב מורא געהאַט, ער זאָל מיר נישט שטעלן אַנדערע שאלות אויך: וואָס אַ שטייגער איך טו, און נאָך וואָס איך בין אַהער געקומען, און פאַרוואָס איך האָב גראָד ביי אים געדונגען אַ צימער ? מיין שרעק

איז געווען אַן אומזיסטע. אויסגעפרעגט האָט ער מיך נישט אַזוי פאַר ניי־געריקייט, זעט אויס, נאָר כדי אַריינצוציען מיך אין אַ שמועס. ער איז, ווי דאָס רוב פראַנצויזן, געווען דיסקרעט און האָט זיך אין פריוואַט־לעבן פון פרעמדע מענטשן נישט געמישט. אפשר האָט ער אויך געוווסט וואָס פאַר אַן עבודה איך פיר אויס און אפשר האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיטן בליק פון זיין פרוי ?

ווי עס זאָל נישט זיין, אין אַ פאָר מינוט אַרום בין איך שוין צוריק געווען אין מיין עלעמענט און מיר האָט אַפילו ליין מי נישט געקאָסט אונ־טערצוהאַלטן אַ געשפרעך וועגן אַלץ און וועגן גאָרנישט : ווי לאַנג קען זיך נאָך פאַרציען די מלחמה ? זיינען די דייטשן נאָך אַלץ שטאַרק, אָדער — האָט זיי שוין די מלחמה מיט רוסלאַנד אָפּגעשוואַכט, אַז זיי האַלטן ביים אונטערגיין ? אויף וועלכן פראָנט וועלן זיי כאַפּן די לעצטע מפּלה זייערע ? וכדומה, נאָך אַזעלכע נביאות־זאָגעריי.

לכתחילה האָב איך מיינע ווערטער געציילט, ווי איינער, וואָס ציילט פערל. אָבער דאַן האָב איך צוביסלעכווייז וויניקער גענומען שאַנעווען די צונג מיינע, ווייל איך האָב שוין געהאַט אויסגעטרונקען נישט וויניק. איך האָב גאָרנישט באַמערקט, ווי ער גיסט מיר כסדר צו נאָך און נאָך. דער קאָפּ האָט זיך מיר גענומען דרייען, אָבער מיד בין איך נישט געווען, ניין ! מיר האָט די דאָזיקע פּלוידעריי גאָרנישט געטאָן. איך האָב אויסגעשפּאַנט מיינע נערוון און האָב גענומען דערציילן וויצן, ווי עס געשיקט זיך בעת מען האַלט שוין ביי דער טראַדיציאָנעלער גלאָז קאַווע, וואָס אָן דעם באַגייט זיך קיין איין ריכטיקער פראַנצויזישער מאָלצייט נישט.

— איך האָב אייך געגעבן די אמתע קאַווע, ווי פאַר דער מלחמה, און איר, אַנשטאָט עס צו געניסן מיט יראת הכבוד, באַזאַכט און געלאָסן, לאָזט איר זיך גאָר אַריין אין איך ווייס נישט וואָס פאַר אַ נישט־אַקטועלע ענינים, אַזוינע ווי מלחמה, דייטשן, ענגלענדער... מעגט איר זיך נישט שעמען ?

— וואָס שייך אייער קאַווע, וואָס האָט אַן אמתן טעם גן־עדן, מאַדאַם, — האָב איך אין אַ צערעמאָניאַל־איבערגעטריבענעם טאָן געענטפערט — איז זי איבער אַלע שבחים. וואָס מען זאָל וועגן איר נישט זאָגן, איז דאָס נישט ביכולת צו באַשרייבן איר הויכע קוואַליטעט. איינס אַוועק. בלייבט מיר נאָר איצט איבער אייך צו ענטפערן אויף אייער צווייטן פאַרוואורף. דערצו וואָלט איך וועלן באַמערקן אָט וואָס : אַפּשאַצן ווי געהעריק, דוכט מיר, קען מען נאָר אַזוינע געשעענישן, וואָס געהערן שוין צום עבר, אָדער

אפשר אויך נאָר די, וואָס דאַרפן זיך אָפּשפּילן אין דער צוקונפט, אָבער בשום אופן נישט די געשעענישן, וואָס וויקלען זיך גראָד איצט פאַנאַנדער. היות, ווי איך האָלט די מלחמה פאַר אַ געווונענע, איז דער שמועס וועגן איר טאַקע אַן אַקטועלער.

מיין אַקראָבאַטישער מענה־לשון האָט שטאַרק אויסגענומען. אַפילו די אַלטיטשקע, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט מיט קיין איין וואָרט אין אונ־דזער שמועס נישט באַטייליקט, האָט זיך אויך פאַנאַנדערגעלאַכט.

די יונגע פרוי האָט מיר צוגעוואָרפן אַ פריינטלעכן בליק, וואָס האָט מיין ווילזיין נאָך פאַרגרעסערט.

— דאָס איז אַלץ זייער שיין און פיין! — האָט זי פלוצלונג זיך אָפּ־גערופן, גלייך זי וואָלט זיך אין אַ זייער וויכטיקער זאַך דערמאָנט — אָבער דאָס קינד מוז גיין שלאָפן.

געווען איז די רייד פונעם מיידעלע, וואָס איז געזעסן לעבן דער אַל־טיטשקער. איך האָב באַמערקט, אַז די באָבע לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון קינד. די אויגן ביי דער אַלטיטשקער זיינען פאַרווײנט, אויגן, וואָס אַלץ אין זיי דריקט אויס רחמנות. קענטיק, אַז דאָס מיידעלע איז דאָס זאָרג־קינד פון שטוב. מיין אויפמערקזאָם־געוואָרענער בליק האָט זיך אָנ־געשטויסן אין אַ פאַרגליווערטער גרימאַסע פון ווייטיק אויפן פאַרצערטן פנימל. אַן אומנאָרמאַל קינד, אָן שום ספק, האָב איך זיך געזאָגט. נאָר מיט איין אויער האָב איך זיך צוגעהערט די מעשיות פון מיין באַלעבאָס.

זיינען מיר נאָך אַ ווײלע געזעסן שטום, ווי די פיש.

— אויך איך האָב נאָך עפּעס פאַרטיק צו מאַכן היינט. איר וועט מיך אַנטשולדיקן. אַ גוטע נאַכט!

ער האָט מיר געגעבן די האַנט און זיך צוריקגעצויגן הינטערן פּליוש־פאָרהאַנג.

איצט זיינען מיר ביידע געבליבן זיצן ביים טיש, איך און די יונגע פרוי. מיר האָבן געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי מיר וואָלטן זיך פאַר עפּעס געשעמט. ס׳איז מיר געווען זייער אומבאַקוועם. מיר איז געווען גלייך, איך וואָלט זיך באַמיט עפּעס צו פאַרבאָרגן פון איר געדאַנק, עפּעס אַזוינס, וואָס איך ווייס נאָך אַליין נישט וואָס דאָס איז; עפּעס, וואָס האָלט מסתמא אין געבוירן ווערן אין מיר.

— איך וועל שוין אויך דאַרפן גיין זיך לייגן שלאָפן — האָב איך, אַ ביסל צו האַסטיק, איבערגעריסן די שטילקייט.

— איר גייט שטענדיק אַזוי פרי שלאָפן ? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.
— חלילה, נאָר היינט...
— זייט איר מיד ? ווינטש איך אייך אויב אַזוי אַ גוטע נאַכט !
— אַ גוטע נאַכט, מאַדאַם !
— חברטע !... — האָט זי פאַריכט און האָט מיר לאַנג געדריקט די האַנט.

קאַפּיטל 21.

דעניז איז שוין אויך — פאַרגאַנגענהייט

עטלעכע וואָכן זיינען אַדורך זינט איך בין געקומען אַהער צופאָרן אין שליחות פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אַ סך פּנימער האָב איך פאַר דער צייט באַגעגנט. הונדערטער פאַראַלן. מיין גאַנץ פּריוואַט־לעבן איז, אַזוי צו זאָגן, רעקוויזירט. עטלעכע שעה אין מעת־לעת זיינען מיר נאָר פאַרבליבן פאַר מיר אַליין. אַמאָל האָב איך זיי אויסגעפּילט מיט אַ בליק אויף וויקטאָריאַ. (אַזוי האָט זיך גערופן מיין חברטע־באַלעבאָסטע), מיט אַ פריינטלעך וואָרט אירס, אויפגעכאַפּט אין קאָרידאָר, אָדער אין עס־שטובביים אָונט־ברויט. אין צימער צו מיר האָט זי אויסגעמיטן אַריינצוקומען. ברעקלעך און שטיקלעך פון אַ לעבן, וואָס קלאַפּט מיטן פולס פון דער צייט.

איך באַמי זיך צו סאָרטירן דאָס, וואָס איז מיר דירעקט נוגע. און וואָס איז מיר דען נישט נוגע? זייער שווער קומט אָן פונאַנדערצופּלאָנטערן דעם נעכטן מיטן היינט. וויקטאָריאַ, דעניז, דבורהלע...

דעניז געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט, אָן שום ספק.

ביי אָט דעם געדאַנק פאַרדריסט מיך אַ ביסעלע. ערשט נעכטן, דוכט זיך, איז עס געווען, אין איין גרופּע געאַרבעט און שוין איז זי — פאַרגאַנגענהייט. איך הער נאָך אירע געשרייען. די געשטאַפּאָ, צו וועלכער זי איז סוף כל סוף אַריינגעפאַלן, וויל דורכאויס זי זאָל רעדן, זאָגן, ווער — אַחוץ בערנאַרדן — איז נאָך געווען אַ מיטגליד פון דעם קאָנטער־שפּיאָנאַזש־רעסאָרט פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. זי פאַרבייסט אָבער די ליפּן און זאָגט נישט אויס. זי שווייגט. איר פּנים איז צעבלוטיקט. נאַקעט האָט מען זי אויסגעטאָן. זיי שטייען אַרום איר מיט נאַהייקעס אין די הענט. פאַר־וואָס האָט זי דען אויסגעזאָגט, אַז זי איז אַ יידישע? אַזאַ פרוי! אַזאַ קערפּער! — און נישט קיין אַרישער!

„דעניז, מיין ליבע דעניז, אַ וועלט פון נקמה וועט נישט קלעקן אויס־צוגלייכן די וואָג, וואָס מיר גרייטן צו".

און אָט די דעניז, איז שוין אויך פאַרגאַנגענהייט.

אָבער דאָס לעבן, ווי מען זאָגט, גייט ווייטער.

אוןביילקע ? דאָס מוטיקע מיידל, וואָס האָט פאַרמאָגט אין זיך אַזוי פיל וויטאַליטעט, זי, האָט איר פערזענלעך גליק אָוועקגעגעבן — איז זי שוין אויך פאַרגאַנגענהייט ?

איך דערמאָן זיך אירס אַ וואָרט אויף אַ זיצונג פון די פאַראַנטוואָרט־לעכע, ווען איינער האָט געפּרוווט זיך אַרויסזאָגן קעגן אַ באַשלוס, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן, און האָט פאַר אים פערזענלעך באַדייט אַ היפּש ביסל געפאַר.

— קיין וועקסל אויף זיכערקייט קען מען דיר, זשאַן, נישט אַרויס־געבן. איך האָב אויסצופירן די אייגענע פונקציע, וואָס דו, און מיר וועט קיינמאָל נישט קומען אויפן געדאַנק צו פאָדערן פון וועמען נישט איז אַ גאַראַנטיע.

איז שוין טאַקע ביילקע אויך פאַרגאַנגענהייט ?

אָבער דבורהלע — זי איז דורך און דורך היינט. זי איז ווי געבוירן געוואָרן צו זיין אַ מאַמע.

איז דאָך אָבער דעניז אויך אַ מאַמע.

— דעניז איז אַן אויסנאַם.

און וויקטאָריאַ ?

איך פרעג זיך וויפל מאָל, צי האָב איך זי טאַקע אַזוי שטאַרק ליב. איך האָב אין מיין לעבן געקענט שענערע פרויען, ווי וויקטאָריאַ, אינטערע־סאַנטערע אויך, אָבער ביי וויקטאָריאַ האָט מיך פאַרכאַפּט די רו, דער גע־דולד פון איר בליק, איר אויסדויער, אירע ווייסע לאַנגע פינגער.

איין זונטיק האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצופאָרן אויסער דער שטאָט. אָוועק אַ ביסל פון דער טאָג־טעגלעכער זאָרג.

פעלדער, הימלען, אַ וועג, גייען מיר. מיר האַלטן זיך פאַר די הענט, ווי קינדער, און שווייגן. דאָס וויכטיקסטע האָט זי מיר נאָך ביז איצט נישט אַנטפּלעקט. זי פילט עס. עפּעס שטאַמלט זי אין איר שווייגן, עפּעס דערשווייגט זי נישט. דערפאַר האָט זי אַזוינע טרויעריקע אויגן.

— דו ווייסט, מאָריס — זאָגט זי — מיין מאַן, מיין לעגיטימער מאַן, איז נישט מער ווי לעגיטים.

— וואָס הייסט ? שוין לאַנג אַזוי ?

— נאָך פון פאַר דער מלחמה.

פאַרוואָס ?

— איך וועל דיר דערציילן די געשיכטע פון אונדזער באַקאַנטשאַפט, פון אונדזער חתונה, וועסטו דערנאָך שוין אַליין פאַרשטיין אַלץ.

זיינען מיר אַזוי לאַנג געגאַנגען, פאַרביי אַ דערפל. אַ הונט האָט זיך צעבילט. פויערים, אין זונטיק־קליידער, זיינען אונדז אַנטקעגן געקומען אויפן וועג. צו ווייט דאַרף מען אויך נישט פאַרקריכן. דער הימל האָט זיך פאַרוואָלקנט. עס וועט אפשר באַלד נעמען רעגענען. קיין שירעם האָבן מיר נישט מיטגענומען. אפשר זיך גאַר צוזעצן הינטער אַ בוים ?

— ביסט מיד וויקטאָריאַ ?

— הייבט זיך גאָרנישט אָן. איך מיין אָבער, אַז דו ביסט שוין מיד מיך אויסצוהערן.

— חלילה !

— ווילסטו איך זאָל ווייטער דערציילן ?

— אדרבה, און רעגענען וועט נישט, זעסט, די זון האָט זיך ווידער באַוויזן. — דערצייל איך ווייטער.

— דערצייל, וויקטאָריאַ.

— איך האָב נישט געוווּסט וואָס פאַר אַ גוטער צוהערער דו ביסט.

— דיין געשיכטע איז נישט קיין באַנאַלע.

זי האָט דערציילט וועגן איר היים, וועגן די קינדער־יאָרן, אין אַ פאַר־אָרעמטער פאַמיליע אין לאָטרינגען. אויך וועגן אים, דעם מאַן אירן, האָט זי דערציילט.

זי קען אים פון קינדווייז אָן. ער האָט זיך אויסגעהאָדעוועט ביי זיי אין שטוב. זיין פאַמיליע האָט געוווינט צוריקגעצויגן, אין אַ פריצישער ווילע, דריי סטאַנציעס פון דער שטאָט.

זשאַן איז איינגעשטאַנען ביי אירע עלטערן. דאָס האָבן אים די קרובים, וואָס זיינען געווען אויך זיינע קרובים, איינקוואַרטירט ביי זיי. ער איז מיט איר אינאיינעם געגאַנגען אין שול, זיי האָבן צוזאַמען געמאַכט די אויפ־גאַבעס. ער איז מיט צוויי יאָר עלטער פאַר איר. ער איז געווען אַ ביסל אַן אָפּגעשטאַנענער. דאָס האָט זי אים געהאָלפן מאַכן די אויפגאַבעס.

דערנאָך זיינען זיי ביידע אַנגעקומען אין אוניווערסיטעט. איר טאַטע האָט געוואָלט זי זאָל ווערן אַ מעדיצינערין. ער האָט שטודירט יוריספרו־דענץ. אָבער ער האָט קיין איין עקזאַמען נישט אויסגעהאַלטן. ער איז גע־ווען אַ שטילער בחור, פלעגט תמיד אַרומגיין אַ פאַרקלערטער. עפּעס וואָס

האָט זיך יאָ געטאָן אין אים. אָבער ער וואָלט קיינמאָל נישט געקענט זאָגן פאַרוואָס — דאָ שמייכלט ער צופרידן און אָט ווערט זיין פּנים פינצטער און אַ כעס גיסט זיך אָן אין זיינע אויגן.

ער האָט צו איר אַרויסגעוויזן ליבע, וואָס איז איר אַפילו טיילמאָל געווען שטאַרק דערווידער. זי האָט גיכער רחמנות געהאַט אויף אים. ס'איז געווען זיין אומבאַהאָלפנקייט. ס'איז געווען נאַריש דעמאָלט, פאַרוואָס זי האָט באַלד נישט איבערגעריסן מיט אים.

איינמאָל — זי געדענקט שוין נישט וואָס פאַר אַ יום־טוב ס'איז געווען — האָבן די קרובים זיי מיטגענומען צו זיין מאַמען און צו זיין מומען — צוויי אלמנות, וואָס האָבן געוווינט צוזאַמען. און דאָרט האָט זיך פאַר אירע אויגן אָפּגעשפּילט אַ סצענע, וועלכע זי קען עד־היום נישט פאַרגעסן. דער גורל האָט איר אונטערגעטראָגן דעם שליסל צו די באַהאַלטענע חדרים פון מענטשלעכער פּיין. אומגעריכט איז זי אַריינגעשליידערט געוואָרן אין די אָפּגרונטן, פון וואַנען מען קריכט צוריק אַרויס, אָדער אויף דער ליכטיקער שיין, אָדער אינגאַנצן פאַרטעמפּט, רעזיגנירט אָדער באַהערשט פון געדאַנק אויסצוגעפינען אַ מיטל אָפּצורוימען די סיבות, וואָס רופן אַרויס אַזאַ ציטערניש אין דער נשמה.

ביידע פרויען זיינען מער־ווייניק געווען נאָך יונג. ביידע — אין שוואַרצן געקליידעט. אין שטוב איז טונקל. די לאָדנס זיינען נאָר האַלב געעפנט. שווערע, מאַסיווע סטיל־מעבל אין הויז.

פּלוצלונג לאָכט זיך איין פרוי פאַנאַנדער מיט אַ געלעכטער, וואָס קלינגט גלייך ווי ער וואָלט זיך אַרויסגעריסן פון אַ טיפן קעלער.

— אַלבערט, טייערער מיינער ! געליבטער ! קום, מיין מאַן ! קום צוריק ווינען מיט מיר ! פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזן ? פאַרוואָס ביסטו אַוועק מיט אַ צווייטער פרוי ? איך בין שוין מער נישט שיין גענוג ? בין איך צו אַלט פאַר דיר ? דיך האָב איך זיך אָפּגעגעבן, האָסט צוגענומען מיינע יונגע יאָרן און איצט זאָגסטו, אַז איך בין אַלט און טויג נישט מער פאַר דיר... האָסט זיך אויסגעזוכט אַ שענערע, אַ יונגערע ? ענטפער. פאַרוואָס שוויגסטו, דו עלנטער אָפּנאַרער ? אָט וועל איך דיר ווייזן מיין קערפּער, וועלכן דו פלעגסט האַלטן אין דיינע אָרעמס. ער איז נאָך יונג און עלאַסטיש... קום, אַלבערט !...

זי האָט פּלוצים גענומען אַרונטערציען פון זיך די קליידער. מיינע קרובים און איר שוועסטער האָבן זי קוים איינגעהאַלטן.

אויף די קני איז זי געפאַלן פאַר זשאַנען, וועלכער איז געשטאַנען אַ בלייכער, אַ צעטראָגענער און אַלע גלידער האָבן זיך אין אים געוואָרפן פאַר אויפרעגונג. בלייך, די ציין אין מויל האָבן געקלאַפּט. ער האָט זיך מעכאַניש געגלעט די האָר פון קאָפּ און געשטאַמלט:

— מאַמע, טייערע מאַמע!

זי האָט נישט נאָכגעלאָזן:

— און איצט בלייבסטו דאָך שוין מיט מיר, מאַן מיינער!

אומזיסט זיינען געווען די טענות פון איר שוועסטער:

— מאַדלען, דאָס איז דאָך דער זון דיינער, זשאַן! דערקענסט אים נישט? קום צו זיך, באַרואיק זיך, מאַדלען... ער איז דיין זון, נישט דיין מאַן... דיין מאַן איז געפאַלן אין דער מלחמה. ער איז פאַר פראַנקרייך געשטאָרבן. דיין מאַן וועט שוין מער נישט צוריקקומען.

— ער וועט יאָ צוריקקומען — האָט זי געריטשעט — ער איז שוין צו־ריקגעקומען. אָט בין איך אים געפאַלן צו די קני. ער וועט מיך נישט פאַרלאָזן. איך וויס עס... דערמאַנסט זיך, אַלבערט טייערער, אין די נעכט — הייסע, ברויזנדיקע נעכט...

וויקטאָריאַ איז קוים אַנטלאָפן פון אָט דער שטוב. און ער, זשאַן, איז איר נאָכגעלאָפן.

— וויקטאָריאַ, אַנטלויף נישט — האָט ער געשריען, — לאָז מיך דאָ נישט איבער אַליין.

און זי האָט אים נישט איבערגעלאָזן. ס'איז גיכער געווען אַ טיפער רחמנות־געפיל, וואָס האָט זי באַהערשט.

און זי האָט מיט אים חתונה געהאַט.

חתונה געהאַט נישט מחמת ליבע און נישט מחמת פריינטלעכער צו־בייגונג. אַ מאַטעריעלע באַרעכענונג איז דאָ אויך נישט געווען. טאָ וואָס דען? קיין שום דערקלערונג איז נישט פאַראַן. אַ רחמנות־געפיל — דאָס אַלץ. זי האָט זיך אים איבערגעגעבן, ווי מען גיט עמיצן אַ נדבה. איצט זעט זי איין, אַז זי האָט נישט געטאָרט אַזוי לייכטזיניק האַנדלען. זי איז באַגאַנ־גען אַ חטא נישט נאָר לגבי זיין ווערדע־געפיל, נאָר אויך לגבי איר אייגע־נער פערזאָן. מען טאָר נישט אַזוי. פאַרבינדן זיך מיט אַ מענטש טאָר מען נישט סתם אַזוי. קיין גוטס קומט קיינמאָל נישט אַרויס פון אַזאַ מין אַקט, פאַר קיינעם נישט.

דערנאָך איז געקומען די מלחמה, זשאַן איז פאַרוווּנדעט געוואָרן. ער האָט דירכגעמאַכט איין אָפּעראַציע, אַ צווייטע, אַ מוח־אָפּעראַציע. ער איז געוואָרן אַזוי ווי אָפּגעטעמפּט."

וועגן וואָס זאָל זי מיט מיר רעדן? זי פילט אויך, אַז אַלץ איז פיינט־לעך אין אים צו איר, קעגן איר וועלט.

און עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז ער איז שוין נישט מער איר מאַן.

קאפיטל 22.

אירען

אירען האָט מיטגעבראַכט נייעס פון פּאַריז — נישט די אָפיציעלע נייעס, נאָר די, וועלכע מען קריגט אין ערגעץ נישט צו לייענען: אַ וואָרט, אַ קוק, אַ באַמערקונג, ליידער קלייניקייטן. אַ גרוס פון דער גרויסער נאַכט, וואָס הערשט איבער פראַנקרייך.

— ווי פּאַריז קוקט אויס? — האָט זי דערציילט — אַלע באַגריפן פון אַמאָל עקזיסטירן נישט מער. שרעק, טעראָר, רדיפות, פּייניקונגען. און דאָך אַ ביסל האָפענונג זינט סטאַלינגראַד און זינט די אַלירטע האָבן דער־באַרקירט אין צפון־אַפריקע.

וועגן דעניזן זיינען קיין שום ידיעות נישט פאַראַן. אַלע האַלטן, אַז זי איז פאַרלאָרן. איר קינד געפינט זיך אין זיכערע הענט. בערנאַרד, ווייזט אויס, איז אויך נישט מער צווישן די לעבעדיקע. אַלבערט, שטעלט זיך אַרויס, איז אַן אָנפירער פון אַ ווידערשטאַנד־גרופּע אין דרום־פראַנקרייך.

איך און אירען אַרבעטן אין צוויי פאַרשידענע סעקטאָרן און „דינסט־לעך" האָבן מיר נישט קיין געמיינזאַמס. אָבער איך קען זי שוין פון זייער לאַנג. יעדעס מאָל, ווען איך האָב אַ געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט איר און כאַפּן מיט איר אַ שמועס, טו איך עס מיט גרויס אינטערעס.

איך האָב זי דאָ באַקאַנט געמאַכט מיט וויקטאָריאַן און צווישן ביידע פרויען איז אַנטשטאַנען אַ נאָענטע פריינטשאַפט, וואָס איז נאָר טיילווייז צו דערקלערן דורך אַ געוויסער פיזישער ענלעכקייט. די עיקר קרובהשאַפט איז מסתמא אין דער געמיינזאַמקייט פון ביידנס כאַראַקטערן, פון זייערע טעמפּעראַמענטן. דערפאַר פאַרשטייען זיי זיך אַזוי גוט, כאָטש יעדערע פון זיי איז פון אַ לחלוטין אַנדערער סביבה, האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט אין צוויי באַזונדערע געאָגראַפישע און גייסטיקע קלימאַטן.

אירען האָט מיר איבערגעגעבן אַלע פּרטים פון פּאַריז, וואָס זיינען מיר נוגע געווען.

דעם גאַנצן איבעריקן אָוונט האָבן מיר שוין פאַרבראַכט צוזאַמען, מיר האָבן גערעדט וועגן אַלץ און אַלעמען. כ׳האָב תיכף באַמערקט, אַז אירען איז עפּעס צעטראָגן און אַז עפּעס וואָס דריקט איר אויף דער נשמה. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און זי האָט זיך פאַרעדט און כ׳בין אַ ביסל געוויר געוואָרן וואָס איר דריקט.

אינדערמיט פון דעם אַלעמען איז, פאַרשטייט זיך, געשטאַנען משולם, איר חבר, אָדער ריכטיקער געזאָגט — ראָזעט.

דער דרייעק : אירען, משולם, ראָזעט — איז נישט פאַר מיר און נישט פאַר וויקטאָריאַ אַ נייעם. כ׳האָב מיט וויקטאָריאַן שוין פריער זייער פיל געהאַט גערעדט. אירען אַליין האָט וויקטאָריאַן שוין אויך אַלץ געהאַט אָנ־געטרויט, מיט אַלע איינצלהייטן — אַזעלכע איינצלהייטן, וועלכע אַ פרוי איז מגלה נאָר פאַר אַ פרוי, פאַר אַ חברטע, ווייל נאָר אַ פרוי איז מסוגל זי רעכט צו באַגרייפן. געשעענישן, פאַרוויקלונגען, קאָמפּליקאַציעס. אַ נייער עלעמענט איז צוגעקומען. דער עיקר — ראָזעט, פאַרשטייט זיך.

עס לוינט זיך פונאַנדערצוּוויקלען אירענס גאַנצן פּלאַנטער, ווייל אונ־טער דער שאָלעכץ גליט, צאַפּלט זיך אַן אייביק מענטשלעך פּראָבלעם — ליבע.

אירען איז געווען אַן ערך אין די דרייסיקער און איז געקומען פון אַ קליין פּויליש שטעטל. דער טאַטע איז געווען אַ פרומער און אַ כעסן. די מאַמע, פאַרקערט, אַ שטילע, אַ פאַרהאָרעוועטע, מיט אייביקע זאָרגן, איינגאַנצן אַריינגעטראָגן אין דאגות פאַר אירע קינדער. אין שטוב איז געווען דלות. פונדעסטוועגן האָבן זיך די קינדער געלערנט און באַקומען אַ גוטע דערציאונג.

— מיינע עלטערן — האָט זי מיר איינמאָל דערציילט — האָבן נישט אַזוי גוט געלעבט צווישן זיך. שטענדיק קריגערייען אין שטוב. דאָס האָט מיין עלטערער ברודער, זשיליען, אַרויסגעראַטעוועט די משפחה פון נויט. ער האָט געאַרבעט, פאַרדינט און אויסגעהאַלטן אַלעמען. און געווען זיינען מיר אַ משפחה פון ניין מענטשן. איך האָב מיין ברודער שטאַרק ליב געהאַט. ער האָט זיין ענערגיע אַריינגעלייגט אין מסחר און האָט זיך טאַקע דערשלאָגן צו אַ שטיקל קאַפּיטאַל. איך בין אַריינגעצויגן געוואָרן שפּעטער אין דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט־באַוועגונג און האָב גענומען קוקן אויף מיין ברו־דער ווי אויף מיינעם אַ קעגנער, ווי אַ שונא פונעם אַרבעטער־קלאַס, און

אַט ווערט אַרייַנגעשלאָגן דער ערשטער קלין צווישן מיין שכל און מיין געפיל. ווייל מיין קעגנערשאַפט צו אים האָט זיך גענומען פון מיין שכל, בעת מיט מיין געפיל האָב איך אים דווקא זייער ליב געהאַט.

איך האָב שטאַרק געליטן, ווען ער האָט חתונה געהאַט און בין גע־וואָרן אַ דם־שונא זיין פרוי, וויסנדיק צו גלייכער צייט, אַז איך בין לגמרי אומגערעכט. איך האָב אָבער בשום־אופן נישט געקענט צוימען דאָס דאָ־זיקע געפיל. איך בין אָן שום ספק געווען אייפערזיכטיק אויף איר.

אירען האָט באַלד געטראָפן אַ נייעם צענטער פאַר אירע מער־ווייניקער סתירותדיקע געפילן. געווען אין דער יוגנט־באַוועגונג אַ בחורל, אויסגע־שטאַט מיט אַלע מעלות, ווי איר האָט זיך דעמאָלט געדוכט. דאָס איז געווען פיער. זייער אַ פעאיקער בחור. אַלץ האָט זיך צו אים געקלעפּט און צו אַלעמען האָט ער געקלעפּט. ער האָט דאָרט געשפּילט די הויפּט־ראָל, גע־רעדט אויף פאַרזאַמלונגען, געשריבן אַרטיקלען.

אין דעם יונגערמאַן האָט זי זיך פאַרליבט און האָט אַפילו מיט אים געבוירן אַ קינד. ביז עס איז אויסגעבראָכן דער בירגער־קריג אין שפּאַניע און פיערן האָט עס אַ צי געטאָן אויף יענער זייט פירענייען. צוריקגעקומען קיין פראַנקרייך איז ער מיטן שטראָם פּליטים און איז אַרייַנגעפּאַקט גע־וואָרן אין לאַגער פון גירס. אין יאָר 1939 איז ער אַוועק אַלס פרייוויליקער אין דער פראַנצויזישער אַרמיי. זומער 1940 האָט אים אירען צום לעצטן מאָל געזען אין דער קאַזאַרמע פון פרעמדן־לעגיאָן. ער איז געווען מיד און צעבראָכן.

אין משך פון דער צייט איז אירען אויסגעקומען צו זיין פאַר איר קינד נישט נאָר אַ מאַמע, נאָר אויך אַ טאַטע. דאָס לעבן איז געווען שווער. די מאַמע איז פאַר דער צייט געשטאָרבן, דער טאַטע איז דעפּאָרטירט גע־וואָרן, די שוועסטער און ברידער — ווער אין פּיטיוויע, ווער אין דראַנסי.

און פון מאַן האָט זי שוין אַ לאַנגע צייט נישט געהערט און נישט געוווּסט ווו ער איז אַהינגעקומען.

משולם האָט פאַרנומען זייער אַ וויכטיק אָרט אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און אירען איז געווען זיין סעקרעטאַרין. איידער ער האָט זיך אַריבערגעקליבן אַהער, האָט משולם צוליב טעמים פון קאָנספּיראַציע גע־ווינט ערגעץ אויף אַ דאָרף, נישט ווייט פון פּאַריז. אירען האָט אויסגעפירט די פונקציע פון אַ פאַרבינדלערין צווישן אים און די אַנדערע פאַראַנטוואָרט־לעכע פון דעם סעקטאָר.

אין איינעם אַן אָוונט, ווען אין דרויסן האָט געשטורעמט און גערעגנט,

איז זי געבליבן ביי אים נעכטיקן. משולם האָט געהאַט אַ חברטע. זיי האָבן זיך אַפילו זייער ליב געהאַט — ראָזעט. די ראָזעט איז געווען פאַרנומען ביי אַן אַנדער אַרבעט אין פאַריז.ביידע פרויען האָבן זיך גוט פאַרטראָגן, אָבער דערנאָך איז דאָס לעבן זאַלבעדריט קאַליע געוואָרן. משולם איז אַפילו געווען גרייט, ווי ער האָט דערקלערט, איבערצורייסן מיט ראָזעטן.

דער קלין, וואָס איז איינגעשלאָגן געוואָרן דאָסמאָל צווישן איר שכל און איר געפיל, איז געווען גאָרנישט צו פאַרגלייכן, שאַרפער, שפּיציקער און גיפטיקער, ווי דער ערשטער אין שייכות מיט איר ברודער זשיליען. ווארום זי האָט ראָזעטן זייער ליב געהאַט. און ווער האָט דען דאָס מיידל נישט ליב געהאַט ? ביי אַלעמען האָט זי אויסגענומען מיט איר קלוגן, פאַר־שטענדיקן בליק. זי איז געווען שיין, באַוועגלעך און צוציענדיק. זי איז געווען אַ מענטש מיט אַ סך מוט.

טרעפט אַ טאָג און זי פאַלט אַריין אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ. אַ זייער גרויסע סומע געלט, וואָס האָט געהערט צו דער ווידערשטאַנד־באַ־וועגונג, געפינט מען ביי איר. זי איז שוין אין זיבעטן חודש. זי ווערט געפּייניקט. ראָזעט שווייגט. זי פאַרגייט אין ווייען. אין תפיסה ווערט דאָס קינד געבוירן. אין אַ פּאָר טעג אַרום ווערט זי ווידער גענומען אויפן פאַר־הער. זי שווייגט. כדי צו ברעכן איר עקשנות, נעמען די הענקער פּייניקן דאָס נאַר־וואָס געבוירענע נפשל. זיי האָבן עס צעבראָכן די פּיסלעך, דאָס קינד איז טויט. די מאַמע ליגט אויף דער צעמענטענער דיל אין תפיסה־קעמערל, לעבן קינד. זי ראַנגלט זיך מיטן שגעון און קומט אים אויך ביי.

דאָזעט איז צוריק פריי. זי האָט דאָס רעכט אויף דער גאַנצער ליבע משולמס. אָבער אירען שטייט זיי אינדערמיט. זי ווייס, אירען, אַז זי איז נישט גערעכט, אָבער זי האָט קיין כוח נישט אָוועקצוגיין. זי איז קראַנק און ווייס נישט ווי אַזוי זיך צו היילן. פריער האָט זי זיך געשעמט צו פאַרטרויען עמיצן אירע יסורים.

זי וויל אויך אַרעסטירט ווערן, אויך געפּייניקט ווערן, מען זאָל רייסן פון איר שטיקער. זי וויל אָפּקומען פאַר איר ליבע.

און זי איז דאָך אויך אַ מאַמע. זי דאַרף זאָרגן פאַר איר קינד. זי טאָר נישט פאַרגעסן די התחייבותן פאַר איר אַכט־יאָריק ייִנגעלע. אַפילו אין שווערע, פיזישע יסורים האָט זי נישט קיין רעכט צו אַנטלויפן פאַר די דאָזיקע התחייבותן.

קאַפּיטל 23.

דער מערקווירדיקער ד״ר קאַץ

אין צימער ביי מיר איז אַלע טאָג דער זעכצנטער, אַלע טאָג איז פרייטיק. איך האָב דאָס בלעטל פון קאַלענדאַר נישט אַרונטערגעריסן. איך האָב אַ קליינעם קעשענע־לוח און לויט אים גיי איך נאָך די צייט. און סיי ווי איז דאָך איין אָוונט ענלעך צום אַנדערן.

אָבער דער דאָזיקער אָוונט איז נישט געווען גלייך צו די איבעריקע. אין דעם אָוונט בין איך געזעסן ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט צו דער לבנה־לאַנדשאַפט. שוין לאַנג אַזאַ ליכטיקער אָוונט נישט געווען. קיין לאַמטערן ברענען נישט אין גאַס און אַלע פענצטער זיינען פאַרהאַנגען.

פּלוצים האָבן זיך די סירענעס צעריטשעט, ווי אַ מחנה אויסגעהונגערטע וועלף. אין שטוב שלאָפן שוין אַלע. דאָס מיידעלע העלען ווײנט זיך פאַר־באַנדער אַזוי שטאַרק, אַז אין קאָרידאָר אַריין עפענען זיך אַלע טירן. איך הער ווי טאַטע־מאַמע באַמיען זיך איינצושטילן דאָס קינד און דאָס קינד שרייט: „מאַמע, איך האָב מורא!״.

איך בין אַריין צום קינד אין צימער און האָב אויך געפּרוווט באַרואיקן דאָס איבערגעשראָקענע מיידעלע.

— ביי יעדן אַלאַרם אַזוי — האָט וויקטאָריאַ מיט טרערן אין קול זיך ווי פאַרענטפערט.

מיר זיינען אַלע אַרונטער אין קעלער. די סירענעס האָבן זיך איינ־געשטילט. אַ געדיכטע שטילקייט האָט זיך געלייגט, און פּלוצים האָט דאָס הויז זיך אַ טרייסל געטאָן. ערגעץ נאָענט, זעט אויס, איז געפאַלן אַ באָמבע, באַלד נאָך איינע און אַ דריטע. אונדז האָט זיך געדוכט, אַז מיר זיינען שוין אַלע פאַרשאָטן. אָבער ווען די סירענעס האָבן אָנגעזאָגט, אַז די געפאַר איז פאַרביי, האָבן מיר דאָס הויז געפונען נישט־באַשעדיקט.

אָבער איך האָב שוין די גאַנצע נאַכט נישט געקענט צו טאָן קיין אויג.

די לבנה איז זיך ווייטער רואיק געשוווּמען אַנטקעגן מיין פענצטער. איך בין געווען ווי אין אַ הינער־פּלעט.

איך וועג, איך מעסט. אָט דוכט זיך מיר, אַז דער חשבון שטימט, און אָט זע איך זיך אויפסניי פאַרפּלאָנטערט. וויקטאָריאַ — אַ נייער פּלאָנ־טער. איר מאַן שטויסט זיך מסתמא אָן. ער שטערט איר נישט. די מוטער אירע ווייס אפשר אויך און דבורהלע, אַלבערט, דעניז... אַ ים פּנימער, געשטאַלטן אינדערמיט פון אַ לבנה־נאַכט. איך ליג מיט אָפענע אויגן און מיין מוח בלאָנדזשעט אין אַ ליידיקן חלל.

אין שטוב דאָ האָב איך זיך שוין גענומען פילן היימיש, גלייך איך וואָלט געווען אַ מיטגליד פון דער משפחה. מיר האָבן זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל געזעגנט מיט די קליינלעכע, טעגלעכע דאגות. מיר האָבן זיך איבערגעגעבן דעם גורל אין די הענט אַריין. דאָס, וואָס דאַרף אַמאָל קו־מען, האָט אויסגעזען אַזוי ווייט.

אין אַזאַ צושטאַנד ווערט מען אויפנעם־פעאיק פאַר אַלץ, וואָס קומט פאָר אַרום. איך כאַפּ זיך, אַז איך לאָז, אייגנטלעך, נישט דורך קיין איין געשטאַלט, וואָס איך באַגעגן אויף די געהיימע פאַרזאַמלונגען, אין גאַס, אָדער אין עפּעס אַ שטוב ביי חברים.

איך געפין זיך אין איינע פון די גרעסטע אינדוסטריעלע שטעט אין פראַנקרייך. די שטאָט האָט אַ רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט. דאָ איז איצט דער זיץ־אָרט פון אַ סך יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס, אַ צענטער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, אַן עיר־מקלט פאַר פליטים. דאָ געפינען זיך אויך די דייטשע רעקרוטירונגס־ביוראָען פאַר פראַנצויזישע „פרייוויל־ליקע" אַרבעטער. אַ צענטער אויך פון פיין און עלנט. די שטאָט איז זייער אַן אַלטע, אויסגעקרימטע הייזער, אונטערגעשפּאַרטע מיט באַריערן. לענג־אויס די פאַרשטעט ציען זיך אין די ראַוועס כלערליי קאָלירטע וואָסערלעך. מחנות קעץ טרייבן דאָ זייערע אַרגיעס. אַ ליאַרעם פון אָפּגעריסענע קינדער.

אין דער דאָזיקער פאַרשטאָט קאָנצענטרירט זיך אויך די אַנגעלאָפ־פענע יידישע אָרעמקייט, וואָס האָט זיך באַוויזן צו ראַטעווען פון פאַריז. דאָ איז די נעסט פון יידישן ווידערשטאַנד. די יידן זיינען געווינט צום אונטערערדישן קאַמף, אין גוראַנגל פאַר אַ בעסערער וועלט.

די יידישע אָרעמקייט פאַרמאָגט דאָ אַן אייגענעם דאָקטאָר, קאַץ הייסט ער. ער וווינט אין איינער פון די קאָנספּיראַטיווע דירות. איך קען אים נאָך פון פאַריז. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ שם־דבר. ער האָט אַלעמאָל

גערעדט דעם זאַפטיקסטן יידיש, מיט גלייכווערטלעך, מיט וויצן. ער פייפט אויף געלט.

אין איינעם אַ טאָג בין איך אים געגאַנגען אָפּשטאַטן אַ וויזיט. ס'איז נישט געווען בלויז דערפאַר, ווייל איך האָב זיך פאַרבענקט נאָך זיין גע־שמאַקן יידישן מענה־לשון, נאָך זיינע האַרציקע און איינפאַכע רייד. אגב, האָב איך אים געוואָלט באַקענען מיט וויקטאָריאַן, וועלכע איז, אַדאַנק מיר די לעצטע צייט געוואָרן אַן איינגייערין אין יידישע הייזער. ס'איז געווען אַן אויסטערלישע באַגעגעניש.

אַ קאָפּ גרויע, צעשויבערטע האָר אויף אַ קליין, דאַר גופל, טרערן־זעקעלעך אונטער די אויגן, נישט געגאָלט. מיט אַ ברום, מיט אַ גבייזער האָט ער אונדז געעפנט די טיר.

וויקטאָריאַ האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— צי ווייסט איר נישט ווו עס וווינט דאָ ד"ר קאַץ?

— פאַרוואָס זאָל איך נישט וויסן? — האָט ער זיך צעשריען — ד"ר קאַץ וועט אייך באַלד אויפנעמען, מאַדאַמעלע.

ער האָט זיך אויסגעדרייט מיט אַ ברום און וויקטאָריאַ האָט מיך אָנ־געקוקט. מיר איז געוואָרן עפּעס פיינלעך. איך האָב איר געזאָגט שטי־לערהייט:

— איך האָב דאָך דיר שוין דערציילט וועגן אים. ס'איז נישט אַנגענעם, אָבער דו ביסט צוגעשטאַנען.

— וואָס איז דאָס פאַראַ פירונג? איז ער אַ געבילדעטער מענטש?

— אַזוי פירט ער זיך. אָבער וועסט געוויס פון דער באַקאַנטשאַפט קיין חרטה נישט האָבן, וויקטאָריאַ.

— ניין, איך האָב זיך נאָר אַ ביסל געוווּנדערט.

באַלד האָט זי געהאַט נאָך מער געלעגנהייט זיך צו חידושן. ער איז אַרויסגעקומען פון בית־הכסא, האַלטנדיק דעם רימען אין די הענט.

— אַהאַ — האָט ער געפּאַכעט מיטן רימען — איר זייט אוודאי גע־קומען צו מיר, איך זאָל אַרויסטרייבן פון אייער לייב דעם פעטוס. אַ שיינע מעשה, כ'לעבן. אַלע זיינען זיי אַזוי. צוערשט ווערן זיי טראַגעדיק און דערנאָך...

— אָבער דאָקטאָר... — האָט וויקטאָריאַ, אַ פאַרויטלטע, געפּרווט זיך אָפּווערן — ס'האַנדלט זיך נישט וועגן דעם...

— נאָר וועגן וואָס האַנדלט זיך ביי אַ פרוי, וואָס ווערט שוואַנגער קעגן איר אייגענעם ווילן? שנעלער, זאָגט, אין וועלכן חודש זענט איר?

— איך בין נישט שוואַנגער, דאָקטאָר. מיר זיינען געקומען גאָר וועגן אַן אַנדער ענין.

— ד״ר קאַץ — ווענד איך זיך צו אים — איר קענט מיך, דוכט זיך, פון פּאַריז.

ער קוקט מיך אָן.

— דאַכט זיך, אַז יאָ — קנייטשט ער דעם שטערן.

— עס דוכט זיך אייך גאָר ?

— איר זענט געווען מיינער אַ פּאַציענט.

— נישט נאָר איך, נאָר אויך מיין מאַמע און מיינע קרובים, אַלע האָבן מיר זיך ביי אייך געהיילט.

— אַיאָ ? איך האָב אייך אויסגעהיילט פון אַלע אייערע קרענק ?

— איר זענט געווען דער באַליבטסטער דאָקטאָר אין פּאַריז.

— איך האָב אייך געגעבן די גאַב. איך האָב קיינעם נישט געשאַנעוועט. וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג. מיט אַ חולה, פאַרשטייט איר מיך, דאַרף מען זיך ראַנגלען. מען מוז אים צוערשט בייקומען און דערנאָך קען מען אים היילן. דאָס איז מיין פּרינציפּ. איך מיין, אַז אין ס'רוב פאַלן האָב איך קיין טעות נישט געהאַט, ווארום איך האָב זיך אַרומגעזען, אַז יעדער קראַנקער מוז צוערשט ווערן אויסגעזידלט, מען מוז אים אָפּגיסן ווי גרויס ער איז, איידער מען טרעט צו צו דער אייגנטלעכער טעראַפּישער באַהאַנדלונג.

— טוט איר עס באַוווסטזיניק ?

— ווי דען מיינט איר, שנעק איינער ? איך לאָז זיך פאַרפירן פון עפּעס אַ שד, וואָס לייגט מיר נבול־פה אין מויל אַריין ? איך האָב מיינע מעטאָדן.

אַ טשעקאָווע סצענע איז עס געווען. מיר זיינען אַזוי געשטאַנען אין טונקעלן קאָרידאָר. דער דאָקטאָר פאַרעט זיך נאָך אַלץ ביי זיינע הויזן און עס געלינגט אים בשום אופן נישט אָנצוטאָן דעם רימען ווי ס'באַדאַרף צו זיין, ער דערקלערט אונדז בשעת מעשה אויסטערלישע פילאָזאָפיש־מעדיצינישע פּרינציפּן. צום גליק כאַפּ איך זיך באַלד, וואָס די אייגנטלעכע סיבה פון אונדזער באַזוך ביי אים איז, ווייל אַחוץ אַלעמען, האָט אונדז צו אים געפירט טאַקע אַ קאָנקרעטער ענין.

איינער פון אונדזערע פאַרטיזאַנער האָט ביים מאַניפּולירן אַ האַנט־

גראַנאַט, זיך פאַרוואונדעט. צו וועמען דען זאָל מען זיך ווענדן, אויב נישט צו ד״ר קאַץ ?

— ד״ר קאַץ אַהין, ד״ר קאַץ אַהער, גלייך עס וואָלט נאָר געווען איין קאַץ אויף דער וועלט — וואָרפט ער זיך — זאָלן אַנדערע קעץ אויך עפּעס טאָן...

— איך בין זיכער, אַז איר וועט זיך דערפון נישט אָפּזאָגן — האָב איך גערעדט צו אים.

— ד״ר קאַץ וועט זיך נישט אָפּזאָגן ? ווער זאָגט עס אייך, יונגערמאַן ?

— דאָס האָט מיך לעווין געשיקט צו אייך. זיין רעקאָמענדאַציע איז, דוכט זיך, אַ געגנוג זיכערע גאַראַנטיע. דער פּאַרטיזאַנער איז אויך אַ ייד...

— יאָ, אַ ייד, אַ ייד... — רעדט ער אַ ווײַלע צו זיך אַליין — אַ שיינעם תכלית האָבן זיי פון אונדז געמאַכט. אָט בין איך געווען אין יענער מלחמה אַ קאַפּיטאַן פון דער פראַנצויזישער אַרמיי. פיר יאָר נאָכאַנאַנד אָפּגעאַרבעט אין די פעלד־לאַזאַרעטן, נישט איין פראַנצויזישן סאָלדאַט דאָס לעבן געראַטעוועט. און היינט ? היינט טאָר איך נישט פּראַקטיצירן, ווײַשי האָט געפּסקנט, אַז איך בין אַ ייד. אַן פּעטענען האָב איך עס גאָרנישט געוווסט, אַז איך בין אַ ייד ? טאַקע פּעטען אַליין האָט מיר אָנגעהאָנגען דעם קריגס־קרייץ אויף דער ברוסט. היינט זאָגט ער, אַז איך טויג נישט מער, מען דאַרף מיך אויפהענגען, דערשיסן... אַ שיינער מאַרשאַל, נישטאָ וואָס צו זאָגן... אוודאי בין איך אַ ייד. קאַץ הייס איך. איר ווייסט כאָטש, מאַ־דאַמעלע — ווענדעט ער זיך צו וויקטאָריאַן — וואָס מיין פאַמיליע־נאָמען באַדײַט ? איר מיינט אוודאי, אַז דאָס וואָרט נעמט זיך פון דעם דייטשן וואָרט „קאַטצע״. אַ טעות. דאָס וואָרט קאַץ לויטן העברעאישן אויסלייג כ״ץ — איז אַ ראשי תיבות פון די ווערטער „כהן״ און „צדק״, וואָס דאָס הייסט אַזוי גוט ווי : אַ גערעכטער כהן. ד״ר קאַץ וועט גיין אינמיטן דער נאַכט צו אַ קראַנקן, בפרט נאָך צו אַזאַ איינעם, וואָס איז אַזוי צו זאָגן אומלעגאַלערהייט קראַנק געוואָרן, ווי דער פאַל, וואָס איר דערציילט מיר דאָ...

— ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן — האָט וויקטאָריאַ אויסגעבעסערט.

— פאַרוואונדעט אָדער קראַנק, אַלץ איינס. מיר, יידן, מאַדאַמעלע, קומען אַלע אויף דער וועלט אומלעגאַלערהייט. מיר לעבן אַ געגנבעטע לעבן, מיר ווערן קראַנק און פאַרוואונדעט, בעת מיר קעמפן פאַר דער אַל־געמיינער מענטשלעכער פרייהייט, אויף אַן אומלעגאַלן אופן. נאָר ווען מיר פאַלן, ווען מיר ציען אויס די קאַפּיטעס, נאָר דעמאָלט ווערט דער

דאָזיקער אַקט באַטראַכט ווי אַ לעגאַלער... וואַרט צו אַ רגע, איך קום שוין צוריק. איך וועל נאָר צונויפנעמען אַ פּאָר אינסטרומענטן.

— אַ ווילער בחור לעווין — האָט ד״ר קאַץ אויפסניי איינגעפּעדעמט דעם שמועס, ווען מיר זיינען אַרונטערגעגאַנגען די טרעפּ פון זיין הויז — גאָר אַ ווילער, זאָג איך אייך. ער הערט נישט אויף צו מיר שיקן יידן און יידענעס, וואָס זיינען ווי פּענכערס אָנגעפּילט מיט אַלערליי חולאתן און קרענק און יסורים. דאָ איז אַ שוואַנגערע פרוי, וואָס מען האָט איר צו־געגנומען דעם מאַן; טויג איר, פאַרשטייט זיך, די מערכה מיט איר בויך מער נישט. ווארום וועט זי גיין זיך לייגן אין קימפּעט אַריין, וועט זיך דאָך ווישי אַרומזען, אַז זי דאַרף על פּי דין אויך דעפּאָרטירט ווערן און וועט זי פון בעט אַרויסנעמען, ווי מען האָט עס געטאָן דאָ נישט לאַנג מיט אַ יידישער קראַנקער אין ראָטשילד־שפּיטאָל אין פּאַריז. דאָ ווידער רופט מען מיך צו אַן אַלטער פרוי, וואָס איז אַראָפּ פון זינען, זעענדיק ווי מען נעמט אַוועק איר גאַנצע משפּחה : אַ טאָכטער, אַ זון און אַ שנור און אַ טוץ אייניקלעך. וואָס קען איך איר העלפן, דער אַלטער פרוי ? זאָגן איר, אַז זי זאָל קומען צו זיך ? און דאָ שלעפּט מען מיך צו אַן אַנדער פרוי אין אַכטן חודש. זי האָט זיך געוואָלט אַ מעשה אָנטאָן, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז איר מאַן איז דערשאָסן געוואָרן, און דאָס האָט זיך איר נישט איינגעגעבן. די וועלט מיינט, אַז צו באַגיין זעלבסטמאָרד פאָדערט זיך נישט קיין שום דערפאַרונג. משוגעים, אידיאָטן ! אַלץ דאַרף מען לער־נען. אַ נישט האָט מען נאָכדעם צו טאָן מיט דאָקטוירים. און וואָס גע־ווינט מען דאָ ? מען לעבט ווייטער... מען מוטשעט זיך און מען לעבט ווייטער...

וויקטאָריאַ איז באַגייסטערט פון ד״ר קאַץ. מיט גרויס אינטערעס הערט זי זיך צו צו זיינע רייד. איך בין אויך גאַנץ פאַרכאַפּט פון זיין ביטערניש און פון זיין מענה־לשון.

— און מיינט איר, אפשר, מאַדאַמעלע — גיט ער דערנאָך צו — אַז מען רופט מיך בלויז ווענגן דאָקטאָרסקע מעשיות ? ד״ר קאַץ דאַרף קענען אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע פאַר דער געשטאַפּאָ, דאָס הייסט ער דאַרף וויסן, וווּ מען קען זיך אויסבאַהאַלטן, און דאַרף זאָרגן פאַר אַ גרופּע יידישע קינדער, וואָס זיינען איבערגעבליבן לעבעדיקע יתומים, נאָכדעם ווי מען האָט צוגענומען זייערע טאַטע־מאַמע. ווו נאָר אַ צרה, ווו נאָר אַ בראָך — אָהאָ, מען וועט זיך האַלטן אַן עצה מיט ד״ר קאַץ. און אַן עצה געבן, הייסט העלפן. וואָלט איך כאָטש געהאַט די מיטלען. איך וואָלט געקויפט

צוקער און פוטער אויפן שוואַרצן מאַרק, ווייל זיי דאַרפן דאָס נייטיקער האָבן ווי אַ מעדיצין. איך האָב אָבער אַליין בפירוש גאָרנישט מער. פּראַק־טיצירן טאָר איך נישט. איך וואָלט פּעטענען אַפילו ביז איצט געהערט ווי דעם קאָטער. בין איך אָבער איינמאָל אַריינגעפאַלן. געמוזט באַצאָלן שטראָף. נאָך גוט, וואָס איך בין אָפּגעקומען מיט אַ געלט־שטראָף.

שמועסנדיק אַזוי זיינען מיר אַרויס פון הויז.

— וואָס דאַרפט איר מער ? — האָט ער אַלץ דערציילט — נעכטן זיינען אָנגעקומען צו מיין מעדיצינישער קונסט די פאַרוואונדעטע יידן פון דער סינאַגאָגע. דאָס האָט די פּעטען־מיליץ אַריינגעוואָרפן אַ באָמבע אין שול אַריין, עטלעכע און צוואַנציק זיינען זיי געווען.

כאָטש ער האָט דערציילט לויטער טרויעריקע זאַכן, איז פונדעסטוועגן אָפט אויסגעקומען צו שמייכלען.

— ציין האָט איר מאַדאַמעלע — האָט ער אָנגעקוקט וויקטאָריאַן — ווי ביי אַ יונג פערדל... אָבער אויגן, ווי ביי אַ סאַרנע ! אַזעלכע אויגן האָב איך שוין נישט געזען, זינט איך בין אַוועק פון דער ליטע. נאָר וואָס טויגן מיר אייערע ציין און אויגן ? נישט איך וועל פון זיי הנאה האָבן, איך בין שוין אַן אַלטער מאַן, אַ שברי־כלי. זאָגט מיר בעסער ווו איז אייער חולה...

— שוין, שוין, דאָקטאָר. נאָך אַ פּאָר הייזער און מיר זיינען שוין אָנגעקומען אַהין.

— אַ, דאָרט ביי יענעם גרויסן מיסט־הויפן ? איך קען גוט דאָס הויז.

קאפיטל 24.

אַ מענה-לשון...

וויקטאָריאַ הערט נישט אויף אים צו רימען און צו לויבן דעם ד״ר קאַץ:

— אַזאַ מין ראַבלע האָב איך זיך נישט געריכט צו טרעפן. ד״ר קאַץ איז אַ געמיש פון אַ פראַנסואַ וויאָן, פון אַ קורטעלין און פון — לאָמיר זאָגן — אַ פאַסטער. ניין, ס׳איז נאָך אַלץ נישט דאָס. ער האָט עפּעס אין זיך פון אַן עדגאַר פּאָ, פון אַ באָסוע, פון אַנאַטאָל פראַנס. ניין, ס׳איז נאָך אַלץ נישט דאָס. מיט איין וואָרט, ער איז זייער אַן אָריגינעלער מענטש און ס׳איז אַ מחיה מיט אים צו שמועסן.

דאָס וואָרט „שמועסן" פּאַסט זיך דאָ אַפילו נישט, ווארום רעדן רעדט ער אַליין די גאַנצע צייט און לאָזט קיינעם נישט קומען צום וואָרט. עס שפּרודלט פון אים. אים איז אַלץ איינס צו וועמען ער רעדט. ער האָט אונדז יענעם טאָג אַליין געזאָגט, אַז ער רעדט צו זיינע פיר ווענט, ווען ער האָט קיינעם נישט לעבן זיך.

— וואָס טראַכט איר זיך דאָ, שרצים, וואָס איר זענט ? נאָך וואָס האָט איר מיך שוין ווידער גערופן ? קיין אַנדער אַרבעט, ווי צו קרענקען, האָט איר שוין נישט ? אַלץ אויף מיין קאָפּ... וואָס וואָלט איר געטאָן, פרעג איך אייך, ווען ס׳איז נישטאָ קיין ד״ר קאַץ ?

— אָבער ליבער דאָקטאָר — פּרוּווט מען אים איינשטילן.

— קומט נאָר נישט מיט אייערע חניפהלעך. איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב עס נישט ליב. קראַנק זענט איר פאַר זיך, נישט פאַר מיר... ווער האָט אייך שוין ווידער איינגערעדט אַ קרענק אין בויך ? איר פרעסט, זעט אויס, צופיל, וואָס ?

— אָבער דאָקטאָר...

— נו, געענוג שוין... לאָמיר זען וואָס איר האָט דאָרט...

אַזוי כמעט באַנעמט ער זיך צו אַלע חולאים. איז דער חולה אַן אָרעמאַן

און פרעגט אים, וואָס עס קומט אים פאַרן וויזיט, ווערט ער אַנגעצונדן פאַר כעס.

— איך דאַרף נישט אייערע לייזיקע פאַר פראַנק... קויפט זיך בעסער אַ שטיקל פרישע פוטער... אגב, צי האָט איר דען געגוג געלט אויף די רפואות ? וואָרום מיט אייך ווייסט מען דאָך קיינמאָל נישט ווי מען האַלט אין דער וועלט...

ער נעמט צונויף זיינע אינסטרומענטן און שוין איז ער פון יענער זייט טיר, אָן אַ „גוטן טאָג" אַפילו.

אַמערסטן פאַרדריסט דאָס, וואָס ער לאָזט נישט קומען צום וואָרט. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אונדז אָבער אויסגעקומען יאָ צו זען אַ מענטש, אין דער געשטאַלט פון אַ דיקער, יינגער פרויענצימער, וועלכע איז יאָ ביי אים געקומען צום וואָרט. זי האָט נישט נאָר געפּועלט ער זאָל זיך צו־הערן צו איר, נאָר זי האָט אים אויך אָפּגעהאַלטן מער ווי אַ שעה צייט ביי זיך אין שטוב. זי האָט אים באַזיגט. זי איז געווען שטאַרקער ווי ער. נאָכמער : די דאָזיקע פרוי איז אַפילו נישט געווען קראַנק, זי איז נישט געלעגן אין בעט. גערופן געוואָרן איז ער גאָר צו אירער אַ קרובה. ביי איר האָט ער זיך נאָר געוואָלט דערוויסן ווו די קראַנקע וווינט. האָט זי אים אַריינגעכאַפּט אין אירע נעגל. אַ רחמנות געווען צוצוקוקן, ווי ער האָט זיך געצאַפּלט אין אָט דער נעץ.

— ד״ר קאַץ, דאָס זייט איר ? אוודאי, וואָס דען ? אַז אַ קראַנקער ליגט אין יסורים, וועט איר נישט קומען ?

— ווער איז דאָ קראַנק ? — האָט ער געפרעגט.

— ווער ווילט איר וויסן ? אייגנטלעך, זיינען מיר אַלע קראַנק. פרעגט בעסער ווער ס'איז היינט געזונט ? אַזאַ יקרות, נישט קיין שטיקל פוטער און דער וויטיק, דער עגמת־נפש. ווי זאָל מען פון דעם אַלעמען נישט קריגן די אַפּאָפּלעקסיע ?

— איר האָט שוין געקראָגן די אַפּאָפּלעקסיע ? — האָט זיך ד״ר קאַץ איינ־געגעבן אַריינצווואַרפן אַ וואָרט, נאָכדעם ווי ער האָט געלויערט אַ רעכטע ווײַלע, ווען זי וועט אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

— געוויס, געוויס, פּאַניע דאָקטאָר ! יעדע מינוט קען יעדערן פון אונדז טרעפן אַ האַרץ־שלאַג.

ביז איצט האָט זי אונדז עפּעס גאָרנישט באַמערקט.

— און איר, מאַדאַמעשי, — האָט זי זיך פלוצים דערמאָנט — איר זייט דעם דאָקטאָרס אַ...

— די מאַדאַם — האָב איך איר איבערגעשלאָגן — פאַרשטייט נישט קיין יידיש.

— אַזוי גאָר ? — האָט זי זיך געוווּנדערט — געוויס ! אַזאַ עלעגאַנטע פרוי, פאַרשטייט נישט קיין יידיש... איר וועט מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך האָב די גאַנצע צייט גערעדט אויף אַ לשון, וואָס איר פאַרשטייט נישט. און איר, מיסיע, זייט יאָ אַ ייד ?

— געוויס בין איך אַ ייד. איר זעט דען נישט ?

— איך דערקען, איך דערקען, פאַרוואָס זאָל איך עפּעס נישט דער־קענען ? אָבער ?...

זי האָט עפּעס נישט פאַרשטאַנען די שייכות צווישן אונדז דרייען. זי האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס מיר טוען דאָ ביי איר.

ד״ר קאַץ האָט אויסגענוצט איר פאַרלעגנהייט.

— איר האָט גערעדט און גערעדט, מאַמעלע, מיר דערציילט מעשיות, וואָס זיינען מיר אין איין אויער אַריין, פון אַנדערן אַרויס. דערפאַר האָט איר מיך גערופן ? חוצפה האָט איר געענוג. ווען די פינגערלעך, די ברי־ליאַנטן, וואָלטן זיך כאָטש אַרונטערגעגליטשט פון אייערע דיקע פינגער און אַן אָרעמער טייוול וואָלט זיי געפונען, און „פאַרקנאַקט״ ערגעץ ווו... נישטאָ וואָס צו רעדן...

— מיינע פינגערלעך ? — האָט זי אים איבערגעהאַקט — זאָלן אייך פאַניע דאָקטאָר, מיינע פינגערלעך נישט גרויס זיין אין די אויגן. מיין מאַן האָט זיך גוט אָנגעהאָרעוועט אויף זיי. ווען נישט די פינגערלעך, וואָלטן מיר שוין היינט געווען ווער ווייסט אין וועלכן לאַגער.

זי האָט ווידער געוואָרפן אַ האַלב־ממזרישן, האַלב פרעגנדיקן בליק אויף וויקטאָריאַן. מען האָט געזען בחוש, ווי נייגעריק זי איז צו דערגיין ווער די פרוי איז.

— וואָס ? — האָט ד״ר קאַץ זיך גערייצט מיט איר — איר ווילט דווקא וויסן ווער זי איז ? אַ מכה פאַרן וועלן.

— איך בין נישט אַזוי „קיריע״ (נייגעריק), פאַניע דאָקטאָר, ווי איר מיינט, אַחוץ דעם איז זי דאָך גאָרנישט „מבין בלשון״...

— זאָל זיך אייך דוכטן, אַז זי איז מיין געליבטע.

— אַזאַ יאָר אויף מיר, וואָס פאַר אַ געשמאַק איר האָט, אויב אַזוי, פאַניע דאָקטאָר...

— איאָ אַ גוטן געשמאַק ?

— און ווער איז דער יונגערמאַן ? — האָט זי אַ ווייז געטאָן אויף מיר.

— ער ? ער איז איר מאַן ?

— שווייגט כאָטש. ער איז דאָך יאָ „מבן בלשון״. ער איז אַ ייד, האָט ער נאָר וואָס געזאָגט, כאָטש ער זעט גראָד אויס ווי אַ שגץ.

— פונדעסטוועגן איז זי פאָרט מיין געליבטע און טוט מיר עפּעס. מיין נשמה איז אויך נישט קיין ראָזשינקע...

— איר לאַכט פון מיר פּאַניע דאָקטאָר.

— איז זי אַ סאַניטאַרקע מיינע.

— אַזוי זשע רעדט.

— איר האָט, דאַכט זיך, אַנגעהויבן צו דערציילן אַ מעשה מיט אַ פינגערל. טאָ מאַכט עס גיכער.

— איז וואו־זשע האָב איך געהאַלטן ? נו. גוט. אַז אַ יידישע פרוי גייט היינטיקע צייטן אַרויס פון שפּיטאָל, נישט קיין צעקאַליעטשעטע, נישט קיין קאַליקע, נאָר פאַרקערט — אַן אויסגעהיילטע, נישט קיין... דעפּאָר־טירטע, דאַרף זי דאָך פון עפּעס לעבן. וואָס, ניין ? און אין שטוב צו זיך אַריינגיין קען זי נישט, קיין געלט איז נישטאָ, די פאַמיליע, איז אויף יענער זייט ליניע. טרעפט זי אַ יידן, וואָס האָט אַמאָל געהאַנדלט מיט איר מאַן... — מיסיע לאַזאַר — מאַך איך צו אים — איר קענט מיר נישט אַמאָל אויס־באָרגן אַ פּאָר פראַנק ? איר ווייסט, מיין מאַן האָט מען, נישט פאַר אייך געדאַכט, דעפּאָרטירט.

— אַ שאָד — מאַכט יענער — אַ גרויסער שאָד !

— איך בין געבליבן איינע אַליין. די קינדער מיינע באַהאַלטן זיך ערגעץ אין אַ קלויסטער.

— גלייכער אַזוי — מאַכט יענער — זאָלן זיי זיך אויסבאַהאַלטן !

— קענט איר מיר נישט אויסבאָרגן אַ פּאָר פראַנק ?

— צו מיין גרויס באַדויערן, בין איך נישט ביי קיין געלט.

— אָבער אַ ברילי‌אַנטן־רינגל וואָלט איך געקענט ביי אייך פאַרזעצן ?

— פאַרזעצן, נישט, מאַדאַם... נאָר אויב עס איז יאָ עפּעס אַ יש, וואָלט איך עס אפשר געקאָנט ביי אייך אָפּקויפן.

— אַ טייער רינגל, פינף קאַראַט, מיין מאַן האָט אַ פאַרמעגן באַצאָלט פאַרן רינגל. ס׳איז מיר אַ גרויסער שאָד עס צו פאַרקויפן. דאָס איז די איינציקע זאַך, וואָס איז מיר נאָך איבערגעבליבן.

— ווילט איר, הייסט עס, נישט פאַרקויפן אייער ברילי‌אַנטן רינגל ?

— אַ ברירה האָב איך ? איך מוז עס דאָך פאַרקויפן.

האָט זי אים דערלאַנגט דאָס רינגל און ער האָט געזאָגט, אַז ער מוז צוערשט לאָזן אונטערזוכן דעם שטיין, צי ער איז אַן עכטער. ער נעמט דאָס פינגערל, האַלט עס אָפּ אַ צוויי וואָכן. זי איז שיעור נישט פון זינען אַראָפּ — מאַלע וואָס עס מאַכט זיך. מען האָט איר נאָך געקענט פאַר־כאַפּן פאַר דער צייט. דאָס רינגל האָט ער איר נישט צוריקגעבראַכט, קיין געלט אויך נישט. אַ פּאָר הונדערט פראַנק האָט ער איר געוואָלט געבן, נישט פאַרן שטיין, זאָגט ער, ווייל ער איז פון גלאָז, נאָר פאַרן רינגל, פאַרן ביסל גאָלד.

דערהערט אַזוינס, מאַכט זי, פאַרשטייט זיך אַ געוואַלט:

— פון גלאָז? — שרייט זי — איר זייט אַליין פון גלאָז! אין דער מינוט זאָלט איר אָפּגעבן צוריק דאָס רינגל, אַנישט מאַך איך אַ געוואַלט און ביידע וועלן מיר אַרעסטירט ווערן...

האָט ער זיך דערשראָקן, דער ייד, און איר צוריקגעגעבן דאָס רינגל. מער האָט זי אים פאַר די אויגן נישט געזען. ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט דערנאָך, אַז דער לאַזאַר האָט קיין ליגן נישט געזאָגט, דאָס שטיינדל איז טאַקע געווען פאַלש. אָבער עס איז נישט געווען איר שטיין. לאַזאַר האָט דעם שטיין אויסגעטוישט אויף אַ פאַלשן ברילייאַנט...

פאַר עגמת־נפש איז זי קראַנק געוואָרן. און אָט ליגט זי, און גאָט ווייס, צי זי וועט נאָך אַמאָל געזונט ווערן.

קאַפּיטל 25.

מיר פאַרשטעלן זיך אין הונדערטער מאַסקעס...

נאָך גוט, וואָס וויקטאָריאַ האָט די גאַנצע דרשה נישט פאַרשטאַנען. דער צוזאַמענשטויס פון אָט די צוויי לחלוטין־אַנטקעגנגעזעצטע וועלטן וואָלט געווען אַ צו־ברוטאַלער.

אָבער וויקטאָריאַ האָט פאַרמאָגט די אויסטערלישע פעאיקייט, ווי געוויסע טויב־שטומע, צו פאַרשטיין זיך אויפן ווונק.

— מיר קומט פאָר — האָט זי מיר שפּעטער געזאָגט — אַז איך זיץ אין טעאַטער אויף אַ פאָרשטעלונג פון אַ פאַנטאָמימע. יאָ ווירקלעכקייט און נישט ווירקלעכקייט. מענטשן דרייען זיך אַרום, רעדן, האַנדלען און דאָך זיינען זיי גאָרנישט. אין דעם שטעקט די באַרעכטיקונג פון זייער עקזיסטענץ. אַנישט וואָלטן זיי זיך פאַרגעקומען ווי טויטע. הינטער אָט דער פרוי שטייט אַ צווייטע פרוי, וואָס קרימט איר נאָך, שושקעט איר אַריין אין אויער, נישט געקוקט אויף די טייערע רינגען, וואָס זי טראָגט אויף די פינגער און נישט געקוקט אויפן שנירל פערל, וואָס הענגט אַרונטער פון איר גוידער, איז זי פאָרט נישט קיין פערזענלעכקייט, נישט סאָציאַל געזען, נישט גייסטיק און אַפילו אויך נישט, וואָלט איך געזאָגט, ביאָלאָגיש. זי איז אַ שאָטן. יעדע באַוועגונג אירע, איז די באַוועגונג פון אַ פאַנטאָם. אויסגעוואָרצלטע, אומגליקלעכע און פאַרביטערטע מענטשן, וואָס קלאַמערן זיך אין רינגען, אין שנירלעך פערל.

— און אין „וועלאָדראָם ד׳היווער", ווי איך האָב דיר שוין דערציילט, וויקטאָריאַ, האָבן יידישע פרויען אין די בית־הכסה׳ס געוואָרפן זייער צירונג, כדי עס זאָל נישט אַריינפאַלן צו די דייטשן. דו קענסט אויך די אַנדערע זייט, די בעסערע.

— די האָסט עס מיר באַוויזן, מאָריס. די יידישע האָרעפּאַשניקעס און די יידישע אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ. וואָס פאַראַ וווּנדערבאַרע מענטשן

דאָס זיינען! זיי באַמיען זיך אַרויסצוראַטעווען פון דעם אַלגעמיינעם כאָאָס אַ וויכטיקן בוי־מאַטעריאַל פאַר אַ בעסערער אָרדענונג.

— די „טערקן", אַ שטייגער.

— ווער?

— דו קענסט זיי. איך האָב דיר שוין דערציילט פון זייער טעטיקייט. די יונגעלייט, וואָס האָבן פאַר אַן אויפגאַבע צו זאָרגן פאַר דער קאַסע פון דער באַוועגונג.

— די יונגעלייט מיט די טערקישע פאַפּירן, מיינסטו?

— זיי מיין איך. די דאָזיקע פאַמיליע איז פון די „מעצענאַטן".

— אַזוי גאָר? — האָב איך חרטה, וואָס איך האָב די פרוי און די גאַנצע מיליע אַזוי נידעריק אָפּגעשאַצט.

— זיי טוען עס נישט פרייוויליק. מען צווינגט זיי צו געבן. די „טערקן" זיינען אַזוינע פאַציענטן, וואָס מען דאַרף זיי וויפל מאָל שיעור נישט אונטערשטעלן אַ רעוואָלווער אונטער דער נאָז: „גיט אייער צו־שטייער, איר, וואָס האָט גענוג געלט פאַרדינט אויף דעם, אָדער יענעם אופן! גיט אייער חודשלעכן צושטייער. ווילט איר נישט געבן מיט גוטן, מוזן מיר אייך צווינגען דערצו..."

— דאָס איז דער איינציקער אויסוועג.

— ווי אַזוי דען אַנדערש וואָלט מען געקענט אָנפירן מיט די אַלע אַקציעס? גרויסע סומעס געלט פאָדערן זיך, ווייל מער ווי אַ העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג לעבט אומלעגאַל, אָן קיין שום פאַרדינסט־מעגלעכקייטן. נישט אַלע זיינען ראָטשילדס. בלויז פאַלשע פאַפּירן קאָסטן אָפּ אוצרות מיט געלט. די אויפגאַבן זיינען צווייפאַכע, דרייפאַכע, צענפאַכע. און אין וואָס פאַראַ באַדינגונגען דאָס אַלץ ווערט געטאָן! אויף יעדן שריט — אַ נעץ פון דער געשטאַפּאָ און זייערע פראַנצויזישע אַרויסהעל־פער. יעדן טאָג, וואָס מיר לעבן דורך, איז אַ געגנבעטער, אַן אויסגענאַרטער ביים גורל. מיר זיינען „טערקן", פּאָרטוגעזער, סיאַמער. מיר פאַרשטעלן זיך אין הונדערטער מאַסקעס. לאַנג וועט דויערן ביז יעדער וועט צוריק גע־פינען זיין אייגנטלעכע אידענטיטעט, זיין פריערדיקן איך. אַ סך וועלן אפשר גאָר מער נישט חשק האָבן זיך צו זען אין זייער נאַטירלעכער ראָם און וועלן זיך אַ גאַנץ לעבן שפּילן אין באַהעלטעניש מיט זיך גופא... די נאָך־מלחמה־צייט וועט זיכער אַרויסרוקן פאַר דער פּסיכאָלאָגיע — און אפשר אויך פאַר דער פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע — אַ ריי נייע פּראָבלעמען, אויף וועלכע מען האָט ביז אַהער זיך נישט גערעכנט.

— אַ משוגענע צייט.

— שייך משוגע ? יעדעס מאָל, ווען איך טראַכט וועגן די „טערקן" אונדזערע, מוז איך, נישט ווילנדיק, זיך פאַנאַנדערלאַכן. דו, וויקטאָריאַ קענסט נישט פאַרשטיין וויפל קאָמיזם עס שטעקט אין דער יידישער פאַר־שטעלונג פון אַ ייד און אַ טערק.

— פאַרנעמען זיך די „טערקן" נאָר מיט פינאַנציעלע אויפגאַבן ?

— ניין, פאַראַן אין דעם סעקטאָר מענטשן מיט די פאַרשידנסטע פאַ־פירן, אָבער מסתמא זיינען די צוויי־דריי „טערקן" לכתחילה געווען די מאַרקאַנטסטע פיגורן אין דער גרופּע, גייט שוין איצט די גאַנצע אַקציע אויף זייער חשבון. איך גופא האָב זיך איינמאָל אויך באַטייליקט אין אַזאַ מין „עקס", איידער איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער לאַבאָראַטאָריע.

— איז משולם אויך אַ „טערק" ?

— אַ געוועזענער. היינט, אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, אַרבעט ער אויף אַן אַנדער געביט. גוט, וואָס דו האָסט מיר אָן אים דערמאָנט. איך האָב זיך אָפּגערעדט מיט אירען, זיין חברטע, זיך צו טרעפן מיט איר מאָרגן אינאָוונט. דו קומסט דאָך מיט ?

וויקטאָריאַ האָט באַשלאָסן אָוועקצופירן דער קליינער העלען אין אַ קינדער־סאַנאַטאָריע אין די בערג.

עס האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז איך האָב אויך באַדאַרפט זיין אין דער געגנט, ווו די סאַנאַטאָריע געפינט זיך און איך האָב זיך אָנגעבאָטן זי צו באַגלייטן אַהין. העלר זשאַן האָט געוווסט, אַז מיין פאַמיליע געפינט זיך אין דעם שטעטעלע שעטיני, נישט ווייט פון דאָרטן; איז דער תירוץ : איך פאָר אָפּשטאַטן אַ וויזיט ביי מיין פרוי, געקומען ווי געוווּנטשן.

דעם קומענדיקן זונטיק האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין. הגם אונדזערע באַציאונגען זיינען געווען זייער פריינטלעכע, אַפילו נאָענט־חברישע, האָבן מיר נאָך קיינמאָל נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו פירן אַ פאַרטרוילעכן שמועס. דאָס נישט־דערזאָגטע צווישן אונדז, דאָס פאַר־שוויגענע, דאָס אויסבאַהאַלטענע, האָט דעריבער אין צוג גענומען דריקן אויף אונדז ביידן. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז באַלד וועלן מיר פאַרטרויען איינער פאַרן אַנדערן די סודות, אַבי זיך צו באַפרייען פון דער מחיצה.

און דאָך האָבן מיר אַ לאַנגע צייט געשוויגן, נישט אַזוי צוליב די קופּע שכנים — אַן עלטער פּאָר־פאָלק, אַ יונגערמאַן מיט אַ לאַנגן, פער־

דישן פנים און לאַנגע ציין — צוליב די זומערדיקע לאַנדשאַפט, וואָס האָט זיך געבעטן: „קוק מיך אָן, אדרבא”.

— וועגן וואָס טראַכסטו? — האָט זי מיך פלוצים אַ פרעג געטאָן.

— פרעג מיך בעסער וועגן וואָס איך טראַכט נישט. — האָב איך זיך אָפּגערופן.

— וואָס הייסט? — האָט זי אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר גרויסע אויגן — כ'פאַרשטיי נישט.

זי האָט פלוצים אַ כאַפּ געטאָן מיין האַנט אין אירער. איך האָב זיך צוגערוקט צו איר נענטער און איר כמעט אַריינגעשושקעט אין אויער:

— רוף מיך נישט „חבר”, מען קען אונדז נאָך פאַרדעכטיקן.

— ביסט גערעכט — האָט זי מסכים געווען.

מיר זיינען אַרויס אין קאָרידאָר און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער.

— עס זיינען פאַראַן מאָמענטן — האָב איך געזאָגט, ווען מען טראַכט וועגן אַלץ פאַר אַ מאָל, טאַקע וועגן אַלץ... שווער צו דערקלערן עס.

— ביסט אַ פילאָזאָף.

— פון תמיד אָן האָב איך געהאַט אַ שוואַכקייט זיך צו גריבלען: נאָך אַלס קינד, דערמאָן איך זיך פלעג איך פאַרוואַרפן מיין מאַמען און מיינע לערער מיט קשיות. איך פלעג זיי פאַרמאַטערן. אויסגעוואַקסן בין איך אָן אינזשיניער, נישט קיין פילאָזאָף.

מיר זיינען צוריק אַריין אין קופּע, ווייל באַלד איז דער צוג אַריין אין אַ טונעל. אונדזערע ליפּן האָבן זיך באַגעגנט און מיר זיינען עפּעס צוריק אַנטלאָפן פון דעם אָרט, כאָטש ס'איז געווען טונקל און קיינער האָט אונדז נישט באַמערקט.

וויקטאָריאַ האָט מיך, הייסט עס, באַגלייט ביז שעטיני, זי האָט אָבער נישט געוואָלט מיטגיין צו מיין מאַמען. איך אַליין האָב איר אויך נישט צוגערעדט צו דעם, איך בין נישט איבעריק צופרידן — צוליב דבורהלען, דער עיקר. ווארום הגם מיר זיינען נישט מאַן און ווייב, וואָלט עס נישט געווען דעליקאַט פאַר מיר אַראָפּצוקומען פלוצים מיט אַ פרוי. וויקטאָריאַ האָט עס אויך פאַרשטאַנען.

זי איז פאַרבליבן וואַרטן אויף מיר אין דער קאַפע, זי איז אַרויס שפּאַ־צירן איינע אַליין איבערן שטעטל. זי האָט געוואַרט אויף מיר ביז צום אָפּגאַנג פון דער קליינבאַן, וואָס פאַרבינדט אַלע אָונט דאָס פאַרוואָרפענע שטעטל מיט דער איבעריקער וועלט.

מיר איז אָנגעקומען זייער שווער צוריק אָפּצורייסן זיך פון דער מאַ־

מען, פון דבורהלען און באַלד אָוועקגעפאָרן מיטן נאָענטסטן צוג. זיי האָבן זיך געבעטן איך זאָל כאָטש בלייבן מיט. זיי נאָך אַ פּאָר טעג, כאָטש איין טאָג נאָך. וואָלט וויקטאָריאַ נישט געווען, וואָלט איך זיך אוודאי געלאָזט איבערעדן, אָבער איצט האָב איך נישט געקאָנט זיי צוליב טאָן און מיר האָט ווי געטאָן דאָס האַרץ, וואָס איך קען זיי נישט נאָכגעבן.

קנאַפּ וואָס האָט זיך ביי זיי געענדערט, דבורהלעס קינד איז פאַר דער צייט היפּשלעך אונטערגעוואַקסן. אַ פּרעכטיק קינד. ס'האָט זיך געוואָרפן אויף מיר מיט די הענטלעך און מיך גערופן: „פּאַפּאַ". נאָך נישט גענוג, האָב איך געטראַכט, וואָס איך לעב אויף פאַלשע פּאַפּירן, ווערט מיין אי־דענטיטעט נאָך געפעלשט אויך אויף אַן אַנדער אופן. געוויס איז דאָס אַ נאַרישער געדאַנק, אָבער איך קען זיך נישט העלפן. ער לאָזט מיך נישט צורו. „פּאַפּאַ, פּאַפּאַ" — און איך מאַך אַן אַנשטעל, גלייך איך וואָלט זיך געפרייט. איך כאַפּ דערביי אַ קוק אויף דבורהלען. גאָרנישט. איר פּנים בלייבט אומפאַרענדערט, דער זעלבער אויסדרוק פון די אויגן, אָבער אין זייערע ווינקלען האָט זיך די גאַנצע ביטערניש פאַרקליבן.

אָבער פאַרוואָס איז זי אַזוי פאַרביטערט? האָב איך עפּעס שלעכט געהאַנדלט לגבי איר? זי שפּילט די ראָל ווי זי קען, זי שפּילט גוט. יעדער מענטש שפּילט זיין ראָל. יעדער פון אונדז געפינט זיך פון צייט צו צייט אין אַ פאַלשער סיטואַציע און קיינער איז נישט פריי פון צביעות. וואָס האָב איך דען צו איר, בפרט, אַז איך האָב וויקטאָריאַן. איך אַליין בין אויך אין אַ מאָדנער סיטואַציע, ווען איך קום זיך צונויף מיט איר לעגיטימען מאַן. מערקט ער דעמאָלט נישט אין מיינע ווינקל־ליפּן אַ געוויסע פאַרביטערונג? און וואָס, אייגנטלעך, אַרט עס מיך אַזוי, ווען דבורהלעס קינד רופט מיך „פּאַפּאַ"?

וויקטאָריאַס מאַן וויל איר בשום אופן נישט געבן קיין גט. ביי דער איצטיקער פאַמיליען־פּאָליטיק פון דער ווישי־רעגירונג, וועט זי קיין גט ביי אים אַזוי לייכט נישט פועלן. עס קענען זיך נאָך פאַרציען יאָרנלאַנג.

זאָל נאָר ביז דער באַפרייאונג גאָרנישט פּאַסירן מיט מיר, אָדער מיט וויקטאָריאַן. דערווייל פאַלן טאָג־טעגלעך קרבנות. איך דערמאָן זיך אין מיין געפערלעכער אַרבעט אין דער לאַבאָראַטאָריע, אין דעם אויפרייס. ווי דורך אַ נס בין איך ניצול געוואָרן. דאָס האָט מיך דעניז געראַטעוועט — און אויך דורך אַ ליגן... הייסט עס, אַז אַ ליגן איז נישט אַלעמאָל געפער־לעך, בפרט פון אַ פרוי, וואָס האָט דיך ליב.

דעניז האָט מיך ליב געהאַט. איך ווייס עס. זי האָט איר קינד וויפל

מאָל געזאָגט, עס זאָל מיך רופן „פּאַפּאַ”. פאַר וויפל קינדער בין איך שוין אַ טאַטע! קינדער זאָגן נישט קיין ליגן.

— פאָר געזונט, משהלע, און קום באַלד ווידער. — זאָגט צו מיר די מאַמע — שרייב אָפטער, ווי ביז איצט.

איך זאָג דער מאַמען אַלצדינג צו. אויך דבורהלע ווינטשט מיר:

— פאָר געזונט, מאָריס!

— פּאַפּאַ! — רופט מיך איר קינד מיטן הענטעלע.

דאָס איז געווען אויפן וואָקזאַל. וויקטאָריאַ איז שוין געזעסן אין קופּע און האָט דיסקרעט אַרויסגעקוקט אויפן פּעראָן. איך האָב איר בליק געפילט אויף מיין רוקן.

מיר זיינען ווידער פאַרפאָרן אין דער סאַנאַטאָריע.

קאַפּיטל 26.

צוריקוועגס..

צוריקוועגס האָבן מיר זיך שטאַרק געאײַלט, נישט צו פאַרשפּעטיקן דעם צוג. אויפן האָריזאָנט האָבן זיך צונויפגעקליבן וואָלקנס. מיר זײַנען געגאַנגען באַרג־אַראָפּ און זיך געהאַלטן פאַר די הענט. מיר האָבן זיך געפילט ווי די קינדער און אונדזער פרייד איז געווען אויסגעמישט מיט אַ געוויסן אומרו.

איך האָב נישט געוווסט ווי אַזוי אָנצוהויבן. מײַן האַרץ איז פול געווען.

— וויקטאָריאַ — האָב איך זיך אָפּגערופן — אײַנגיכן וועלן מיר פײַערן דעם זיג.

זי האָט מיר נאָך שטאַרקער געדריקט די האַנט. זי איז מיר געווען דאַנקבאַר. איך האָב פאַרשעמט געשמייכלט.

ווען מיר האָבן שוין געהאַט דעם באַרג הינטער זיך, האָבן די ערשטע שווערע טראָפּנס גענומען פאַלן. איצט זײַנען מיר געגאַנגען לענגאויס די שינעס. ביז צום וואָקזאַל פון דער נאָענטער סטאַנציע, האָב איך איבערגעלייענט אויף אַ שטיין, איז נאָך פאַרבליבן איין קילאָמעטער. דערווייל האָט עס גענומען גיסן.

צום גליק, האָבן מיר באַמערקט אַ האַלב חרוב ביידל אין אַ זייט. אַ רעכטע ווײַלע זײַנען מיר דאָרט געשטאַנען שווײַגנדיק און צעטומלט. דערנאָך, אַז דער רעגן איז שוואַכער געוואָרן, האָבן מיר זיך געכאַפּט, אַז מיר קענען פאַרשפּעטיקן דעם צוג. איך בין דאַן אַליין צוגעלאָפן אַ קוק טאָן, וואָס עס הערט זיך אויפן וואָקזאַל.

אויפן קליינעם וואָקזאַל האָט זיך שטאַרק געטומלט. די וואָקזאַל־באַאַמטע זײַנען פאַרפאָרעטע געלאָפן הין און צוריק. אַ סך דאָרפסלייט האָבן זיך געהאַט צונויפגעקליבן בײַ די הילצערנע שטאַכעטן און נישט אויפגעהערט צו זשעסטיקולירן און צו ווײַזן מיט די פינגער אין דער ריכטונג, פון וואַנען דער צוג האָט באַדאַרפט אָנקומען. די פּאָר פאַר־

סאַזשירן, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן פּעראָן, האָבן געשלעפּט זייערע פּעק און וואַליזעס פון איין אָרט אויפן צווייטן, גלייך זיי וואָלטן מורא געהאַט, מען זאָל זיי נישט ארויסרייסן פון דער האַנט.

אַן עלטערע פרוי מיט אַ קאַמישן, שטרויענעם הוט אויפן קאָפּ, איז דעם באַן־באַאַמטן כסדר פאַרלאָפן דעם וועג.

— וואָס קומט דאָ פאָר ? — האָט זי געפּאַכעט מיט די אָרעמס — איך האָב געקויפט מיין בילעט, דעם געהעכערטן טאַריף האָב איך באַצאָלט, נישט געקוקט אויף די שווערע צייטן. באַט, זעט ! קוקט אים אָן, דעם בילעט מיינעם, אויב איר גלויבט נישט.

— איך גלויב אייך, מאַדאַם ! — האָט דער באַאַמטער אומגע־דולדיק זיך באַמיט אַרויסצודרייען פון אירע הענט. אָבער זי האָט נישט נאָכגעגעבן :

— שוין גוט, זאָגט איר ? און איך דערקלער אייך, אַז ס׳איז נישט גוט, גאָרנישט גוט ! איך מוז וואָס גיכער פאָרן צו מיין טאָכטער, זי גייט צו קינד... איר פאַרשטייט, צי נישט ? זי גייט צו קינד, מיין טאָכטער ! נאַט, זעט, אַ טעלעגראַמע האָב איך באַקומען...

— אָבער מאַדאַם, איך זאָג אייך, אַז דער צוג איז אויפן מיטן וועג אויפגעריסן געוואָרן. פאַראַן טויטע און פאַרוואונדעטע. אַ סך מענטשן זיי־נען אומגעקומען.

— וואָס דערציילט ער דאָ — מענטשן ? — האָט זיך אַריינגעמישט אַ יונגער בחור — אַ צוג מיט דייטשע סאָלדאַטן איז דער לופט געשפּרונגען און ער זאָגט גאָר — מענטשן ! אייער טאָכטער, מאַדאַם, האָט אויסגע־קליבן נישט קיין פּאַסיקן טאָג געלעגן־צו־ווערן...

— ער איז גערעכט, גאַסטאָן ! — האָבן די איבעריקע צוקוקער מסכים געווען.

— אָבער דעם בילעט וועלן זיי מיר מוזן צוריקצאָלן — איז די פרוי נישט אָפּגעטראָטן.

— שרעקט אייך נישט, מאַדאַם ! — האָט מען איר געטרייסט — מען וועט אייך אָפּגעבן דאָס געלט פאַרן בילעט.

— לויטן געהעכערטן טאַריף האָב איך באַצאָלט...

— לויטן געהעכערטן טאַריף, מאַדאַם, וועט מען אייך צוריקצאָלן... קיין ספק נישט, זייט רואיק !

— און דעם קימפּעט ? — האָט מיט אַ געלעכטער זיך אָפּגערופן דער בחור פון הינטער די שטאַכעטן — דער באַאַמטער וועט אים אויך מוזן

אָפּצאָלן. ער איז גאָרנישט אַזאַ בייזער, ווי ער מאַכט דעם אָנשטעל... ער האָט נאָר אַזוינע אויסדרוקן פון צייט צו צייט... „מענטשן — זאָגט ער — זיינען אומגעקומען״...

— שטייט נישט אַלע דאָ אַרום אַזוי — האָט דער באַאַמטער זיך גע־נומען בייזערן — גלייכער איר זאָלט זיך צעגיין איטלעכער אין זיין היים. איר מעגט זיין גאַנץ זיכער, אַז מיר וועלן דאָ האָבן די געשטאַפּאָ אויפן קאָפּ... איר האָט שוין פאַרגעסן, וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין פון די לייט מיט אַ צוויי וואָכן צוריק ? הע־הע, אַ קורצער זכרון ביי אייך, מיינע פריינט !

— ער איז גערעכט ! — האָבן זיך דערהערט עטלעכע שטימען פאַר אַ מאָל.

און באַלד איז דער וואָקזאַל געוואָרן פוסט, אָפּגעליידיקט. אַלע האָבן זיך צעוואָרפן אויף די אַרומיקע פעלדער.

איך בין צוריקגעלאָפן צו דער הייזקע און האָב האַסטיק איבערגעגעבן וויקטאָריאַן, וואָס עס איז געשען.

זאָגן, אַז איך האָב זיך געפילט שולדיק פאַר דעם, וואָס איז געשען, קען איך נישט. איך האָב זיך קאָנקרעט גאָרנישט געהאַט וואָס פאַרצו־וואַרפן. די נייע מישונג, וואָס מיר האָט זיך, נאָך חדשים־לאַנגער אַרבעט, איינגעגעבן אויסצוקאָמבינירן, איז געראָטן. דער רעזולטאַט האָט איבער־געשטיגן אַלע מיינע דערוואַרטונגען : קרוב פופציק טויטע, מער ווי הונ־דערט צעניזוקטע, פינף וואַגאָנען לחלוטין צעשטערט, אַ האַלבער קילאָ־מעטער שינעס פון דער ערד אַרויסגעריסן.

מיין גאַנצער חטא איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך האָב נישט געקענט זיין צו דער געהעריקער צייט אויפן אָנגעגעבענעם אָרט, כדי זיך צו דערוויסן דעם רעזולטאַט פון דעם אויפרייס און אויך דאָס, וואָס איך האָב לייכטזיניק ריזיקירט מיט מיין לעבן.

און מיין לעבן — געהערט עס דען בלויז מיר, מיין לעבן ? וואָס פאַר אַ חלק האָב איך אַריינגעלייגט אין אים ? איך האָב זיך אָבער געלאָזן פאַרפירן פון מיין האַרץ.

איך האָב זיך געלאָזן פאַרפירן פון מיין האַרץ, האָב איך געזאָגט, און בין פאַרבליבן אַן איבעריקן האַלבן טאָג אין דער קינדער־סאַנאַטאָריע מיט וויקטאָריאַ. דער סוף איז געווען, אַז מיר האָבן זיך געמוזט אומקערן אַהין נאָך אויף אַ טאָג צוויי, כדי נישט אַריינצופאַלן דער געשטאַפּאָ אין די הענט אַריין.

מיר האָט מען דערנאָך, צוריקומענדיק אין שטאָט אַריין, צוגעטיילט אַ נייע באַהעלטעניש, נישט ווייט פון דער לאַבאָראַטאָריע און מיר איז פאַרווערט געווען צו קומען אין קאָנטאַקט מיט אַנדערע מענטשן, אַחוץ מיט דעם שעף־כעמיקער פון אונדזער אָפּטייל. קיינער האָט מיין נייע דירה נישט געקענט און נישט געוווסט ווו איך געפין זיך. דער גרעיעג אויף „טעראָריסטן" האָט זיך פאַרשטאַרקט פון טאָג צו טאָג. די מסירות האָבן זיך פאַרמערט. יעדע נייע מפלה פון די דייטשן, האָט געבראַכט נייע פאַרטיזאַנער.

איך האָב וויקטאָריאַ די גאַנצע צייט נישט געזען. וויפל מאָל, זיצנדיק איבערן בויגן מיט די פאָרמולן, פלעגט זיך מיר דוכטן, אַז אין דער פאָרמול פון איר לעבן געפינט זיך אפשר אויך די „פאַרבינדונגס־פאָרמול" פון אונדזער ביידנס לעבן.

איך האָב געטראַכט וועגן איר, נאָר פאַרענטפערן דאָס פּראָבלעם, האָב איך געטראַכט, וועל איך שפּעטער... דאַן, ווען די איבעריקע פאָרמולן וועלן האָבן פאַרשוווּנדן און אויספּילן וועט זי נאָר, וויקטאָריאַ, די אַלע בויגנס פאַפיר...

און איך פלעג נעמען חלומען מיט אָפענע אויגן פון דער צוקונפט: מיר גייען ביידע באַרג־אַרויף, מיר שטייגן צוזאַמען מיטן גליק, וואָס לעבט אין אונדז...

אַ חודש צייט האָט עס געדויערט.

ביז צו דער דאַטע דערמאָן איך זיך אַלץ, וואָס מיט מיר איז געשען, געגוי, כמעט אַ שעה פאַר אַ שעה, הגם איין שעה איז געווען גלייך צו דער צווייטער און איין מינוט צו דער אַנדערער.

און איצט עפנט זיך געשווינד אויף אַ טירל פון אַ פאַסטקע, איך ווער אַהין אַריינגעשליידערט און — מער ווייס איך כמעט גאָרנישט. אויב איך קען דאָ יאָ איבערגעבן עטלעכע פּרטים פון אָט דער צייט, איז עס נאָר אַדאַנק מיינע חברים, וועלכע האָבן מיר געראַטעוועט דאָס לעבן. זיי האָבן עס מיר נאָכדעם דערציילט, וואָס מיט מיר האָט געטראָפן. אָבער צי זיינען אַלע פּרטים אויטענטיש ?

אַן אויסטערלישער פענאָמען ; גראָד די מאָמענטן, וואָס האָבן אייגנטלעך באַדאַרפט פאַרטויבן, איינשלעפערן מיין זכרון, האָבן זיך איינגעקריצט אַזוי שטאַרק. זיי זיינען, זעט אויס, געווען די פיקס־פונקטן אין מיין זכרון.

אָבער פריער דאַרף איך נאָך דערציילן פון אַ באַגעגעניש, וואָס איך

האָב געהאַט מיטן אַן אַלטן, גוטן פריינט, מיט אַ פראָנט־חבר, מיט פּיער ווילי. דאָס איז אויך געווען די סיבה פון מיין אַרעסט.

אין אָוונט, אַרויסגייענדיק פון מיין לאַבאָראַטאָריע, וואָס געפינט זיך אין הינטערצימער פון אַ פאָטאָגראַפישער אַטעליע און אַרבעט דווקא פאַר דער דייטשער אַרמיי, פאַלט אויף מיר אַ באַקאַנט קול :

— אַ, מאָריס, וואָס פאַר אַ גליקלעכער צופאַל ! ביסט פאַרשוווּנדן פון דער צירקולאַציע. פאַרוואָס האָסטו זיך קיינמאָל נישט באַוויזן פאַר די אויגן ?

איך בין געווען אַ ביסל צעטומלט, שוין צוליב דעם, וואָס ער האָט מיך אָנגערופן ביי מיין אַלטן נאָמען, אַ נאָמען, וואָס עקזיסטירט מער נישט פאַר מיר, טאָר מער נישט עקזיסטירן. איך האָב זיך אין דער רגע אויך דער־מאָנט די לעצטע סצענע ביי מאַרסעלן, ביי דער געליבטער זיינער אין שטוב. ווער ווייסט צי ער איז נישט אַמאָל אַ „קאָלאַבאָראַטאָר" און אפשר אַמאָל — נאָך ערגער... מיט אַלע כוחות האָב איך זיך באַמיט צו זיין נאַ־טירלעך. איך האָב געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי מיר וואָלט געווען זייער אָנגענעם די אומגעריכטע באַגעגעניש. ער האָט מיך שוין נישט אָפּגעלאָזן. איך האָב געמוזט מיט אים אַריינגיין אין אַ קאַפע און אויסשטיין דאָרט אַ פאַרהער. איך בין גאָרנישט געווען צוגעגרייט צו אַזאַ באַגעגעניש און ס'קען זיין, אַז איך האָב זיך מיט איין וואָרט נאָר פאַראַטן. אַזאַ אינטע־ליגענטער מענטש ווי ווילי איז מסוגל דעם געשיקטסטן ענטפער צו דע־מאַסקירן.

— האָסט זיך גאָרנישט געענדערט, פּיער — האָב איך אים געזאָגט.

— און דו אויך נישט. האָסט זיך בלויז אַראָפּגענומען דאָס מוסקע־טערן־בערדל. וואָס איז פון דיר געוואָרן ? פאַרוואָס האָסטו זיך קיינמאָל נישט געלאָזט זען ? איך בין וויפל מאָל געווען אויף דיין אַדרעס, אָבער די הויז־וועכטערין האָט מיר געזאָגט, אַז עס איז שוין לאַנג פון דיר קיין ידיעה נישטאָ. זי האָט אוודאי געמיינט, אַז איך בין אַ פּאָליציסט.

— אַזוי גאָר ?

— און דו לאַכסט גאָרנישט דערביי ?

— ביי וואָס ?

— אַז מען קען מיך אָנעמען פאַר אַ פּאָליציסט ?

כ'האָב געשוויגן. דער שמועס האָט אָנגעהויבן צו ווערן פיינלעך. ער האָט עס גלייך באַמערקט. און אין אַ רגע אַרום, גלייך ער וואָלט געלייענט

אין מיינע געדאַנקען, האָט ער מיר געזאָגט, אַז מאַרסעל האָט אים דער־ציילט פון מיין באַזוך ביי אים.

— זי האָט מיר דערציילט, אַז האָסט זיך נאָכגעפרעגט אויף מיר. זי האָט דיך געבעטן אונטערוואַרטן, ביז איך וועל קומען, אָבער ביסט גלייך אַנטלאָפן. ביסט געווען זייער פאַרנומען, האָסטו געזאָגט.

— ס'איז אמת, איך בין טאַקע געווען פאַרנומען אין דעם אָוונט — האָב איך זיך אָפּגערופן, נאָר כדי עפּעס צו זאָגן.

— וווינסט מיט דיין פאַמיליע דאָ ?

— יאָ.

— ביסט שוין לאַנג אַוועק פון פּאַריז ?

איך האָב זיך געריכט, אַז ער וועט ביי מיר בעטן מיין אַדרעס און האָב שוין געזוכט עפּעס אַ תירוץ אים מיין אַדרעס נישט צו דאַרפן געבן. איך האָב זיך דעריבער אָנגעכאַפּט אין דער אויסערגעוויינלעכער פראַגע, וועלכע ער האָט מיר געשטעלט אויך, וויזט אויס, ווייל ער האָט פאַרשטאַ־נען, אַז מיין צוטרוי צו אים איז ביי היינטיקן טאָג נישט קיין באַזונדערער.

— שוין עטלעכע חדשים, אַז כ'בין אַוועק פון פּאַריז — האָב איך מעכאַניש געענטפערט.

אַ קוים־באַמערקבאַרער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן. ער האָט אָבער געשוויגן.

כדי איבערצורייסן די שטילקייט, וואָס האָט שטאַרק געגומען דריקן אויף מיר, האָב איך געפּרוווט פאַרקערעווען דעם שמועס וועגן אונדזערע געמיינ־זאַמע פראַנט־איבערלעבונגען : ליבע, מאַלעריי, מאַזשינאָ־ליניע, דעם נאָ־מען פון זיין געליבטער מאַרסעל, האָב איך נישט געקענט אויסמיידן. אגב האָב איך אויך חשק געהאַט צו פּרעציזירן די קאָנטורן פון מיין חשד. ווארום נאָך אַלעמען, איז עס געווען ביי מיר מער ווי אַ חשד, אַז זי האָט צו טאָן מיט די דייטשן. קאָנקרעט וועגן איר טעטיקייט האָב איך גאָרנישט גע־ווּסט.

— מאַרסעל, ווייסטו, איז געוואָרן איינע פון די געפייערטסטע קינסטלער אין פּאַריז. האָסט אוודאי געלייענט פון אירע אויסשטעלונגען, פון איר דערפאָלג ?

— איך לייען וויניק די פּאַריזער צייטונגען.

— כ'פאַרשטיי — האָט ער זיך געכאַפּט.

— און דו האָסט אויך אויסשטעלונגען ?

— איך ? אין פאַרגלייך מיט מאַרסעלן אַלס מאַלער, בין איך גאָרנישט.

איבעריקנס, איז מאַרסעל גופא נישט זייער צופרידן פון איר דערפּאָלג, צוליב דעם פּאָליטישן מאָמענט, וואָס מישט זיך דאָ אַריין.

— וואָס פאַר אַ פּאָליטישער מאָמענט ?

— וואָס פאַרשטייסטו נישט ? מען קען מיינען, אַז זי האָט צו טאָן מיט די דייטשן.

— קאָלאַבאָראַציאָניזם ?

— קאָלאַבאָראַציאָניזם. אַחוץ דעם איז זי אַ שיינע פרוי, מאַרסעל.

— וואָס פאַר אַ שייכות האָט איינס מיטן אַנדערן ? — שפּיל איך ווײַטער מיין ראָל.

— עס האָט אפשר נישט קיין שייכות, אָבער פאַר אַ פרוי, וואָס האָט דערפּאָלג אויפן קינסטלערישן געביט, איז מען תּיכּף חושד, אַז זי מאַכט קאָנצעסיעס אויף אַן אַנדער געביט...

— מיך ווונדערט אָבער, וואָס אירע סיר־רעאַליסטישע מאָלערייען האָבן דערפאָלג אין אַ צייט, ווען די סיר־רעאַליסטישע שול גילט ווי אַ „יידישבאָלשעוויסטישע שול".

— מאַרסעל האָט שוין לאַנג אָוועקגעוואָרפן דעם סיר־רעאַליזם — האָט זיך פּיער אָפּגערופן, אַזוי ווי נישט באַמערקנדיק דעם לייכט־סאַרקאַסטישן טאָן מיינעם.

— איז זי, הייסט עס, געשיקט.

אויך אויף דעם האָט פּיער נישט געענטפערט. עס זיינען געפאַלן נאָך אַ פּאָר פראַזן צווישן אונדז, עס האָט זיך שוין אָבער מער נישט געקלעפּט.

פלוצים האָט זיך פּיער געכאַפּט, אַז ער האָט קיין צייט נישט. ער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און צוגערופן דעם קעלנער. איך האָב אַליין געוואָלט באַצאָלן פאַר די קאָנסאָמאַציעס, האָט ער זיך אָבער איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז באַצאָלן, ווייל ער האָט מיך פאַרבעטן.

— מיר וועלן אַצינד, האָף איך, זיך זעען אָפטער. דו וווינסט דאָ, אָדער אַרבעטסטו דאָ בלויז ? איך פריי זיך שטאַרק מיט דער אומגעריכטער באַגעגעניש.

ביי דער טיר פון דער קאַפע בין איך אַ לענגערע ווײַלע שטיין־געבליבן. דערנאָך האָב איך זיך פאַרקערעוועט אין אַ זייטיק געסל, אַריין אין דער גאַס, וווּ עס האָט זיך געפונען דער הינטערשטער אַריינגאַנג צו דער לאַבאָראַטאָריע. איך האָב גלייך אַלאַרמירט דעם שכן פון דער פאָטאָגראַפישער אַטעליע. ער האָט תּיכף צוויסן געגעבן די חברים כעמיקער. אין איין האַלבער שעה איז דער גאַנצער „חמץ" געווען אויסגערוימט פון דער אַטעליע.

ס׳איז געווען די העכסטע צייט, ווייל דער איבערפּאַל אויף דער אַטעליע איז געשען פונקט פערציק מינוט שפּעטער.

די פּאָליציי האָט אויפגעריסן די פּאַדלאָגע, זיי האָבן שיעור נישט צע־טראָגן די ווענט, אָבער גאָרנישט איז געפונען געוואָרן. פונדעסטוועגן זיינען דער פאָטאָגראַף און זיין פרוי אַרעסטירט געוואָרן. וואָס מיט זיי איז גע־שען דערנאָך ווייס קיינער נישט עד־היום.

נאָך דעם אייגענעם אָוונט האָב איך זיך איבערגעקליבן אַנדערשוואו.

ווידער האָב איך געמוזט זיך נישט בלויז משנה זיין, נאָר אויך זיך משנה־פנים זיין. נאָר דאָס גופא איז אויך געווען אַ קליינע גאַראַנטיע. ווי־באַלד מיינע שפּורן זיינען שוין אַנטדעקט געוואָרן, איז די סכנה אַריינ־צופאַלן געוואָרן זייער קאָנקרעט.

ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן איך זאָל פאַרשווינדן אויף אַ געוויסער צייט פון דער אויבערפלאַך. איך האָב שטאַרק חשק געהאַט צו גיין אין „מאַקי״, ווי מיינע מיטאַרבעטער פון דער לאַבאָראַטאָריע, בפרט איצט, ווען ס׳האָט אָפּטער גענומען פאַלן פון הימל אַמוניציע און געווער און די טע־טיקייט אין דער לאַבאָראַטאָריע האָט באמת אָנגעהויבן צו פאַרלירן איר פריערדיקע חשיבות. אָבער מיר איז צוגעפּסקנט געוואָרן אַ חודש אורלויב פון אַלע אונדזערע פראָנטן.

ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן — אַ באַשלוס איז אַ באַשלוס, און איך האָב געמוזט אונטערוואָרפן זיך.

מיר האָט זיך נאָך איינגעגעבן קורץ צו זען זיך מיט וויקטאָריאַן פאַר מיין אַוועקפאָרן. זי האָט צום באַדויערן געמוזט בלייבן אין שטאָט און פאָרזעצן איר טעטיקייט ביים פּראָקוראָר, ביי וועמען די אַקטן פון די אַרעסטירטע פאַרטיזאַנער האָבן זיך געפונען.

אַ סך חברים זיינען פאַר דער לעצטער צייט אַרעסטירט געוואָרן, אַ סך פּראָצעסן קעגן „טעראָריסטן״ האָט דער פּראָקוראָר באַאַרבעט. דורך וויקטאָריאַן זיינען אַ סך ענינים פון דער ווישי־יוסטיץ באַוווסט געוואָרן.

איך האָב געטראַכט מיט אַ באַזונדערער וואַרעמקייט וועגן וויקטאָריאַן. ס׳איז מיר געווען טרויעריק, ווען איך האָב זיך מיט איר געזעגנט. אַ פאַר־געפיל פון אַן אומגליק, האָט מיך באַגלייט.

קאַפּיטל 27.

אין די נעגל פון דער שײנער גרעטכען...

ווי נאָר דער צוג האָט גערירט פון אָרט, האָבן זיך אַרײנגעריסן אין אונדזער קופּע צוויי פּאַרשוינען — אַ געשטאַפּאָ־אָפיציר און אַ ציוויליסט, זיכער אַ פּראָנצויז. אײנער פון זיי האָט פּלוצים אָנגעוויזן אויף מיר און בײדע האָבן כמעט פּאַר אַ מאָל אַ געשריי געטאָן: „די הענט אין דער הויך !"

געדויערט האָט עס אַלץ נישט מער ווי אײן סעקונדע.

אַזוי האָב איך זיך געפונען אין די לאַפּעס פון דער געשטאַפּאָ. צי דער צוג האָט זיך אַלײן אָפּגעשטעלט, אָדער אײנער פון די געשטאַפּאָ־לײט האָבן אַ ציג געטאָן דעם אַלאַרם־גלאָק, האָב איך אין דער מינוט נישט געקענט זיך אָריענטירן. איך האָב געהאָפט אויף אַ באַוואָפנטער אינטער־ווענץ פון מײנע חברים. אונטערבאַוווסטזיניק, האָב איך אָנגעווענדעט די אַלטע פּסיכאָלאָגישע טאַקטיק — פאַרקערעווען די געדאַנקען אויף קלײני־קײטן, וואָס ווײניקער צו פאַרברויכן ענערגיע.

די דאָזיקע טאַקטיק האָב איך שפּעטער אויך אָנגעווענדעט אין מיטן פון די גרעסטע פּײניקונגען, אויף אַזוי ווײט, אַז איך האָב זיך געשראָקן, איך זאָל באמת נישט אַראָפּגײן פון זינען. איך האָב זיך געשראָקן, אָבער גלײכצײטיק האָב איך באַטראַכט משוגעת ווי דאָס אײנציקע מעגלעכע אָרט, וווהין איך קען אין לעצטן פאַל אַנטרינען פון דער אײגענער שוואַכ־קײט.

אויפן פּעראָן האָבן מיך בײדע היטער אַרומגערינגלט. נאָך צוויי פּאַר־שוינען מיט פינצטערע פּנימער זײנען צוגעשטאַנען פון הינטן. אָן אַ וואָרט צו רעדן, האָבן זיי מיר אָנגעטאָן קײטעלעך אויף די הענט.

— לאָס ! — האָט דער געשטאַפּאָ־אָפיציר צוגערופן דעם שאָפער.

לעבן מיר זיצן צוויי נײ־צוגעקומענע. אַנטקעגן מיר — די זעלבע,

וואָס האָבן מיך אַרעסטירט. קיין איין וואָרט איז אויפן גאַנצן וועג נישט אַרויסגערעדט געוואָרן. איך האָב זיך באַמיט צו קאָנצענטרירן מיינע געדאַנקען, צוצוגרייטן זיך פּאַר ענטפערס אויף פראַגן, נאָר דאָס האָט זיך מיר בשום אופן נישט איינגעגעבן.

דער אויטאָ האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט ביי אַ הויכן בנין. פון ביידע זייטן אַריינגאַנג איז געווען אויסגעמאָלט אַ געציקלטער 7. צוויי דייטשע פּאָסטנס האָבן אונדז דורכגעלאָזן. מען האָט מיך אַרויפגעפירט אויפן פערטן שטאָק. איך בין אַריינגעשטופּט געוואָרן אין אַ גערוימען צימער, צוגעפירט געוואָרן צו אַ טיש. געזעסן איז דאָרט אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, אין ברילן. איך האָב גלייך געפונען אין אים אַ מאָדנע ענלעכקייט צו הימלערן. ער האָט גראָד געהאַלטן אינמיטן אַ טעלעפאָנישן שמועס. געוווּנדערט האָט מיך שטאַרק דער ווייניק מאַרטיאַלער אויסדרוק פון זיין פּנים. אַ לייכט שמייכעלע האָט אַפילו געשפּילט אין די קנייטשן אַרום זיינע אויגן. קען זיין, אַז ער האָט גראָד געשמועסט מיט זיין געליבטער.

— יאַ, יאַ, אומבאַדינגט! — האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט אין טעלעפאָן־טרייבל.

מיינע באַגלייטער זיינען געשטאַנען שטייף, ווי די קלעצער. ווען ער האָט אָוועקגעלייגט צוריק דאָס טרייבל אויפן געשטעל, האָבן אַלע פיר ווי מיט איין קול אויסגעשריען:

— הייל היטלער!

— הייל היטלער! — האָט ער געענטפערט.

— מיר האָבן געבראַכט דעם נומער אַכט און צוואַנציק! — האָט איינער פון זיי שטייף געמאָלדן.

— פריילן מאַרטאַ וועט אייך געבן אַ באַשטעטיקונג! — האָט ער זיך אָפּגערופן.

ער האָט אַ דריק געטאָן אַ קנאָפּ אויפן טיש און כמעט אין דער אייגענער רגע האָט זיך באַוויזן אַ ריזיקער געשטאַפּאָוויעץ. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך האָב נאָך אַזאַ ריז קיינמאָל נישט באַגעגנט.

— איך וועל אַרונטערקומען אַן ערך אין אַ שעה אַרום — האָט דער עלטסטער געזאָגט און האָט פון אַ שטויס אַרויסגעצויגן אַ קאַרטאָן, וואָס האָט געטראָגן דעם נומער 28, ווי איך האָב באַוויזן צו באַמערקן.

דער ריז האָט מיך אַ שטופּ געטאָן אין דער ריכטונג צו דער טיר. מיר

האָבן זיך אַרונטערגעלאָזן פון די טרעפּ. פון דער מינוט אָן איז מיין גורל געלעגן אין זיינע הענט.

איך האָב זיך פּלוצים געפונען אין אַ קעלער. ס׳איז געווען אַ מין קאָרידאָר, קיין שום מעבל־שטיק איז דאָרט נישט געשטאַנען. אפילו דער ריז איז פאַרשוואונדן. ווי לאַנג דאָס האָט אַזוי געדויערט, געדענק איך נישט. נאָר באַלד האָט זיך געעפנט אַ טיר. דער ריז האָט מיך אַריינגעשטופּט אין אַ מין ביוראָ. איך ווייס נישט פאַרוואָס דאָס דאָזיקע צימער האָט געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק פון אַ וואַרשטאַט. סטענאָטיפּיסטקעס זיינען געזעסן ביי קליינע שרייב־מאַשין־טישלעך. אין דער מינוט אָבער האָט קיין איינע פון זיי נישט געאַרבעט. אַחוץ דעם, זיינען אין דעם צימער נאָך געווען פיר מענער אין געשטאַפּט־אוניפאָרמען.

מקבל פנים געווען האָט מיך דווקא אַ פרוי, פון אַ יאָר צוויי, דריי און צוואנציק. אַזאַ געשטאַלט האָב איך אַמאָל געזען שפּילן דער גרעטכען אין אַ פאַאוסט־פאָרשטעלונג. אַ בלאָנדער קאָפּ האָר, לאַנגע צעפּ, אַ מילך־ווייסע הויט, טיף בלויע אויגן, אַ רואיקע און עפּעס ווי אַ פאַרקלערטע האַלטונג.

ווי פּאָרט זיך דאָס אַלץ מיטן ווילדן פייערל, וואָס האָט זיך באַלד אָנגעצונדן אין אירע אויגן?

זי איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ שילערין פון עפּעס אַ קאַטוילישן אינטערנאַט: אַ לענגלעך, טונקל־געשטרייפט קליידל, לאַנגע אַרבל, אַ קליין גיל־דערן צלמל האָט זיך געוויגט אויף איר קוים־אָפּגעדעקטן האַלדז. די דער־שיינונג איז געווען אַזוי אומדערוואַרט, אַז איך האָב מסתמא אַ שמייכל געטאָן — פאַר פאַרוואונדערונג, פאַר פאַרלעגנהייט, אָדער גאָר פאַר איבער־ראַשונג.

זי האָט מיר צוריק געענטפערט מיט אַ שמייכעלע.

— זיצט! — האָט זי מיר אָנגעוויזן אַ שטול דערלעבן אין ריינסטן פראַנצויזיש.

איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן שטול. צעטומלט בין איך געווען געבנוג און דער ריז איז געשטאַנען איבער מיר, ווי אַ סטאַטוע.

— זאָגט מיר, זייט אַזוי גוט, אייער נאָמען — האָב איך באַלד געהערט איר לויטערע שטים, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ גלעקעלע — איר וועט מיר ענטפערן אויף אַלע פראַגן, אין הסכם מיטן ריינעם אמת. וועט איר עס טאָן, האָט איר פאַר גאָרנישט מורא צו האָבן.

ס׳איז מיר פאָרגעקומען, ווי איך וואָלט דאָ געשפּילט אַן אויסטערלישע

ראל אין אַ מאָדנעם טעאַטער־שטיק. אויף אַזאַ קבלת־פּנים האָב איך זיך גאָרנישט געריכט.

— שאַרל באַדען איז מיין נאָמען! — האָב איך געהערט מיין אייגענע שטים אַ ביסל אונטערציטערן.

זי האָט אויפסניי אַ שמייכל געטאָן:

— אַ שיינעם נאָמען האָט איר זיך אויסגעקליבן. איר זייט דאָך געוויס אַ פראַנצויז, אַן אַריער, מיין איך?

איך האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— אויב אַזוי, איז אַלץ אין אָרדענונג. נאָר פונדעסטוועגן, אייך גלויבן אויפן וואָרט, וואָלט געווען נאַריש, ווען ביי היינטיקע צייטן פאַרשטעלן זיך אַזוי פיל יידן, קאָמוניסטן און אויסלענדער פאַר פראַנצויזן.

— איך האָב פּאַפּירן!

— געוויס האָט איר פּאַפּירן, אויסגעשטעלט אויפן נאָמען... ווי האָט איר פריער געזאָגט?

— שאַרל באַדען.

— גוט, מיר וועלן דאָ באַלד קאָנטראָלירן. טוט זיך אויס, זייט אַזוי גוט.

איך האָב זי אָנגעקוקט מאָדנע, נישט באַגרייפנדיק באַלד וואָס זי מיינט דערמיט.

— אויסטאָן זיך! — האָט זי איבערגעחזרט אין אַ ביסל אַ העכערן טאָן — איר האָט אייך דאָ גאָרנישט וואָס צו שעמען...

איך האָב זי נאָך אַלץ אָנגעקוקט מיט אַן אומפאַרשטענדלעכן בליק.

— נישט אמת, האָנס? — האָט זי זיך געווענדעט צום ריז, וואָס איז די גאַנצע צייט לעבן מיר געשטאַנען ווי אַ ליימענער גולם.

— יאַוואָהל! יאַוואָהל! ווי? ווי! — האָט דער ריז באַשטעטיקט אי אין דייטש, אי אין פראַנצויזיש.

אַ פרעסטל איז מיר אַריבער אַלע מיינע גלידער.

איך האָב זיך באַלד געכאַפּט, אַז איר געלאַסענער טאָן און איר שמייכעלע זיינען אומישנע דאָ באַשאַפן געוואָרן, כדי צו צעטומלען די „קליענטן".

ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. איך האָב אויסגעטאָן מיין רעקל, מיינע שיך, אַרונטערגענומען די הויזן. מער אויסטאָן זיך האָב איך שוין נישט געקענט. די הענט האָבן ביי מיר געציטערט. דער ריז האָט מיר דאָס מיט איין באַוועגונג אַרונטערגעריסן פון לייב: דאָס העמד, די גאַטקעס. איך בין געבליבן שטיין מוטער־נאַקעט. מיט קענער־בליקן האָבן זיך אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען אין ביוראָ, מיטאָמאָל געוואָרפן מיך אָנצוקוקן. מען האָט

מיך דערנאָך געהייסן אַנידערשטעלן זיך אויף אַ שטול, כדי דאָס מיידל מיטן גרעטכען־פּנימל זאָל זיך נישט דאַרפן אַרונטערבויגן.

— און אַצינד ! — האָט זי אַרויסגעצישעט מיט ווילדן כּעס — זאָג באַלד אויס ווי דו הייסט, אַנישט וועט באַלד רעגענען, כדי דו זאָלסט, שמוציקער ייד, וואָס דו ביסט, ווייכער ווערן...

— איך הייס שאַרל באַדען.

איך האָב תּיכף באַקומען פון דעם ריז אַזאַ פּלעט איבערן קאָפּ, אַז איך בין אומגעפאַלן אויף דר׳ערד.

— אויפשטיין ! — האָט מען געשריען איבער מיר.

און פון דער מינוט אָן האָב איך גאָרנישט מער געהערט. אַ מחנה ווילדע געשרייען זיינען געלאָפן אַרום מיר. איך בין פאַרגאָסן מיט בלוט. אַלץ קלעפּט. געשרייען אין דייטש, אין פראַנצויזיש. מיט עמערס וואַסער ווער איך אָפּגעפּליוכעט.

ווו געפין איך זיך ? ס׳איז דאָך נישט דאָס צימער, ווו מען האָט מיך אַריינגעפירט. איך בין אין דער קאַמער, ווו עס געפינען זיך די פייני־קונגס־מכשירים — דער לאַנגער טיש מיט די טשוועקעס, די פּרעס־מאַשין די נעגל אַרויסצורייסן, די „אומגעקערטע תּליה״, אויף וועלכער מען ווערט אויפגעהאָנגען פאַר די פיס.

פאַרוואָס שלאָגן זיי מיך כּסדר אויפן סעקס ? און זיי לאַכן, זיי קייקלען זיך פאַר געלעכטער. דאָס צלמל, אויך דאָס צלמל לאַכט... איז עס דער שגעון ? אָדער — לעב איך נאָך איבערהויפּט ? אוודאי לעב איך. איך רעווע פאַר ווייטיק, איך שפּיר די יסורים. דאָס איידעלע גרעטכען־פּנימל — האָט מיך נאָכאַנאַנד דורכגעשטאָכן.

קאפיטל 28.

צי האָב איך גערעדט ?...

דער נומער 28 ליגט אין תפיסה־שפּיטאָל.

פאַרוואָס קען איך נישט באַוועגן מיט קיין גליד ? ווו זיינען מיינע אויגן ? איך זע קוים לינקס פון מיר נאָך אַ בעטל, איך באַמערק אַפילו די פאַרקראַטעוועטע פענצטער אויבן.

ווען איז עס געשען ? וואָס פאַר אַ שטותערייען מיר קריכן איצט אין קאָפּ אַריין.

זיי האָבן מיך אויפגעוועקט. פאַרוואָס האָבן זיי מיך שוין נישט אַזוי צוגעענדיקט ? פאַרוואָס האָבן זיי מיך נישט פּראָסט־פּשוט דערשאָסן, ווי זיי האָבן מיר אַזוי רואיק געהאַט צוגעזאָגט, אויב איך וועל נישט רעדן ?

זיי האָבן מיך נישט דערשאָסן. אַ סימן, אַז איך האָב אוודאי גערעדט...

האָב איך טאַקע גערעדט ? האָב איך אויסגעזאָגט אַדרעסן און נעמען ? האָב פאַראַטן מיינע חברים ?

און אַ נייער ווייטיק נעמט עקבערן מיין גוף. דער דאָזיקער ווייטיק איז אַזוי גרויס, אַז עפּעס קען איך אים מיט קיין פיזישע יסורים נישט פאַרגלייכן.

איך זוך אַרויס פון מיין פאַרנעפּלטן זכרון, איך וויל דערגיין, צי האָב איך טאַקע פאַראַטן מיינע חברים, בין איך טאַקע אַן אויסוווּרף ? האָב איך דעם עקזאַמען פון די פּייניקונגען, צו וועלכע איך האָב מיך אַזוי לאַנג געהאַט געגרייט, נישט אויסגעהאַלטן ?

געוויס האָב איך מיינע חברים פאַראַטן, אַנדערש וואָלט מיר דאָך די געשטאַפּאָ נישט געלאָזט לעבן. זיי וואָלטן מיך דאָרט גלייך דער־שאָסן. וואָס פאַר אַ נוצן קען איך נאָך מיט מיין לעבן ברענגען ?

נאָר — אָט, אַ שפּאַרע, אַ שטראַל פון האָפענונג : דווקא דערפאַר, וואָס זיי האָבן פון מיר גאָרנישט אַרויסבאַקומען, האָבן זיי מיך געלאָזן לעבן. מען

וועט מיך אַצינד אויפסניי נעמען אויפן פֿאַרהער. איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב אַנומלט געלייענט ערגעץ וועגן אָט דער טאַקטיק פון פייניקן.

כ׳בין אָפּגעגאָסן מיט שווייס. אויב אַזוי, טראַכט איך, איז גלייכער כ׳זאָל נישט געזונט ווערן, בעסער שטאַרבן. ווער ווייסט, צי כ׳וועל ביי נאָך אַזאַ פֿאַרהער נישט שוואַך ווערן ? ווער ווייסט ?

דאָס איינציקע, וואָס באַוועגט מיך, איז דער ווייטיק. ווי אַזוי וועל איך קענען פֿאַרענדיקן מיט זיך, כדי זיך צו ראַטעווען פון אַ צווייטן פֿאַרהער ? כדי צו באַגיין זעלבסטמאָרד, מוז דער ווילן זיין שטאַרק און פלינק און אַנטשלאָסן. און איך ליג אַזוי ווי אַ קלאָץ.

איך נעם צונויף דאָס לעצטע ביסל כוחות און באַשליס גאָרנישט נישט צו טראַכטן מער. אפשר וועט די געשטאַפּאָ נישט באַווייזן מיך צו נעמען אויף אַ צווייטן פֿאַרהער ? אפשר... וועט מען אָן מיר פֿאַרגעסן. מאַלע וואָס עס קען פּאַסירן...

עס פּאַסירט אָבער גאָרנישט. די צייט האָט זיך אַזוי ווי אָפּגעשטעלט, הגם עס בייטן זיך כסדר טאָג און נאַכט די זון און די לבנה.

אַלע וועגן פירן איצט אַהין, צו דער קינדהייט און — צום טויט.

איך וויל שטאַרבן. סיי ווי וועל איך שוין די באַפרייאונג נישט דערלעבן. טאָ לאָזט מיך בעסער שטאַרבן.

אָבער שטאַרבן האָט מען מיך נישט געלאָזן. פֿאַרקערט, מען האָט מיך געהיילט. איך קאָן שוין שטיין אויף די פיס, איך קען זיך שוין באַוועגן. איך בין צוריק אַ לעבעדיקער מענטש. איך האָב זיך נישט אָנגעטאָן קיין מעשה, איך האָב אַפילו נישט קיין סם ביי זיך. אויך דער מוט האָט מיר געפעלט.

דערווייל לאָזט מען מיך צורו. קעגן יעדער דערוואַרטונג, בין איך גאָר איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון אַ פראַנצויזישן אויספאָרשונגס־ריכטער. צוויי מאָל האָט מען מיך שוין גענומען אויפן צימבל. אָבער מאָדנע :ביידע מאָל האָט מען מיך נאָר אויסגעפרעגט, אָבער נישט גע־שלאָגן.

איך האַלט זיך כסדר ביי דאָס מייניקע : איך ווייס פון גאָרנישט. איך ווייס נישט פון וואָס צו זאָגן. דער נאָמען מיינער איז טאַקע אַ פֿאַלשער. איך בין אַ ייד, אַ נאַטוראַליזירטער ייד. איך האָב זיך געשראָקן פֿאַר דער דעפּאָרטאַציע, האָב איך זיך געלאָזט מאַכן פֿאַלשע פּאַפּירן. דאָס איז אַלץ.

די תפיסה־צעלע האַלט פיר טריט אין דער לענג, צוויי טריט אין דער ברייט. שוין דריי וואָכן ווי איך זיץ דאָ. בייטאָג גריזשען מיך די געדאַנ־

קען, ביינאַכט ווער איך אויפגעפּרעסן פון די וואַנצן. זיי זוכן אויך לעבנס־רוים.

טרויעריק זיינען דער עיקר די תפיסה־נעכט. איך ליג מיט אָפענע אויגן. איך וואָלט וועלן זיך דערקלייבן צו יענעם אָוונט, ווען איך האָב דעם לעצטן מאָל געזען וויקטאָריאַן. אומזיסט, דאָס בילד רייסט זיך איבער אינמיטן.

וואָס טוט זי איצט וויקטאָריאַ ? ווו איז זי ? דעניזן קען זי נישט, דאָס איז זיכער, טאָ פאַרוואָס זע איך זיי אינאיינעם ? און פאַרוואָס מוז איך טראַכטן פון מאָריס שטיינמאַנען ? וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער צו דעניזן ? און צו וויקטאָריאַן... און די סצענע אויפן בית־עולם שטייט ווידער אויף לעבעדיק פאַר מיינע אויגן.

מיינע געדאַנקען פאַרקערעווען זיך צוריק צו דער קינדהייט. יעדער איינער איז קראַנק אויף זיין קינדהייט, פלעגט שלום זאָגן. ער איז אומ־געקומען אין פאַריז, אין דער לאַבאָראַטאָריע, דער אָרעמער. נישטאָ מער קיין שלום.

צוליב שלומען מוז איך לעבן, צוליב וויקטאָריאַן, צוליב דבורהלען, צוליב איר קינד, איך מוז לעבן פאַר מיין מאַמען...

קאפיטל 29.

די פרייהייט, די פרייהייט, די ליבע...

דער אַקט, וואָס אַדאַנק אים בין איך באַפרייט געוואָרן פון דעם גיהנום, איז נישט פון מיר געפּלאַנט געוואָרן, נישט איך האָב אים צוגעגרייט. איך האָב נאָר אָנגענומען אַ באַשלוס צו לעבן. מיין באַפרייאונג האָב איך קודם כל צו פאַרדאַנקען וויקטאָריאַן און דערנאָך — מיין גרופּע.

אָט ווי אַזוי עס האָט זיך פאַרלאָפן:

ווי נאָר וויקטאָריאַ האָט זיך דערוווּסט פון מיין אַרעסט, האָט זי תּיכף פאַרטראַכט אַ פּלאַן, ווי מיך דער עיקר, צו באַפרייען פון די הענט פון דער געשטאַפּאָ און צו מאַכן אַזוי, אַז די פראַנצויזישע „יוסטיץ" זאָל מיך אַרויספאָדערן וועגן כלומרשטע פאַרברעכנס, וואָס איך זאָל האָבן באַגאַנגען אויפן געביט, וואָס איז נוגע נאָר ווישי. וואָלט איך געהאַט עפּעס פאַראַטן — וואָלט עס נישט מעגלעך געווען צו טאָן. אָבער אַזוי ווי די געשטאַפּאָ האָט זיך פון מיר גאָרנישט דערוווּסט, האָט זי אָפּגעטראָטן איר קרבן די פראַנצויזן.

ווי אַזוי דאָס איז געלונגען וויקטאָריאַן — וועגן דעם לוינט זיך אָפּצושטעלן.

וויקטאָריאַ האָט געאַרבעט אַלס סעקרעטאַרין ביי אַ פראַנצויזישן פּראָקוראָר. אַ סך פאַרטיזאַנער זיינען אַדאַנק איר באַצייטנס געוואָרנט געוואָרן און האָבן נאָך געקענט אַנטלויפן. אַנדערע ווידער האָבן זיך דערוווּסט וואָס פּאַראַ באַווייזן די פּאָליציי פאַרמאָגט קעגן זיי, ווען זיי קענען יאָ לייקענען און ווען — נישט.

דער פּראָקוראָר האָט צו איר געהאַט פולשטענדיקן צוטרוי און האָט איר אָנגעטרויט די וויכטיקסטע אַקטן צו באַאַרבעטן. מסתּמא איז ער אויך געווען אין איר אַ קליין ביסעלע פאַרליבט...

דאָס איז געווען שוין זייער לאַנג, נאָך איידער זי האָט חתונה געהאַט

מיט זשאַנען. דעמאָלט וואָלט זי אוודאי געדן זיך פאַרבונדן מיט אים. זי וואָלט, האָט זי זיך אַפילו איינמאָל מודה געווען פאַר מיר, מסכים געווען צו לעבן מיט אים, ווען ער וואָלט נישט געהאַט ביי זיין זייט קיין אַנדערע געליבטע. אָבער נישט געקוקט אויף זיין ליבע צו איר, האָט ער זיך נישט געקענט אַנטשליסן. ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס פאַרבינדן זיך, וועט פענטען זיין פרייהייט. ער איז שטאַלץ געווען מיט זיין פרייהייט. ער איז געווען זייער אַ טאַלאַנטירטער אַדוואָקאַט, מיט גרויסע אַמביציעס. ער האָט זיך אַפילו געריכט צו ווערן מיניסטער־פּרעזידענט. „מען טאָר זיך אין ערגעץ נישט פיקסירן" — האָט ער ליב געהאַט צו זאָגן.

זי האָט אים דעמאָלט ליב געהאַט. זי האָט ליב געהאַט דעם כישוף, וואָס זיינע פינגער האָבן אַרויסגעבראַכט אויף דער פּיאַנע, זי האָט ליב געהאַט זיין אינטערפּרעטאַציע פון דעביסי, די דעליקאַטע און קאַפּריזנע מוזיק פון דעם פראַנצויזישן מייסטער, האָט אונטער זיינע לאַנגע, ווייסע פינגער, געפונען שלימות.

ווי אָרעם זשאַן פלעגט אויסקוקן אין אירע אויגן, ווען זי פלעגט זיצן ביים אַדוואָקאַט אין סאַלאָן און זיך צוהערן, זיך באַטייליקן אין די מוזיקאַלישע אָוונטן.

איז ער אָבער געווען אַן אַדוואָקאַט, אַ פּאָליטיקער, אַ שטיקל פּאָלי־טישער שאַרלאַטאַן, ווי פיל פון דעם שניט אַדוואָקאַטן זיינען עס...

זייערע לעבנס זיינען זיך ווייט פאַנאַנדערגעגאַנגען. אין איר לעבן האָט זיך אינגאַנצן אומגעריכט געהאַט אַריינגעריסן זשאַן, די ניכטערע, גרויע אַלטעגלעכקייט, וואָס גריזשעט אַרויס דעם מאַרך פון די ביינער. ער, ווידער, האָט זיין מוזיק פאַרוואָרפן און איז געשטיגן אויפן שטאַפּל פון אַדוואָקאַטור. פון צייט צו צייט פלעגט זי אים נאָך זען. אַ וואָרט, אַ בליק און — נישט מער. עפּעס איז דאָך פאַרבליבן צווישן זיי. דאָס האָט ער זי דער ערשטער אַריינגעפירט אין דער סובלימער וועלט פון דיכטונג און פון מוזיק.

ערשט אין דער לעצטער צייט, האָט זי זיך אויפסניי אָנגעבונדן צו אים, צו זיין הויז, אָבער מיט בלויזער אַרבעט. אַלץ איז אויסגעוועפּט געווען צווישן זיי. אויף זיינע אַמאָליקע אָנצוהערענישן האָט זי געענטפערט מיט אַ קאַטעגאָרישן „ניין". אָבער ער האָט אַלץ געוואַרט אויף אַ פּאַסיקן מאָמענט. קען זיין ער האָט זיך אפשר אָנגעשטויסן, אַז זי שטייט אין פאַרבינדונג מיט דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און האָט איר זיכערקייט,

ווי די זיכערקייט פון אירע נאָענטע חברים באַטראַכט ווי אַ מיטל צו דער־שלאָגן זיך צוריק צו איר קעגן־ליבע.

אין דעם פאַל מאָריס שטיינמאַן, איז גאָרנישט געווען וואָס צו מאַכן. די געשטאַפּאָ האָט אים נישט געוואָלט אַרויסגעבן. שוין דעם צווייטן טאָג נאָך זיין אַרעסט, האָט ער שוין מער נישט געלעבט...

ביי מיר האָט זיך עס יאָ איינגעגעבן.

וויקטאָריאַ! איך ווייס, אַז דאָס, וואָס דו האָסט געטאָן פאַר מיר, וואָל־סטו פאַר יעדערן געטאָן. און דאָך האָסטו מיך געראַטעוועט פון טויט פאַר דיינעטוועגן, פאַר אונדזביידן... מיר זאָלן נאָך ווען זיין פריי און גליקלעך.

אָבער איידער וואָס־ווען, בין איך נאָך דערווייל אַלץ געווען אין תפיסה, צוערשט אין אַן איינצל־צעלע און דערנאָך — אין אַ געמיינזאַ־מער צעלע, זאַלבעפינפט, אַלטע באַקאַנטע, קעמפער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. ס'איז אויך נישט געווען קיין צופאַל. ווידער האָט געשטעקט וויקטאָריאַס האַנט דערין.

איינער פון די צעלע־חברים איז געווען משולם, דער אַלטער משולם, וואָס האָט שוין אַזוי פיל געשטאַפּאָ־פאַרהערן הינטער זיך און איז שוין נישט איינמאָל געשטאַנען אויף דער שוועל פון יענער וועלט.

און דאָך איז ער פול געווען מיט מוט און בטחון! ער איז אויך פול געווען מיט פּראָיעקטן — פאַר זיך גופא און אויך פאַר אַנדערע, פאַר דער גאַנצער וועלט... ער איז גאָרנישט באַשיידן געווען משולם. ער האָט גע־מיינט, אַז אויף דער וועלט קען זיך געפינען גענוג גליק פאַר אַלעמען... די טעג און די נעכט האָבן נישט געקלעקט פאַר זיינע פּראָיעקטן. אַזוי פיל האָבן מיר געהאַט צו רעדן מכוח דער צוקונפט. מיר רעדן, רעדן און ווערן שיכור פון די אייגענע רייד.

איין אָוונט, ווען מיר האָבן זיך שוין געקליבן צו גיין שלאָפן, האָבן זיך די געשטאַפּאָוצעס אַריינגעריסן צו אונדז אין צעלע מיט ליאַרעם און זידל־ווערטער:

— שמוציקע יידן... באַנדיטן... אונטערמענטשן... איר וועט באַלד דער־לעבן אייער פּערטל שעה, נבזהדיקע ברואים...

מיר האָבן גאָר אַנדערש נישט גערעכנט, אַז דאָס איז שוין אונדזער „לעצטער גאַנג". ס'איז קאַלעמוטנע געוואָרן אויפן האַרצן. אַבי נישט נאָך אַמאָל אַריינצופאַלן צו דער „שיינער גרעטכען" אין פּייניקונגס־קאַמער...

די געשטאַפּאָ־לייט האָבן אונדז אַריינגעפּאַקט אין אויטאָ און די פּיסק־לעך פון זייערע האַנט־מאַשין־געווערן האָבן נאָכאַנאַנד געלויערט אויף

אונדז. די לעצטע נסיעה האָט זיך, אָן שום ספק, אנגעהויבן... — אַזוי האָט יעדערער געטראַכט...

הינטער דער שטאָט. דער אויטאָמאָביל שטעלט זיך אָפּ.

„גייט מען אונדז טאַקע דערשיסן ?"...

נאָר וואָס קומט דאָ פאָר ?

די געשטאַפּאָ־לייט האָבן אַראָפּגעלאָזן פון זייערע הענט די מאַשין־געווערן און אַרויפגעפאַלן אויף אונדז קושן זיך :

— איר זענט געראַטעוועט, חברים !

— און איצט — רופט זיך איינער אָפּ פון זיי — פאַרלירט נישט קיין צייט... קריכט, זייט מוחל, אַרויס פון אויטאָ, און קריכט אַריין אין אַט דעם אַנדערן אויטאָ, וואָס וואַרט אויף אייך...

נישט אין אַ געלעכטער האָבן זיי דאָס געזאָגט.

אונדזער אויטאָ האָט זיך טאַקע אָפּגעשטעלט אויפן מיטן שאָסיי. אַ צווייטער אויטאָ האָט געוואַרט דערלעבן.

קורץ, מיר זיינען ווידער געווען פרייע מענטשן...

קאַפּיטל 30.

מאָריס שטיינמאַן לעבט...

וואָס פאַראַ פּראַכט פון אַ נאַטור! דורך און דורך בין איך פון איר פאַרכאַפּט געוואָרן. בערג און שניי, אייביקער שניי.

עפּעס אָטעמט דאָ אַלץ מיט אייביקייט, מיט רחבות, מיט ליכט, מיט שפע. און דאַנקבאַר בין איך דער וועלט, וואָס זי האָט מיר, אַן אָרעמען, פאַרפאָלגטן „אונטערמענטשן", אויך פאַרגונען דאָס גליק צו געניסן פון אַזאַ שיינקייט. לייכט ווערט מיין טראָט. כ'בין נישט מער ווי אַ בינטל נערוון, צוזאַמענגעהאַלטן פון עקשנות און פון ווילן צו לעבן, לעבן.

אַ גרופּע „מאַקיזאַרן" זיינען מיר איצט און מיר גייען עס צום הויפּט־פּונקט זיך צו מעלדן. לכתחילה זיינען מיר געווען זאַלבעזעקס. אונטערוועגס איז אונדזער גרופּע גרעסער געוואָרן. ביי יעדער נייער סטאַנציע, מיטן פורל, אָדער צופוס, האָבן זיך אין אונדזער גרופּע אָנגעשלאָסן נייע פּאַר־טיזאַנער: פראַנצויזן, יידן, שפּאַניער, איטאַליענער. איצט ציילן מיר אַכט און דרייסיק מאַן, אַחוץ די דריי פירערס, וואָס זיינען אָרונטערגעשיקט געוואָרן פון די בערג, כדי אונדז צו ווייזן דעם וועג. זיי זיינען באַוואָפנט מיט רעוואָלווערן און מיט ביקסן.

דאָס שמאָלע שטעגעלע, וואָס פירט אונדז אַרויף, געהערט שוין צו דער „מאַקי". איך פיל זיך עפּעס ווי נייַ־געבוירן. איך האָב נאָך אַפילו קיין נאָמען נישט, ווארום אַלע מיינע נעמען און מאַסקעס, האָב איך גע־לאָזן הינטער זיך. אַלע זיינען מיר אַזוי. איצט קענען מיר זיך רופן, ווי מיר ווילן.

איך וועל איצט צוריק הייסן, ווי פריער, מאָריס, מאָריס לעמבערג, ווי פאַרן מבול.

דער טאָל, וואָס שפּרייט זיך אונטן פאַנאַנדער, ברייטערט זיך אַלץ מער אויס. ווי קליין די הייזלעך קוקן אויס אין טאָל. ווי צאַצקעס, אויס־

געחלומטע אין דער קינדערשער פאַנטאַזיע. גלעקער־קלאַנגען וויגן זיך אין דער קלאָרער, דורכזיכטיקער לופט. דער גאַנצער רוים איז פול מיט זיי. דאָס האַרץ זינגט. יום טוב איז אין מיר און אַרום מיר... ס'איז פונ־דעסטוועגן אַ גרויס גליק צו לעבן אויף דער וועלט!

וואָלט כאָטש אויך וויקטאָריאַ דאָ איצט געגאַנגען מיט מיר.

ווו איז זי אַצינד?

און דעניז ווו איז?

און עס כאַפּט זיך צוריק אויף אין מיר אַ שטילער טרויער. ער יאָגט צוריק אָן אַ מרה־שחורה אויפן זוניקן טאָל. אָן זיי, דוכט זיך מיר, וועל איך אַהין, אויבן, נישט קענען דערקלעטערן.

סוף כל סוף האָב איך אָבער יאָ דערקלעטערט. נישט צום העכסטן שפּיץ, נאָר צו אַ פּליין, וואָס ליגט צווישן די בערג. דאָס איז געווען דער „געאָגראַפישער" פונקט פון דער „מאַקי".

אַ סך באַקאַנטע און חברים האָב איך דאָרט געטראָפן. עס הויבט זיך באַלד אָן אַ קייט פון אויספרעגענישן:

— פון וואַנען קומסטו?

— איך האָב זיך נישט געריכט.

— איך אויך נישט!

— דאָ וויסן מיר אַלץ. מיר האָבן אַן אַפּאַראַט, וואָס ווייסט אַלע נייעס צו דערציילן.

— און דיין פאַמיליע, דבורהלע, די מאַמע?

— איך האָב שוין לאַנג פון זיי קיין ידיעה נישט. איך גלויב, אַז זיי געפינען זיך אין שאַנטיני.

— שאַנטיני, זאָגסטו? דאָס שטעטל איז שוין פריי. אָבער דער וועג אַהינצו איז פאַרשטעלט פון די דייטשן.

נאָך לאַנג האָבן מיר גערעדט פון די, וואָס זיינען אומגעקומען און פון די, וואָס זיינען על פי נס ניצול געוואָרן.

אַ לויטערע און קלאָרע נאַכט געווען. אַ נאַכט, וואָס לאָזט זיך נאָר פאָרשטעלן אונטערן פרייען הימל, מיט פאַלנדיקע שטערן, מיט אַ האַנט־האַרמאָניקע, מיט לידער און מיט ברעזענטענעביידלעך.

פון דער העלער הויט כאַפּט זיך אייגער אַרויס:

— מאָריס וועט זיין שטאַרק צופרידן דיך צו זען דאָ.

איך האָב אים אָנגעקוקט:

— נישט דיך, מיין איך — מאַכט יענער — איך מיין, מאָריס שטיינ־מאַן.

— וועמען מיינסטו ? — ווונדער איך זיך נאָך אַלץ. — אייער קאָ־מענדאַנט ?

— יאָ, אונדזער קאָמענדאַנט ! וואָס ווונדערסטו זיך אַזוי ? משולמס אַ נאָענטער חבר.

— פון וואַנען קען ער משולמן ?

— זיי שטאַמען אַפילו פון איין שטאָט.

— מיר זיינען ווייטע קרובים — רופט זיך אָפּ משולם — גליד־שוועסטער־קינדער. קענסט אים אוודאי אויך, מאָריס.

איך קען אים נישט. נאָר אויב ס׳איז דער, וועמען איך מיין, האָב איך אַ סך געהערט וועגן אים.

— וועמען מיינסטו ? — פרעגט נאָכאַמאָל משולם.

— איך מיין : מאָריס שטיינמאַן. ס׳איז דאָ אפשר פאַראַן נאָך איינער. אָבער דער מאָריס שטיינמאַן, וועמען איך מיין, איז, אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, אומגעקומען. די געשטאַפּאָ האָט אים פאַרפייניקט. איך האָב אַפילו געזען זיין קבר.

— איצט פאַרשטיי איך שוין דיין חידושן זיך ! — האָט זיך יענער אָפּגערופן. — אַ סך מיינען, אַז ער לעבט נישט מער און דאָ איז ער אונדזער קאָמענדאַנט.

— וואָס הייסט ?

— דאָס הייסט אַזוי גוט, ווי אַז ער לעבט און איז געזונט און איז דער אָנפירער פון אונדזער „מאַקי״.

— איך הויב נישט אָן צו פאַרשטיין. כיבע איר רעדט פון אַן אַנדער שטיינמאַן.

— ניין, מיר רעדן נישט פון אַן אַנדער שטיינמאַן, נאָר טאַקע פון דעם, וועמען דו מיינסט.

— דער, וואָס איז אומגעקומען ?

— וואָס איז כלומרשט אומגעקומען...

— איז ער, הייסט עס, נישט אומגעקומען ?

— אוודאי נישט.

— איך האָב אַליין געזען זיין קבר — זאָג איך — איך האָב איבער־געלייענט זיין נאָמען אויפן מצבה־ברעטל.

— איך גופא — האָט זיך אָפּגערופן משולם — האָב אויסגעקריצט זײַן נאָמען אויפֿן ברעטל מיט אַ כּיוון.

— אויף מאָריס שטיינמאַנס קבֿר ?

— אויף דעם קבֿר, וואָס מען מיינט, אַז ער איז מאָריס שטיינמאַנס...

— און דאָרט ליגט, הייסט עס, באַגראָבן אַן אַנדערער ?

— אַזוי איז עס.

— דערציילט־זשע ווי אַזוי איז עס געשען.

— מאָריס שטיינמאַן איז טאַקע געפּייניקט געוואָרן. די געשטאַפּאָ האָט אים אָנגעטאָן אַזעלכע צרות, אַז ס'איז אַ וווּנדער, ווי ער האָט עס איבער־געטראָגן. דער עיקר — איינע אַ געשטאַפּאָ־מויד מיט אַ גילדערן צלמל אויפֿן האַלדז. ער האָט שוין געהאַלטן ביים אויסהויכן די נשמה; האָט מען אים אַרייַנגעוואָרפֿן אין אַ צווייט קעמערל און אים דאָרטן געלאָזן ליגן. זיי האָבן שוין, זעט אויס, געמיינט, אַז ער לעבט נישט מער. אָבער אין אַ פּאָר שעה אַרום איז ער געקומען צו זיך. זעט ער לעבן זיך ליגן צוויי קערפּערס. ער שאַרט זיך צו צו זיי — ביידע זייַנען טויט ! ער טוט אַ זוך ביי איינעם אין די קעשענעס — ער געפינט אַ פּולן „גאַנג" דאָקומענטן אויפֿן נאָמען פֿון זשאַן דיזשאַרדען... איצט טראָגט ער טאַקע דעם נאָמען פֿון זשאַן די־זשאַרדען. דעם אַנדערן טאָג האָט מען זיי אַרויסגעפירט אויפֿן בית־עולם און אים, צוזאַמען מיט די איבעריקע צוויי, איבערגעגעבן די פֿראַנצויזישע בית־הקבֿרות־לייט... זיי האָבן שוין געוווּסט, אַז איינער פֿון די דריי לעבט און אַז דאָס איז דיזשאַרדען... היינט פֿאַרשטייסטו שוין, פֿאַרוואָס שטיינ־מאַן ליגט כּלומרשט באַגראָבן אויפֿן בית־עולם...

איך האָב בעת מעשה געטראַכט פֿון וויקטאָריאַן, איך האָב געפּרוווּט זיך אויסצומאָלן די איבעראַשונג אירע, ווען זי וועט זיך דערוויסן, אַז מאָריס שטיינמאַן לעבט. די ערשטע צייט האָט זי מיר אַזוי פֿיל אַנדער־ציילט פֿון אַ שטיינמאַן, וואָס האָט זיך באַוויזן אויף איר האָריזאָנט. מיר איז דעמאָלט אויסגעקומען, ווי איך גופא וואָלט אויך געלעבט נאָר אין זכות פֿון דעם שטיינמאַן. איך בין עפּעס געוואָרן זייַן שאָטן...

איך האָב זיך אַ ביסעלע געשראָקן פֿאַר דער נייַער סיטואַציע. אָבער זאָגן, אַז איך האָב זיך נישט געפֿרייט, זיך דערוויסנדיק, אַז שטיינמאַן לעבט, וואָלט געווען נישט אמת.

שטיינמאַן האָט פֿון זייַן אינספּעקציע איבער דער געגנט געזאָלט צוריק קומען צומאָרגנס. וועל איך אים, הייסט עס, זען... געוויס וועלן מיר רעדן פֿון וויקטאָריאַן. ווייסט ער כאָטש, אַז וויקטאָריאַ גלויבט, אַז ער איז טויט ?

פאַרוואָס אָבער האָט ער ביז איצט נישט צוויסן געגעבן, אַז ער לעבט? און אפשר האָט ער איר דאָס יאָ צוויסן געגעבן? אויב אַזוי... צי האָט זי אים נאָך ליב, וויקטאָריאַ? און אפשר האָט ער פאַר דער צייט ליב באַקומען אַן אַנדערע?...

די נאַכט איז פול מיט לבנה. איך קען זיך נישט אַנטשליסן צו גיין שלאָפן. איך בין אויפגערעגט. אויך די איבעריקע האָבן נישט קיין חשק צו גיין שלאָפן. מיר האָבן זיך אַזוי לאַנג נישט געזען, אַזוי פיל סכנות האָבן מיר דורכגעמאַכט בייזאַמען, מיר האָבן פאַרלוירן אַזוי פיל נאָענטע מענטשן — האָט מען זיך צו דערציילן אָן אַ סוף.

איך הער זיך צו ווי איינער דערציילט. ער איז שוין געווען אין דער־פאַרטאַציע־צוג פון דראַנסי. עס האָט זיך אים און נאָך צוויי איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון לאַסט־וואַגאָן. ער האָט אויסגעהאַקט צוויי ברעטער, זיי האָבן ריזיקירט צעמאַלן צו ווערן פון די באַן־רעדער. אַ משוגע־געוואָרענע פרוי האָט געשריען, זי האָט זיך אָנגעהאַנגען אין זיינע האָר. שפּעטער — די געשטאַפּאָ, די מוראַדיקע קלעפּ.

איך הער זיך צו און די מעשה פון מאָריס שטיינמאַן פּלאָנטערט זיך מיר כסדר אין קאָפּ. נישט שוין־זשע — פרעג איך — בין איך אַזוי טיף געפאַלן, אַז איך קען באַהערשט ווערן פון אַ קליינלעכן אייפערזוכט־געפיל? ווי איז עס מעגלעך? ווי האָב איך זיך געקענט אַזוי פאַרוויקלען? איך ראַנגל זיך מיטן דאָזיקן וואָרעם, אָבער איך בין שוואַך. נישט ווילנדיק, פאַרקערעווע איך ווידער דעם שמועס איבער שטיינמאַנען.

משולם האָט, זעט אויס, דורכגעלויכטן מיינע געדאַנקען. ער איז אַ גרויסער מבין אויף אַזעלכע סיטואַציעס. מיט אים איז אויך אַמאָל פאַר־לאָפן עפּעס ענלעכס. נישט מיט אים, אייגנטלעך, נאָר מיט ראָזעט און אירען. אָבער אין דעם דאָזיקן קלימאַט האָט ער זיך באַוועגט חדשים־לאַנג. ווייסט ער מיט וואָס דאָס שמעקט.

— מאָרגן וועט ער דאָ זיין — מאַכט ער צו מיר — וועסט אַליין זען צי ס׳איז טאַקע דער זעלבער שטיינמאַן.

— מיר איז דאָס גאָרנישט אַזוי וויכטיק צו וויסן — רוף איך זיך אָפּ אין אַ טאָן, וואָס קלינגט אָן שום ספק פאַלש.

— איז אוודאי גוט.

אָבער דער אומרו האָט מיך נישט אָפּגעלאָזן. אין דעם ווייטערדיקן שמועס האָב איך זיך קנאַפּ וואָס באַטייליקט. ביז איך בין נאָר איינער גע־

בליבן וואַך. איך בין געבליבן ליגן אין ברעזענטענעםביידל און דורך אַ שפּאַלט אַרויסגעקוקט צו דער לבנה.

איך טראַכט מער פון גאָרנישט. מיין צוזאַמענטרעף מיט שטיינמאַנען... געוויס... אַ קליינע איבעראַשונג. אָבער דער עיקר — די גרויסע פרייד פון באַפרייאונג.

קאַפּיטל 31.

און דאָס קינד האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן וויקטאָר

אויך אירען האָט זיך דערשלאָגן צו דער „מאַקי": ס'איז גאָר אַנדערש נישט געווען צו דערוואַרטן. ביז עק וועלט וואָלט זי געגאַנגען, נישט גע־קוקט אויף אַלע שוועריקייטן, אַבי צו טרעפן משולמען. ראָזעט איז פאַר־בליבן אין פּענסיאָן.

נאָר נישט דאָס בין איך איצט אויסן. אַ סענסאַציאָנעלע ידיעה האָט זי מיטגעבראַכט, אירען — וועגן דעם טויט פון פּראָקוראָר פינזשעל. אַלע צייטונגען זיינען פול געווען מיט דעם נקמה־אַקט פון די „טעראָריסטן". די פּרטים, וואָס אירען האָט מיטגעבראַכט אין דער מאַקי, זיינען באמת געווען סענסאַציאָנעלע. סענסאַציאָנעל איז געווען דאָס, וואָס אויסגעפירט דעם אַטענטאַט האָט וויקטאָריאַ. די צייטונגען האָבן אַפילו דעמאָלט יאָ גערעדט וועגן אַ פרוי, אָבער איר נאָמען האָבן זיי נישט דערמאָנט. און אָט שטעלט זיך אַרויס, אַז דאָס האָט זי, וויקטאָריאַ, אומגעבראַכט דעם פּראָ־קוראָר פינזשעל.

צו מיין איבעראַשונג, צו מיין שמחה, צו מיין שטאָלץ איז גאָר קיין שיעור נישטאָ.

דאָס האָט יעדנפאַלס געקענט געשען שוין נאָכדעם, ווי איך בין אויף אַזאַ אומגעריכטן אופן באַפרייט געוואָרן. און כאָטש איך האָב גע־ווּסט, אַז וויקטאָריאַ האָבן זיי נישט באַוויזן צו כאַפּן, האָב איך דאָך נישט גע־קענט איינהאַלטן זיך און אַ פרעג געטאָן:

— און וואָס איז געשען מיט וויקטאָריאַן ?

איך בין צוגעפאַלן צו אירענען, גרייט אַרויסצורייסן פון איר דעם ענטפער, איידער זי וועט נאָך באַוויזן אים צו אַרטיקולירן.

— שרעק זיך נישט — האָט זיך אירען אָנגערופן — שרעק זיך נישט. מען האָט איר נישט געכאַפּט.

איך האָב פריִער אָפּגעאָטעמט.

און אירען האָט דערציילט, ווי אַזוי דער אַטענטאַט איז צוגעגאַנגען. אַ וואָך צייט נאָכדעם האָבן זיי זיך אַפילו אויסבאַהאַלטן אונטער איין דאַך.

— אונטער איין דאַך ? — האָב איך זיך געחידושט.

— אין איין צימערל האָבן מיר געוווינט.

— ווי האָט זי זיך געהאַלטן ? — האָב איך נישט נאָכגעלאָזן.

— זי איז אַ וווּנדערבאַרע פרוי, וויקטאָריאַ ! — האָט זי איר גערימט.

— איך ווייס, איך ווייס ! — האָט זיך ביי מיר אומגעריכט אַרויסגעריסן.

נאָך צוויי, וואָס זיינען אַרומגעשטאַנען, האָבן געקענט וויקטאָריאַן. דאָס זיינען געווען משולם און מאָריס שטיינמאַן.

— האָסט זי געזען פאַרן אַטענטאַט אויך ? — האָט משולם אַ פרעג געטאָן.

— איך האָב זי געזען אַ שעה פאַר דעם. איך האָב געקענט דעם פּלאַן, כאָטש איך האָב אָפיציעל קיין שום שייכות נישט געהאַט מיט דעם אַטענטאַט.

— דערצייל ! — האָב איך שוין אומגעדולדיק אויסגעשריען.

— די לעצטע טעג האָט זיך וויקטאָריאַ דערוווּסט, אַז ביי דער פאַר־אורטיילונג צום טויט פון באַקאַנטע „טעראָריסטן", איז פינזשעלס אחריות געווען אַ סך אַ גרעסערע, ווי מען האָט געמיינט. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט ער אַ חלק אין דער פאַראורטיילונג צום טויט פון אונדזער ליבן, אומפאַר־געסלעכן חבר שטיינמאַן, הגם אָפיציעל איז ער גאָרנישט געווען דער פּראָ־קוראָר אויפן פּראָצעס. זיינע בלוטיקע לאַפּעס זיינען אויך געווען פאַר־מישט אין אונדזערע פּראָצעסן. איר איינפלוס איז קלענער געוואָרן ביי אים לעצטנס, זי איז געווען שוואַנגער...

— וויקטאָריאַ איז שוואַנגער ? — האָט זיך מאָריס שטיינמאַן פּלוצים געכאַפּט.

איך האָב באַמערקט, ווי זיין פּנים האָט זיך פאַרפינצטערט. צוויי קרומע קנייטשן זיינען אויפגעשטיגן אויף זיין שטערן. ער האָט זיך אָבער מיט קיין איין וויַיטערדיקער מינע נישט אויסגעגעבן. פון דער רגע אָן איז ער פאַרבליבן שטום ווי אַ פיש און האָט זיך מער מיט קיין וואָרט נישט אָפּגערופן. ער האָט אויסגעהערט די געשיכטע ביז צום סוף, אַ שווייגנדיקער.

„וואָס קומט אים אין פאַר ?" — האָב איך נישט אויפגעהערט זיך צו פרעגן. אַ ים מיט סברות און השערות, איינע אויסטערלישער ווי די אַנ־דערע, האָבן געגליט אין מיין מוח. איך בין צו קיין טאָלק נישט געקומען.

זאָל זיין, אַז ער האָט אַ חשד אויף וויקטאָריאַס לעגיטימען מאַן ? קיין שום חשד קען דאָך נישט פאַלן אויף עמיצן אַנדערש, אַחוץ אויף מיר. אָבער ווו איז דער חטא ? וויקטאָריאַ האָט דאָך געמיינט, אַז ער איז טויט, האָט זי דען באַדאַרפט טרויערן נאָך אים דאָס גאַנצע לעבן ?

„ס'איז ביי מאָריס שטיינמאַן געוויס געקרענקטע אייגנליבע — בין איך געקומען צום אויספיר — דאָס איז אַלץ".

פונדעסטוועגן פיל איך זיך אַ ביסל שולדיק לגבי אים.

זי איז אַ העלדין, זי האָט אומגעבראַכט אַ טיראַן, זי האָט נקמה גע־נומען פאַר אַזוי פיל אומשולדיק־פאַרגאָסן בלוט... זי האָט זיך אַפילו נוקם געווען פאַר שטיינמאַנס אייגענעם טויט... ער לעבט אָבער און ס'איז גוט, וואָס ער לעבט, איך פריי זיך, וואָס ער לעבט... דאָס גלייכסטע וואָלט געווען אים אַרומצונעמען און האַרציק און ברידערלעך זיך צעקושן מיט אים. נאָר אויף אַזאַ אופן וועט מיר געלינגען צו פאַרטרייבן דעם שווערן שאָטן, וואָס האָט זיך אויסגעשפרייט צווישן מיר און אים...

פינזשעל, וויקטאָריאַ, זשאַן, מאָריס, אירען און איך גופא — יעדער פון אונדז שפּילט אין דער דאָזיקער דראַמע אַ געוויסע ראָל, איינער אַ קלענערע, איינער אַ גרעסערע. מיר קומט אויס, ווי איך וואָלט געהאַלטן אין פאַלן אין חלשות. דער קאָפּ דרייט זיך מיר. איך בין אַזוי ווי שיכור.

און אַרום אונדז, אין דעם „מאַקי"־לאַגער, קאָכט דערווייל ווי אין אַ בינשטאָק. אין דער לעצטער נאַכט זיינען דאָ פאַראַשוטירט געוואָרן כלערליי מינים געווער. „האָטשקיס"־ביקסן, קוילן, גראַנאַטן, קליינע מאַ־שין־געווערן, מלבושים און עסנוואַרג. אַלע פרייען זיך ווי די קליינע קינ־דער. מען פוצט דאָס געווער. ס'איז אַ פראַגע פון וואָכן, אפשר נאָך פון טעג און פראַנקרייך וועט אָפּגערוימט ווערן פון די דייטשן. די גאַנצע וועלט וועט באַלד באַפרייט ווערן.

אַ סברה, אַז דער וועג צום דערפל, ווו די סאַנאַטאָריע געפינט זיך, וועט אויך באַלד פריי ווערן. פאַרוואָס־זשע גיט נישט מאָריס קיין באַפעל מען זאָל אָפּרוימען דעם וועג אַהין ? אין די ראַמען פון אַלגעמיינעם אַנגריף־פּלאַן, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין פאַרטיזאַנער־גענעראַל־שטאַב פון היגן אָפּעראַציע־סעקטאָר, ליגט דאָך אָן שום ספק אָט דער וועג. פאַר־וואָס האָט מאָריס פאַר די נאָענטסטע טעג באַשטימט אַ דורכברוך־אָפּע־ראַציע אין אַ פונקט פאַרקערטער ריכטונג ? האָט ער מורא זיך צו טרעפן מיט וויקטאָריאַן ? אַזוי זעט אויס ! איך רעד נישט מיט אים וועגן דעם. איך קען וועגן דעם נישט רעדן מיט אים. איך האָב געפּרוווט באַרירן די

טעמע אין אַ שמועס מיטן לייטענאַנט קודער, וואָס איז שטיינמאַנס רעכטע האַנט. ער האָט געהויבן מיט די פּלייצעס. זיינע אַרגומענטן זיינען זייער מאָדנע.

אונדזער סעקטאָר האָט שוין דורכגעבראָכן אַ וועג צו דער נאָענטסטער „מאָקי״, אַ פּופּצן קילאָמעטער ווייט פון אונדז, איבער די בערג. יענע ווידער האָבן זיך שוין פאַרבונדן מיט אַנדערע. אַ שטיק פריי פראַנקרייך געהערט שוין אונדז.

ביז וואָס־ווען, ביז דער סיגנאַל וועט געגעבן ווערן צום אַלגעמיינעם אָנגריף, פּאַטרולירן מיר די אומגעגנט. אין דער פרייער צייט שמועסן מיר, מען דיסקוטירט. אָבער — וויקטאָריאַ — זי קריכט מיר נישט אַרויס פון זינען. איך אָבסערוויר מאָריסן. גאָרנישט. זיין פּנים איז אַ פאַרגליווערטע מאַסקע. פון צייט צו צייט זייעט זיך דורך אַ שמייכל דורך זיין הויט. ער רעדט ווייניק מיט מיר, אָבער ער איז פריינטלעך.

אין די הייזלעך, וואָס קלעטערן באַרג־אַרויף, איז פול מיט לעבן, ליאַרעם, פרייד. די באַפרייאונג שטייט פאַר דער טיר. וועלן מיר האָבן גענוג כּוח כאָטש צו געניסן פון איר ?

●

קאָלאָנען־מאַרש !

מיר מאַרשירן. וויפל זיינען מיר ? טויזנטער, טויזנטער, פּאַטריאָטן, קעמפער, פ. פ. אי. דער קאָמענדאַנט מאַרסעל גייט פאָרויס. מיר גייען מיטן וועג, וואָס פירט צו דער סאַנאַטאָריע.

איז עס אמת ? איך קען מיינע אויגן נישט צוגלויבן. די שעה האָט ענדלעך געשלאָגן ! דער טאָג איז סוף כּל סוף געקומען.

אונטערוועגס, קומט אונדז נאָך אויס צו פאַרהאַלטן זיך אַ פּאָר שעה און דורכשיסן זיך מיט אַן אָפּטייל דייטשן. מיר שניידן זיי אָפּ דעם וועג. פאַראַן צוויי טויטע ביי אונדז און ניין פאַרוואונדעטע. ביי די דייטשן פאַלן אַ סך מער. מיר האָבן כמעט אַ האַלבן באַטאַליאָן גענומען געפאַנגען.

אין דערפל האָבן זיך די פּאַרטיזאַנען צעוואָרפן אין אַלע זייטן. אויפן שמאָלן שטעגעלע, וואָס פירט צו דער סאַנאַטאָריע, גייען פיר פּאַרטיזאַנער : משולם, אירען, שטיינמאַן און איך. דאָס שטעגעלע איז אַ שמאָלס. מיר מוזן גיין איינער הינטערן אַנדערן, אין אינדיאַנער־מאַרש. מאָריס שטיינמאַן גייט פאָרויס. עס זיינען פאַרבליבן אפשר נישט מער ווי הונדערט טריט, און פּלוצים דרייט זיך מאָריס שטיינמאַן אויס.

— מאַריס — מאַכט ער צו מיר — גיי דו דער ערשטער.

—פאַרוואָס ? — האָב איך זיך געוווּנדערט.

ער האָט מיר אויף דער פראַגע קיין ענטפער נישט געגעבן, דערפאַר האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן :

— זי מיינט נאָך אַלץ, אַז איך בין טויט ?

— איך ווייס נישט, אפשר האָט זי פאַר דער צייט זיך דערוווּסט, אַז דו לעבסט. פאַר מיין צייט האָסטו ביי איר געהייסן טויט.

— זי האָט עס דיר אַליין געזאָגט ?

— נישט איינמאָל.

— און זי האָט, פאַרשטייט זיך, אין מיר פאַרגעסן...

— דאָס נישט, מאַריס. זי האָט נישט אויפגעהערט צו דערמאָנען דיך ביי יעדער געלעגנהייט. זי האָט נישט אויפגעהערט דיין „קבר״ צו באַפּוצן מיט די שענסטע בלומען...

— מיין קבר ?

— פאַרגעסט, אַז פאַר איר ביסטו געווען טויט און ליגסט באַגראָבן אויפן קליינעם בית־עלמין אין ליאָן.

— געוויס ! — איז ער מסכים געווען און האָט טרויעריק געשמייכלט.

איצט גייען מיר שוין אַלע אין דער גאַנצער ברייט. ער האָט מיך אַפּ־גענומען אונטערן אָרעם, כדי איך זאָל זיך נישט ארונטערקייקלען אין גראָבן אַריין.

— איך האָב נישט גוט געטאָן — מאַכט ער צולעצט, נאָך לאַנגן שווייגן, — וואָס איך האָב אַזוי ווייט געטריבן די קאָנספּיראַציע־מיסטיק און האָב איר נישט צוּוויסן געגעבן, אַז איך לעב.

איך האָב געשוויגן.

און דערנאָך — ווידער :

— מיין פרייהייט האָב איך אַזוי גוט ווי געוווּנען, אָבער מיין גליק...

— זי האָט דיך נאָך אַלץ ליב, מאַריס, נישט געקוקט...

— נישט געקוקט אויף וואָס ? — האָט ער מיר איבערגעריסן — נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי האָט אַ קינד פון אַן אַנדערן, ווילסטו זאָגן ? ביסט גערעכט. איך האָב אַצינד נישט קיין שום רעכט זי צוצונעמען פון דעם אַנדערן. איינער איז דאָ איבעריק. איך בין דער איבעריקער...

●

מאָריס שטײנמאַן איז גערעכט געװען. אײנער איז דאָ געװען איבעריק. אָבער דער אײנער איז געװען, נישט ער, נישט איך, נאָר — װיקטאָריאַ.
מיט אײן נאַכט פריער איז װיקטאָריאַ געשטאָרבן אין קימפּעט. דאָס קינד איז געבליבן לעבן. ס׳איז געװען אַ ײנגעלע. מיר האָבן עס אַ נאָמען געגעבן װיקטאָר — זיג.

Imprimerie S. I. P. N.
14, Rue de Paradis
PARIS Xe